STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02779

DOS PONEM FUN DORF

L. Seifullina

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. סייפולינא

דאָס פּנים פון דאָרף

424-ל

לידיא סייפולינא

דאס פנים פון דארף

פון רוסיש: י. ראפאפארט

CULTURAL CLUB

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע

Printed in Poland

L. Sajfulina
O b l i c z e W s i
Wyd. „Kultur-Lige“ Warszawa, 1927.
Druk. „Hacefira“, Leszno 54, tel. 105-88

דאס פנים פון דארף

I.

חעגן לעבינען טראָגן זיך פאַרשידענע קלאַנגען. ער שטאַמט פון דייטשן. א רוס, — אָבער אָנגעדונגען ביי די דייטשן און איז אריינגעפירט געוואָרן קיין רוסלאַנד אין א פלאָמבירטן וואַגאָן צו מאַכן א בהלה. דער געוועזענער דאָרף־סטאַרשינא זשיגאַנאָוו האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיטן דאָזיקן מענטשן. תמיד ברענגט ער פון שטאָט א נייעם קלאַנג. נעכטן האָט ער זיך אומגעקערט נאָך האַלבער נאַכט; אָבער ניט געקענט זיך איינהאַלטן און אָנגע־קלאַפּט אין פענצטער פון דאָרף־ביבליאָטעק. צום פענצטער האָט זיך דערשראָקן א וואָרף געטאָן פון טיש דער דאַרער קליינוווקסיקער ביבליאָטעקאַר סערגיי פּעטראָוויטש. פאַרזעסן זיך איבער צייטונגען.

— ווער איז דאָרט? וואָס איז?

זשיגאַנאָוו האָט האַרט צוגעדריקט צו דער שויב זיין שוואַר־צע באָרד און דורך די טאָפּלטע פענצטער הילכיק אַריינגעשריגן:

— ער איז אַנטלאָפן! שרעקט זיך ניט. א גוטינקן אָוונט אייך! כ׳בין נאָר וואָס פון שטאָט. אַנטלאָפן!

— גוטן אָוונט, אַלעקסיי איוואַניטש! ווער איז אַנטלאָפן?

— לענין. האָט אַלץ צוגענומען פון די בענק אויסגעראָמט! און נעלם געוואָרן. מ׳זוכט אים אַרום. מאָרגן וועל איך אייך דער־ציילן גענוי!

— קומט אריין, אַלעקסיי איוואַנאָוויטש. כ׳מאַך שוין אויף.

— קיין צייט נישטאָ. מ'וואַרט אין דער היים. מאָרגן וועל איך אַלץ דערציילן!

— בלעטער האָט איר געבראַכט?

— געבראַכט. אָבער אַלטע. אין זיי איז נאָך נישט אָפּגעדרוקט. לויט אַ טעלעגראַם... העי דו, באָלשעוויצקע כאָלערע, ט-פרו-ו!

אין שליטן האָט ער שוין גערעדט צו זיך אַליין:

— אײַנשטיין קען דאָס נישט! אַהיים ווילט זיך, פרעסן ווילט זיך! אַז מ'שמועסט — אַ בהמה!

און אויף מאָרגן איז די פרייד פאַרשוווּנדן. מ'האָט אָפּגענאַרט אין שטאָט: אינדערפרי איז געקומען צופאָרן עפּעס איינער מיט אַ בעלמע אויפן אויג, מיט אַ „מאַנדאַט", און געלייענט אויף דער פאַרזאַמלונג אומפאַרשטענדלעכע ווערטער: „פון סאָוונאַרקאָם [1] צו די איספּאָלקאָמען [2] פון אַלע סאָוודעפּן [3]" לעניין איז נישט אַנטלאָפן. אָט אויף אַזאַ לשון רעדט ער טאַקע.

ווען לענינען רעדט מען מער אין נ ע ב ע ס נ אָ ו ק ע.

דער דאָרטיקער עולם איז אַ יודע ספר, סעקטאַנטן. ווען זיי זענען אַהער געקומען פון רוסלאַנד, איז זיי דאָ געפעלן געוואָרן. אויפן הימל, זאָגן זיי, זענען מיר אַרײַנגעפאַלן. און טאַקע אַזוי אַ נאָמען געגעבן: נ ע ב ע ס נ אָ ו ק ע. [4] אַלע סעקטאַנטן קענען אין די שוואַרצע פּינטעלעך: זיי דאַרפן לייענען די הייליקע שריפט. פון ט אַ מ ב אָ ו ק ע, כאָטש ט אַ מ ב א ו ק ע - נ ע ב ע ס נ א ו ו ק ע איז איין דאָרף, האָבן זיי זיך אָפּגעגרעניצט מיט אַ סלופּ און אַ ברעטל. אויף דאָס ברעטל איז פאַר קענערס. ווייס אויף שוואַרץ אָנגעשריבן: נעבעסנאָווקע: זכרים — 495 נפשות, נקבות — 581. כמעט הינטערן סאַמע ברעטל קומט אויס די לעצטע טאַמבאָווסקער שטוב, אָבער — שוין גאָר אַן אַנדער עולם

---

1) ראַט פון פאָלקס = קאָמיסאַרן
2) אויספיר = קאָמיטעטן
3) אַרבעטער = ראַטן
4) אויף רוסיש — הימל = ישוּ

פּײנערע, יונגערע און געבילדעטערע קענען אין טאַמבאָווקע אויף אויסגעבונדן לעבינען, אָבער װײַבער און אַלטע װײַסן װעגן באַלשעװיקעס אײנס: זײ מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה. פון װאַנען נעמען זיך באַלשעװיקעס — אַזוי טיף קוקן זײ נישט אַרײַן. אַ נישט-דערפאַרענער עולם. בלײַבן הינטערשטעליק. דער סטאַרשינאַ זשיגאַנאָװ איז פון נעבעסנאָװקע. די טאַמבאָװקער סאָלדאַטשינע האָט אים באַזײַטיקט פון אמט. און איצט גײ קלײַב זיך פאַנאַנדער װער איז די מאַכט. דער זעלנער סאָפּראָן איז דער אָנפירער. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט ער זיך אײַנגעגעסן אין זשיגאַנאָװן:

— הער נאָר, דו, מאָלאָקאַנער [1]) דראָנג! ס'אַרא קלאַנגען צוטראָגסטו װעגן דער נײַער מאַכט?

סאָפּראָן איז הויך און ברײטפּלײציק, אָבער די זשיגאַנאָװשע אויגן רײַצן זיך מיט אים פון אויבן-אַראָפּ מיט זײער שװאַרצן גלאַנץ. מיט אַ קאָפּ העכער פאַר סאָפּראָנען. און נישט פון די שרעקעװדיקע, אָבער אַ דורכגעטריבענער, פון דער העלער הויט װעט ער נישט קריכן שלאָגן זיך מיט אַ שוטה.

— װאָס שפּריגסטו אויף מיר, װי אַ האָן אויף אַ הון? װאָס כ'האָב געהערט אין שטאָט, האָב איך דערציילט. מ'האָט מיר געפּלאַדערט, האָב איך אויך געפּלאַדערט. װי געקויפט, אַזוי פאַרקויפט.

די פּויערים אָטעמען זײ שוין אין פּנים, זיך צוזאַמענגעקנוילט. דער צוגעפאָרענער מיטן מאַנדאַט איז אַװעק טרינקען טײ. די פאַרזאַמלונג איז זיך נישט פאַנאַנדערגעגאַנגען. צונויפקלײַבן זײ פון די שטיבער איז שװער, אָבער קלײַבן זײ זיך שוין צונויף, די דאָרפס-לײַט — װעסטו זײ נישט צעטרײַבן.

שװער אַרבעטן די מוחות. אײדער זײ פרעגן אַלץ אויס,

---

1) מאָלאָקאַנער—אַ רוסישע סעקטע, װאָס איז קעגן יעדער בלוט-פאַרגיסונג, קעגן רעגירונגס-געװאַלט, און װאָס האַלט נישט פון דער גריכיש-אָרטאָדאָקסישער קירכע (דער איב.)

פאַרגייען שעהן אַ סך, פאַר זשיגאַנאָוון האָט זיך אָנגענומען דער סעקטאַנטישער לערער קאָטשעראָוו;

— בירגער סאָפּראָן אַרטאַמאָנאָוויטש, נישט שיין אַזוי צו קריכן אין די אויגן! אַלעקסיי איוואַניטש איז אַ בכבודער מענטש. געהערט אין שטאָט — האָט ער איבערגעגעבן די ידיעה. און אויב ס'איז אַרויסגעקומען אַ טעות...

סאָפּראָן ווייס נישט פון קיין חכמות. פון קאָטשעראָווס שכל־דיקע רייד איז ער אַרויס פון די כּלים, זיך הויך צעשריגן אויפ'ן גאַנצן גרויסן קלאַס. אַלע פאַרזאַמלונגען קומען פאָר אין שולע.

— חברים! בירגער! גאַנץ נעבעסנאָווקע זענען בעלי־גופים. גלויבט נישט זייערע זיסע ריידעלעך. כ'וועל אייך באַלד האַלטן אַ רעדע! אַזוי ווי כ'בין אַליין פאָרזיצער פון דאָזיקן מיטינג, וועל איך נעמען דאָס וואָרט!

און גלייך הינטערן טיש, פון וואַנעט מ'האַלט רעדעס. די אורלויב־סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. די סאָלדאַט־קעס און די שלעפּערס פון יענער זייט גראָבן, וווּ די אָרימקייט וווינט, — נאָך זיי. די נעבעסנאָווקער האָבן זיך צוערשט אַ לאָז געטאָן צו דער טיר נאָכן טאַמבאָווער סוחר ס י ט ש ו ג י ן, אָבער שנעל האָט מען זיי איבערגעגעבן זשיגאַנאָווס מורמל:

— בלייבט אויף די ערטער! קאָטשעראָוו וועט זיך שוין אָפּ־רעכענען מיט סאָפּראָנען!

סאָפּראָנס געקרייזלטע, געלע האָר שטייען תמיד אין דער הויך, נעמען אַרום דעם קאָפּ ווי מיט אַ שיין. די באָרד איז אויך אַ געלע, און נישטאָ אין איר קיין סאָלידקייט. אַ צושויבערטע, אויף אַלע זייטן. און אין די אויגן נישטאָ קיין שטרענגקייט. בלויז בלויקייט, וואָס ווערט טונקל אין צאָרן, אָבער אָן בליי. זי שרעקט דעריבער נישט.

— חברים! נעבעסנאָווקער געלטזעק פאַרטומלען אונז. מיר האָבן אויפ'ן פראָנט פאַרגאָסן בלוט און זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער זייער גאָט! די אמונה, כּלומרשט, דערלויבט נישט צו־גיין אויף דער מלחמה! און איצט שמעקט זיי ווידער אונזער בלוט!

װעלכע מאַכט ס'איז פאַר מלחמה, די װילט זיך זײ! אונזערע טױג זײ נישט!

מיט אַ גליאַרעם האָט זיך אָפּגערופֿן די פֿאַרזאַמלונג:

— ריכטיק! הינטער גאָט זיך אױסבאַהאַלטן און בײכער אױסגעפּאַשעט!

— אונזערע זענען אױך געװען אױף דער מלחמה! נאָר די דאָבראָליובאָװער האָבן זיך אָפּגעזאָגט!

— פֿאַר קאַטאָרגע האָבן מיר נישט קײן מורא געהאַט, און אױף דער מלחמה נישט געגאַנגען!

— טעפּלאָאַוּכאָװ איז נאָר װאָס צוריקגעקומען פֿון קאַטאָרגע...

— רעד צו דער זאַך! דאָס אַלץ האָבן מיר שױן געהערט!

— טעפּלאָאוכאָװ איז בײ זײ אױף קאַטאָרגע! און בײ אונזערע זענען הענט און פֿיס אָפּגעריסן. װאָס ס'טו זאָגן אױף דעם?

— דאָס איז בײ אײך גאָרנישט?

— האָט איר אױך נישט געזאָלט גײן!

— אָך, דו אָנגעגאָסענער בױך! ערד האָט איר אָנגעראַבעװעט אױף אײביק! אז װײב און קינדער זײנען פֿאַרזאָרגט, קען מען אױך קאַטאָרגע אױך גײן...

— װאָס נוצן די רײד! שלאָג זײ, די אָפּגעפּרעסענע מאָרדעס!

— רױק! לאָזט ריידן!

— פֿרײַהײט פֿון װאָרט..

— סאָפּראָן, רעד!

— גענוג דבורים! שױן אַלץ געהערט.

— פּראָלעטאַריער, װעלכע לאָזן אַװעק מיטן רױך... װאָלט איר געהאָרעװעט, װאָלט איר אױך געהאַט ערד אױף תּמיד...

דער טומל איז געװאַקסן. די קולות זענען װילדער געװאָרן. סאָפּראָן שרײַט מיט דער גאַנצער ברוסט; װיל איבערשרײַען:

— חברים! דערנאָך וועלן מיר זיך אָפּרעכענען! מ'קען דאָך גאַר נישט הערן! מיר וועלן אַלץ אויסלעגן כּסדר.

זשיגאַנאָוו האָט באַרויקט זיינע לייט:

— שאַ זאָל זיין! שווייגט! קאָטשעראָוו וועט אים שוין אָנ־רייבן אַ מאָרדע!

האָט מען זיך באַרויקט. אין דומפּן, צעבייזערטן, אָבער שטיל־ווערנדיקן ברומען האָט זיך צושפּילט סאָפּראָנס קאָרע, געדיכטע שטימע:

— חברים! אָטאָ די אָפּגעריסענע, פון יענער זייט גראָבן... אָטאָ די זענען איצט אונזערע חברים! מיר, הייסט דאָס, זענען אייערע חברים! אָבער נעבעכסנאָווקער פויערים זענען רייכע. זיי איז אַלץ־איינס, וועמען ס'געהערט די ערד. פון זייערטוועגן זאָל מען אונז שיקן ווידער אין די אָקאָפּעס. דאַרדאַנעלן גלוסט זיך זיי! אָט ס'אַראַ זיי זענען! זיי פאַרטומלען אייך אַלץ מיט גאָט, מיט דער הייליקער שריפט. זיי איז גוט צו פאַרלאָזן זיך אויף גאָט! אַ רייכן איז גרינגער אַריינ־צוקומען אין גן־עדן. אויף דר'ערד ווערן זיי פאַרגאָסן מיט שמאַלץ, און נאָכן טויט...

זשיגאַנאָוו האָט נישט אויסגעהאַלטן. מיט אַ הילכיקן געשריי פון עולם ארויס:

— מאַכסט אַ בלבול אויף דער הייליקער שריפט! דאָרטן שטייט: אַן אָרימען איז גרינגער אין ג־עדן...

סאָפּראָן האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דעם געקרייזלטן קאָפּ. זיך אָנגעצונדן. צאָרנדיק, נאָך העכער ווי פריער, — ריכטיק ווי ער וואָלט וועלן קעפּ צעשמעטערן, — האָט ער אַריינגעשריגן אין המון:

— אַ טעות איז אַרויסגעקומען אין דער הייליקער שריפט! גאָט האָט געוואָלט... גערן אַ רייכן מענטשן! אַ רייכער פויער איז ריין, פריינטלעך. צוואָס זאָל איך אָנפאַלן ווי אַ הונט, בעת יעדער נעמט אַראָפּ פאַר מיר דאָס היטל? און דעם אָרימען גיט יעדערער אַ־בערן קאַרק... פון דעם איז ער תמיד בייז. אומבאַדינגט! דער רייכער איז מיט די פריצים פאַניבראַט, אַן ?ויסגעלערנטער. ביים אָרימאַן אָבער קומט אַפילו די תפילה אַרויס ווי אין דער מאַמען

אַריין, ווייל ער פאַרשטייט גאָרנישט! אין דער הייליקער שריפט שטייט: זאָלסט נישט גנבענען. ווּעסט אָבער זיכער גנבענען, ווען דו האָסט נישט צו קייען! דאָרט שטייט: זאָלסט נישט מאָרדן. ווּעסטו זיכער מאָרדן!...

האָבן זיך די נעבעסנאָווקער צעליאַרעמט:

— דאָס איז גוט! גנבע, הייסט עס, הרגע!

— אָט האָסטו זי, די נייע תורה!

— לויט די רייד דערקענט מען אַ מענטשן!

— אָט ווער באָלשעוויקעס זענען!

— בנאמנות, אַרעסטאַנטן זענען ביי זיי די רעדלפירער!

און די פון יענער זייט גראָבן טענהן זייערס:

— פאַרמאַך דעם פּיסק, גראָבבייכיקער!

— ווּעמען האָט מען גע׳הרג׳עט? ווּעמען האָבן אונזעריקע געהרגעט?

— זיי זענען דוקא ווערט! שלאָג זיי, די אויסגעפּאשעטע שדים!

די אַלטע מיטראַפּאַנאָוואַ האָט פאַרשטאַנען: די קריגעריי איז אַריבער אויפ׳ן גלויבן. מיט אַ ציטערדיקן אויסגעשריי פון המון הינטערגראָבנדיקע:

— אין דער פּראַוואָסלאַווער צערקווע זענען דאָ הייליקייטן אָבער אין זייער מאָלאָקאַנישער — וואָס?

אין טומל פאַרזינקען די ווערטער. הענט נעמען זיך באַוועגן, עס הוזשען, כריפּען און קלינגען פאַרשידענע קולות, אַלץ גיסט זיך צענויף אין אַ ווילדער מוזיק פון סטיכישער אויפגעבראַזטער רישעריי.

צווערשט האָט סאָפּראָן געקלאַפּט אין טיש מיטן פויסט, דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן אַ טאַבורעט, און מיטן זיץ - ברעטל געגומען האַקן אין טיש. אויף אַ רגע איז שטיל געוואָרן, אָבער ר ע ד ק י נ ס אונטערגעריסענער געשריי האָט זיך דורכגעריסן:

— אונזער מאַכט! אַ סוף! שוין גענוג זיי זיך באַלעווען!

אין ווידער קרעכצט און ריטשעט דער המון; ער איז נישט געוווינט צו ריידן, ער ווייס נאָר פון וואָיען אוןווילדן ליאַרעם. מ׳קאָן אויף די ערטער נישט איינשטיין. איינער קריכט אויפן צווייטן, מען דראָט מיט די פויסטן, מען שטויסט זיך, מ׳שטיקט זיך, ס׳האָט זיך אָנגערוקט א געשלעג:

קאָטשעראָוו האָט זיך דורכגעשטופּט צום טיש, מיט אַ שטאַרקער האַנט אָפּגערוקט אימיצנס שווערע פויסט און, אַרויסכאַפּנדיק ביי סאָפּראָנען דעם טאַבורעט, געגומען שטאַרק קלאַפּן מיט אים אין טיש. די נעבעסנאָווקער זענען רויק געוואָרן. סאָפּראָן האָט איינגעשטילט די זייניקע. ווידער אַ טעמפּער, שטיל - ווערנדיקער געפּילדער. ס׳האָט זיך אויסגעטיילט קאָטשעראָווס ווייך, גלאַטיק אָנגענעם באַסל:

— ברידער! רשעות איז פאַר חיות, דער מענטש דאַרף אויסקומען מיט שלום און ליבע.

אין זיין ווייכער שטים איז געווען געוווינטע באַפּעלערישקייט, די זיכערקייט פון אַ פּריידיקער. ס׳האָט געווירקט. איין רעדקין האָט אויסגעשפּיגן און מיאוס זיך אויסגעזידלט. די איבריקע זענען שטיל געוואָרן.

— אַז אַ מענטש איז אין צאָרן, זעען נישט זיינע אויגן און זיינע אויערן הערן נישט. פאַרוואָס זאָל זיין אַזוי? פאַרוואָס לאָזט דער ברודער סאָפּראָן, אַז דער כעס זאָל רייטן אויף אים? פאַר אונזער גלויבן האָבן מיר פון דער אַלטער רעגירונג גענוג געליטן, פון רוסלאַנד האָבן מיר געטראָגן אַהער ראַטעווען אונזער אמונה. אין אַ פרעמדן, קאַלטן לאַנד זענען מיר געגאַנגען צו פוס מיט אונזערע משפּחות. אויף אייביקן באַזיץ האָבן מיר ערד געקויפט. אָבער ווי אַזוי? דאָס, ברידער, האָט איר נישט געזען? די גאַנצע געמיינדע האָט געקויפט, די גאַנצע געמיינדע צוזאַמען! נישט נאָר מיט שוויס, — מיט בלוט איז באַגאָסן אונזער ערד. יאָ, יאָ! אַז די אַלטע רעגירונג האָט געיאָגט אונזעריקע אויף קאַטאָרגע, דעמאָלט האָט איר געהאַט רחמנות אויף אונז. אויף דער מלחמה זענען ביי אונז נישט געגאַנגען בלויז די „בראַטאָלאַבאָוצעס". זענען ניי דען אַ סך ביי אונז? מיר, די עוואַנגעלישע קריסטן, זענען

בעגאַנגען. ביי מיר דינט אַ זון אין מיליטער. מיר טראָגן דעם יאָך צוזאַמען מיט אייך.

קאָטשעראָוו האָט געזאָגט אמת. זיין קול, ווי אָנגעשמירט מיט הייליקן אייל, איז געווען ליב, פּייערלעך, האָט באַרויקט. דער המון האָט זיך צוזאַמענגעפּרעסט און שטיל געוואָרן. איין סאָפּראַן האָט אַ קרעכץ געטאָן, און רעדקין האָט פּראָטעסטירט מיט אַ קראַנקן, קלינגנדיקן אויסגעשריי:

— ביכער־ווערים! אויף דער הייליקער שריפט האָבן זיי זיך אויסגעשאַרפט די מוחות...

מ׳האָט אויף אים אַ „סיקע”־געטאָן, איז ער שטיל געוואָרן.

גלאַט און איבערצייגנדיק האָט קאָטשעראָוו גערעדט. ריכטיק ווי ער וואָלט אונטערגעטראָגן אַ קראַנקן באַרויקנדיקע טראָפּנס:

— וואָס שייך דער באָלשעוויקישער תורה, זענען מיר נישט קענן. קיין מלחמה ווילן מיר נישט, ווי עס שטייט געשריבן: זאָלסט נישט מאָרדן. לויט דער הייליקער שריפט דאַרפן מיר העלפן דעם אָרעמען. אָבער אַ מענשלעכע תורה, איז נישט קיין געטלעכע. זי טראָגט מיט זיך תמיד די אומריינקייט פון אונזערע זינד. אָפּנעמען און אַוועקגעבן, — איז אַן עולה, נישט גוט. וואָס הייסט, למשל, מ׳וועט אָפּנעמען אונזער ערד? מיר האָבן זי נישט באַקומען אַ מתנה. דאָס אַלץ דאַרף מען באַטראַכטן אין שלום, אין רויקייט, אין גוטן מוט. וואָס שייך דער באָלשעוויקישער תורה, האָב איך זיך אינטערעסירט מיט איר; אין שטאָט געפאָרן. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז זייער גרעסטער לערער איז געווען קאַרלאַ מאַרקסאָוו. גו־י־ט. ער איז נישט געווען קיין רוס, האָט ער זיין לערע פאַרשריבן אויף אויסלענדיש. אָט וואָלט מען זיך באַדאַרפט גרונטיק דערוויסן, וואָס קאַרלאַ מאַרקסאָוו האָט אינדערעמתן אָנגעשריבן. דאָס רוסישע פאָלק איז לייכט אויפן גלויבן. ווי מ׳דערלאַנגט אונז, אַזוי שלינגען מיר אַראָפּ. פאַנאַנדערקלייבן זיך איז נישט אונזער טבע. וואָס שייך בילדונג, בנוגע פרעמדע שפּראַכן, זענען מיר שוואַך און אויב מיר קענען נישט דערלאַנגען צו דער פרעמדער שפּראַך, טאַ ווי קען מען וויסן, וואָס האָט לענין צוגעשריבן? מ׳דאַרף

דערגיין די אויסלענדישע שפראַכן און פאַרגלייכן קאַרלאַ מאַרקסאָווס שריפטן מיט די רוסישע. דעמאָלט וועט מען קאָנען: פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער! אין אַזא זאַך, ווי פּאָליטיק, איז נישט אויסצוקומען אָן גרינטלעכקייט, כדי צו פאַרשטיין, דאַרף מען האָבן צייט, ס'זענען נויטיק זיכערע מענטשן, רויקייט און שלום. אָבער אַזוי, אין איילעניש, קריכן מיטן קאָפּ אין אַ בייעם יאָך...

מיט אמתן ווייטאָג האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטילקייט רעדקינס פייפנדיקער אויסגעשריי:

— ער פאַררעדט די ציין! חברים, דער מאָלאָקאַנישער מגיד, שיט אייך זאַמד אין די אויגן!

קאָטשעראָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון אומגעריכטיקייט האָט זיך אים דאָס וואָרט אין האַלדז געשטעלט.

סאָפּראָן האָט שטאַרק, בייז און באַפעלעריש אַ געשריי געטאָן:

— ס'וועט קלעקן! גענוג שיטן זאַמד אין די אויגן! מיר קאָנען אַזוי נישט! חברים, ער קלאַמערט זיך אָן דער ערד! האָט זיך איינגעגעסן אין איר און אונז פירט ער פאַרן נאָז; גענוג!

און ווידער אַ פיל-קולותדיקער געשריי:

— ריכטיק! אמת! ער פירט פאַרן נאָז! פאַרשטאָפּ דעם פיסק.

— עזות-פנימער! פון אַ ריכטיק וואָרט זיך אָפּ-געוווינט!

— זאָל יעפּים קאָטשעראָוו ריידן!

— ער האָט ריכטיק דערקלערט!

— גיב אים איבערן קאַרג, וועט ער שוין פאַרגעסן ווי צו דערקלערן!

— סאָפּראָן. רעד דו! דו רעדסט ווי אַ אונזעריקער!

אויפ'ן טיש האָט זיך אָבער פאַרקליבן רעדקין. אַ דאַרער אָן אומגעלומפּערטער, מיט אַ פיבערדיקן קוק פון בייזע שוואַרצע אויגן, מיט רויטע פלעקן אויף די באַקן, האָט ער זיך געשלאָגן מיטן פויסט איבער דער איינגעפאַלענער ברוסט און געכריפּעט מיט אַ פייף:

— איך האָב גיין מיילער! מיינע חברה, כאַטש קליינע, וואָלטן מיט די ציין די ערד געבראָגעוועט. אָבער ווו איז זי? ווו האָב איך ערד? נו, ווו? מיין ברודער האָט מען געהרגעט אויף דער מלחמה. ווו האָט זיין פאַמיליע ערד? און דער דאָזיקער ברודער, אַנדריי, ווי איך איז באַקאַנט, איז צו די סעקטאַנטן אוועק. האָט אים קאָטשעראָוו אָנגעזעטיקט? ערד געגעבן? אַ נעכטיקער טאָג! אַלס אַרבעטער איז ער פאַר שוואַרצט געוואָרן. קאָטשעראָווס זון איז אין סאָלדאַטן! מיר קענען זיי! אַ שניידער איז ער, אין זיכערקייט! אים, קאָטשעראָוו יעפימען, האָט ער אָנגעבראַכט פון אַלדאָס גוטס, ווען ער איז אויף אורלויב געווען, און אונז וויל ער פאַריידן די ציין! ווען איך זאָל האָבן אַלץ!...

אַרויסגעשריגן, זיך פאַרהוסט, אַרויסגעראַקעט אין האַנט אַריין אַ גרויסן בלוטיקן שפּיי, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיט מאַטערנ־יש אַראָפּגעקראָכן פון טיש.

סאָפראָן איז תיכף אויסגעוואַקסן אויף זיין אָרט. זיין פּנים איז בלייך געוואָרן, די אויגן האָבן זיך ווי פאַרצויגן מיט שוואַרצ־קייט, און צום ערשטן מאָל איז דער בליק זיינער געוואָרן שטרענג.

— חברים! צו וואָס די לאַנגע רייד! מיר זענען נישט קיין מגידים, מיר טויגן נישט דערצו. היידאַ, אָט וואָס מיר ווילן טאָן: אַלע פאַראַמאָל זיך פאַרשרייבן אין דער באָלשעוויצקער פּאַרטיי. מער האָבן מיר נישט וואָס צו טאָן! הע, מיטראָנע שרייבער, היידאַ, פאַרשרייב.

האָט זיך דער עולם אויפגעכאַפּט, זיך צעוויגט און פון אַלע זייטן געשריין.

— אָט דאָס איז אַ קאָמאַנדיר!

— שטעמפּל אָפּ! דער אַנטיקריסט איז תמיד מיט אַ שטעמפּל!

— קין איז אויך מיט אַ שטעמפּל!

— זיך פאַרשרייבן! געדעכט!

— זיך פאַרשרייבן! פאַרשרייבן זיך

סאָפראָן האָט זיך באַמיט אַלעמען איבערצושרייען:

— אַלע צוזאַמען, וועלן מ׳ר זיך קעגנשטעלן! זיי ווילן אונז די קעפּ פאַרדרייען! העי, קאַבצעניאַקעס פון יענער זייט גראָבן, רירט זיך! ווער עס פאַרשרייבט זיך נישט, האָט נישט קיין ערד!

— ריכטיק! ווילן זיי נישט מיטן פאָלק,— איז ווי ווילד-גראָז פון פעלד, צום טייוול!

— היידאַ, טראָג זיך אָפּ, ווער ס׳איז נישט מיט אונז!

— מיטראָכע, פאַרשרייב!

דער זיבעצניאָריקער לאַכעדיקער בלאָנדער מיטראכע האָט זיך דורכגעשטופּט צום טיש, פאַרמאַכנדיק ס׳מויל מיט דער האַנט. און תיכף ליגט שוין פאַר אים אַ גראָער בויגן פּאַפּיר.

נאָר דער ביבליאָטעקער האָט אַ געשריי געטאָן:

— חברים, בירגער! כ׳בעט אַ וואָרט.

די גאַנצע צייט פון דער שטורעמדיקער פאַרזאַמלונג איז ער געשטאַנען אין אַ קרייזל ביים פענצטער. דאָרט זענען געווען לערערקעס, דער גלח און ער. שוין לאַנג ווי זיי האָבן זיך אַלע געסודעט, אָבער אין דער קריגעריי האָבן זיי זיך נישט אַריינגעמישט. טיף אין קלאַס האָט דער טומל נישט אויפגעהערט, אָבער ביים טיש איז שטיל געוואָרן.

— אַזוי, בירגער, קען מען נישט! נישט אַזוי טרעט מען אַריין אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי!

סאַפּראָן האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין שמאָלן אַקסל.

— ווּעסט זיך נישט פאַרשרייבן מיט אונז? זאָג, ביסט נישט מסכים?

דער ביבליאָטעקער האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, נאָך קלענער געוואָרן, אָבער פעסט געענטפערט:

— ניין! איר ווייסט אַליין נישט ווּהין איר קריכט!

— אַזוי גאָר. גוט. מיר ווייסן נישט? אָבער אַזעלכע קלוג-געטשקע דאַרפן מיר נישט! טראָג זיך אָפּ צו דיינע גבירים!

מיט אַן אומגעריכטער האַנט-באַוועגונג האָט אים סאַפּראָן אָנגעכאַפּט הינטן פאַרן קאָלנער און מיט אַ פוטער - קלעצל אים אַריינגעוואָרפן צווישן עולם. דער ביבליאָטעקער איז בלויז דער-פאַר נישט אומגעפאַלן, ווייל ער האָט זיך אָנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ

אין דער ברוסט פון אַ וווקסיקן אַלטן. ער האָט אומגעקערט צו סאַפּראָנען זיין בלייך פּנים, דאָס אויסגעקרימטע פון באַליידיגונג, און קינדעריש אַרויסגעקוויטשעט:

— פאַרגעוואַלטיקער! טעמפּע אויסוואורפן!

די הינטער־גראָבנדיקע האָבן זיך געוואָרפן אויף אים, אָבער מיט אַ געדיכטער וואַנט האָבן אים פאַרשטעלט די נעבעכנאָוועקער. און סאַפּראָן האָט אָפּגעשטעלט מיט אַ בייזעם געשריי:

— דערנאָך וועלן מיר זיך אָפּרעכענען! גייט פאַרשרייבט זיך! ווער ס'פאַרשרייבט זיך נישט וועלן מיר זיך אָפּרעכענען. מיר וועלן שוין וויסן, ווער איז אַן אונזעריקער!

די נעבעכנאָוועקער האָבן געליאַרימט. אָבער מיטראָכע האָט שוין געהאַלטן אין פאַרשרייבן:

— קרוטשעניק פּאַוועל מיט דער משפּחה...

לעם טיש האָבן זיך געשטופּט די בעלנים אויף פאַרשרייבן זיך. קאָטשעראָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. כמעט אַלע נעבעכנאָוועקער זענען אַרויס נאָך אים. בלויז פינף זענען געבליבן.

ביים טיש האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק.

— סאַפּראָן, הער נאָר סאַפּראָן, די ווייב פאַרשרייבן באַזונדער, אָדער צוזאַמען?

— די ווייבער, צוליבן חשבון, באַזונדער. איצט זיינען פאַר זיי רעכט אַרויס! קינדער פאַרשרייב נישט.

— אָי! און אַז מען וועט פאַר זיי קיין ערד נישט געבן?

די סאָלדאַטקע אוליאַנאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו סאַפּראָנען:

— וואָס פאַר רעכט האָבן די ווייבער באַקומען?

צווישן עולם לאַכט מען. מיטראָכע שרייט אויף אַ קול פון הינטערן טיש:

— צו ליגן אויף די מענער פון אויבן. היידאַ פאַרשרייב זיך!

אַ צעשויבערטער, ווי אַן אָנגעבלאָזענער וואָראָבײ, האָט דער קליינינקער אַרטאַמאָן פּעגיך אָפּגעשטויסן די סאָלדאַטקע.

— מ'האָט דיך פאַרשריבן, טאָ פלאַפּל נישט! האָסט דאָך געהערט — צום חשבון!

סאָפּראָן איז אויפגעלעבט געוואָרן, ווי אויסגעוואַקסן. ער האָט שוין ווידער פריידיק געגלאַנצט מיט די אויגן און זיך דריי־ענדיק אין אַלע זייטן, געגעבן דערקלערונגען.

— אַ באַבע איז טאַקע באמתן אַ בהמה! און פּאַרט — אַ מענטש. איצט איז אַזוי איינגעפירט, מ'דאַרף אָננעמען איר שטימע.

אין צוויי שעה אַרום האָט סאָפּראָן איבערגעגעבן דעם טאָ־טישן רעדנער אויף זיין אַכסניה אַ פּאַפּיר.

— אָט איז, הונדערט אַכט־און־פופציק האָבן זיך פאַרשריבן פאַר באָלשעוויקעס גיט איבער דאָס צעטל און אונז לאָז מען אַרויסשיקן אַ פּאַפּיר, אַז מיר זענען איצט אַ באָלשעוויקישע פּאַרטיי.

ביים רעדנער האָט פון שמחה אַפילו דער בעלעם אויפ־אויג געגומען שיינען:

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? אָט אַן ערפאָלג! אויסערגעוויינלעך, אָט וואָס הייסט קומען באַצייטנס. אַדאַנק, חבר! מיט פרייד וועל איך איבערגעבן! אינגיכן וועל איך ווידער קומען. איר זענט אַ פראָנט־סאָלדאַט, חבר?

סאָפּראָן האָט גערן און מיט פרייד דערציילט וועגן זיין זעלנער־צייט, וועגן דער וווּנד, וועגן אורלויב, וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך אין דער אַרמיי דערוווּסט וועגן די באָלשעוויקעס. ס'האָט אים זיך געוואָלט ריידן וועגן זיך אויספירלעך און לאַנג, אָבער דער צוגעפאָרענער רעדנער האָט זיך געגומען איילן, קליבן זיך אין וועג, און סאָפּראָן איז אַוועק.

דער סקריפּנדיקער שניי אונטער די פיס, דער ווייטער, שווייגנדיקער הימל, וואָס איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן מיט פאַר־וווּרף פאַר דער אומרויקער ערד, די אָפּקלאַנגען פון די שמועסן אויף דער נאָך וואכעדיקער גאַס, אָפּגעריסענע שטיקלעך לידלעך,— אַלץ האָט אומרויק געמאַכט סאָפּראָנען, געוועקט אין אים אַ נייעם

געפיל פון נצחון און אומרו. ווי ער וואָלט אַ מחנה פירן אויף דער מלחמה.

לויט זיינער אַ פאַראָרדענונג איז אַרטאַמאָן פּעגיך אין דער צייט צוגעפאָרן צו דער ביבליאָטעק, אויפגעוועקט דעם ביבליאָטע־קער און דערקלערט:

— פּאַק זיך איין! כ׳וועל דיך גלייך אָפּפירן אין שטאָט אַריין.

— וואָס הייסט אין שטאָט? צוואָס?

— די פאַרזאַמלונג האָט באַפוילן. אַזעלכן דאַרפן מיר נישט! היידא, פּאַק זיך איין.

— איך וויל אָבער נישט פאָרן! דאָס איז אַ גוואַלד־טאַט!

— וועסט נישט פאָרן, וועל איך אויפוועקן סאָפּראָנען. אַזוי האָט מען אָנגעזאָגט.

שפּייענדיק און זידלענדיק, האָט דער ביבליאָטעקער גענומען איינפּאַקן זיינע זאַכן. די באַליידיקונג האָט רויט געגליט אויפן פּנים. סאָפּראָן דער שכורניק, וואָס אַלע האָבן אים אַמאָל פאַראַכט! בלויז ער איינער האָט געהאַט צוטון מיט אים. ער האָט אים געהאַט אויפ׳ן אויג, געשעצט זיין ליבע צום בוך, און איצט איז ער געקומען פון פראָנט אַ קאָמאַנדיר! אַרויסגעשווומען אַ נייער, אַ פינצטערער, אַ שלעכטער. שיכור מיט אַ גאַנץ אַנדער שיכור׳קייט. יאָ־יאָ! ווייזט אויס, אַן אמת: רוסלאַנד איז פאַרלאָרן.

ווען ער איז צום לעצטן מאָל אַריין אין ביבליאָטעק אַ קוק טאָן, צי האָט ער נישט פאַרגעסן עפּעס, האָט ער זיך דערמאָנט:

— און די שליסלען וועמען?

— סאָפּראָן האָט געזאָגט, צו אים אַריינטראָגן.

— נו גוט. אים, זאָל זיין אים! לאָמיר פאָרן.

אָבער סאָפּראָן איז שוין געשטאַנען ביי דער פור, נעבן ביבליאָטעק. ווען דער ביבליאָטעקער איז צוגעקומען האָט אים אויסגעצויגן די האַנט, פאַרמאַכט אין אַ פויסט.

— אָט האָסטו.

— וואָס איז דאָס? האַ?

— אַ דרייערל! פון מיר. אַזוי ווי איך בין גאַנץ צו־
פרידן. קיינמאָל נישט באַעולט. נעם עס, דאָרט אין שטאָט וועט,
צונוצקומען!

צוזאַמען מיטן דרייערל האָט דער ביבליאָטעקער, מיט אַ
קלאַפּעדיק האַרץ, אָנגענומען דעם ווייכן שרעקעוודיקן שמייכל
און די פאַרשעמט אַרויסגעבליצטע שיין פון אונטער די געלע
אָנגעכמורעטע ברעמען. ער האָט קיין האַרץ נישט געהאַט אָפּ־
צוזאָגן.

II

די ערד שטייט אויף דריי וואַל־פישן, האָבן געָרעדט די אַלטע. אייגעם, ווייזט אויס, האָט מען אַרויסגעצויגן פון אונטער איר. איז זי וואַקלדיק געוואָרן. פון יולי אין יאָר טויזנט ביין הונדערט פערצן איז אין קיין זאַך נישטאָ קיין פעסטקייט און זיכערקייט. ביי דער ערד האָט מען זיך געלערנט לעבן. זי האָט דעם מענטשן געגעבן אַ געזעץ: אַלץ וואָס לעבט, דאַרף ברענגען פרוכט. אָבער ביי די מיידלעך האָט די רויטע פאַרב גענומען אָפּשלאָגן מיט געלקייט. זיי זענען פאַרשטייפט געוואָרן, פאַרלאָרן די יונגע בויגעוודיקייט, וואַרטנדיק אויף אַ מאַן. זעלנערישע ווייבער זענען אַרומגעגאַנגען אָן פרוכט, זייערע אָנגעהויליעטע קינדער פלעגן קאַלטבלוטיק אָפּטרייבן אַכזריותדיקע אַלטע הייבאַמען. דעריבער פלעגן זיי אָפטער פייניקן פאַרבאָרגענע, ווייבערשע קרענק. דעריבער זענען זיי שוואַכער געוואָרן אין דער אַרבעט. זענען געוואָרן צעקראָכענע און פון מוטערלייב, וואָס האָט געבענקט פון פרוכטבאַזיקייט איז געבוירן געוואָרן תאווה און זינד. דאָרפישע באַבעס און מוידן זענען ווי די שטאָטישע, אָפּגעריסן געוואָרן פון געזעץ פון דער ערד. די זינד האָט גענומען ציען נישט צוליב קינדער־האָבן, צוליב זיך אַליין. מ׳האָט זיך מער געפּוצט. זיך צוגעוווינט צו שמעקעדיק זייף, געפּירט פון שטאָט פודער, ביליקן פּערפום און העסלעכקייט.

מעשענע בראָשקעס. מ'האָט זיך אָנגעגנייט, אָנשטאָט ברייטע פוטערס קורצינקע „מאַרינעטקעס" פון אונטערן וואָלענעם טיכל אַרויסגעשטעלט אַ קרייזעלע האָר.

קיין געלט האָט דעם דאָרף נישט געפעלט. עס האָט פאַרקויפט זייבע זין. אין באַקומען אויסלייז־געלט. די שטיצע פאַר די זעלנערשע משפחות איז אַוועק אויף זינד. פויערים, בעלי־משפחות האָבן זיך געקוואַפּעט אויף זנות מיט פרעמדע באַבעס און מוידן. דעריבער איז דער אייגענער שטאַם געוואָרן אָפּגעשוואַכט. אויך די ערד האָט אַרויסגעגעבן ווינציקער פרוכט. הענט האָבן אויסגעפעלט, מיט דעם וועג, וואָס איז דורכגעלייגט געוואָרן די מלחמה־יאָרן, האָט די שטאָט געשיקט אין דאָרף אַריין אירע זינד, שלעכטע קרענק און אומרויקע, רייצנדיקע געדאַנקען. און פון ניין־הונדערט זיבעצנטן האָט שטאָט דאָס דאָרף פאַרדרייט ווי אין אַ וויכער. נייעס, נייעס, נייעס. אומבאַקאַנטע ווערטער האָבן געעגבערט דעם פוילן געדאַנק, וואָס האָט זייט יאָרן געלעבט מיט אייגענער טאָג־טעגלעכקייט. אָרדענונגען, וואָס האָבן געשראָקן מיט זייער נייקייט, זענען כסדר אָנגעלאָפן אין באַפעלן. אַלדאָס אַלטע איז געגאַנגען אויף ברוק. און וועגן דאָס צלן האָט מען געמוזט טראַכטן, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ און צלן אין קאָפּ, אין קאָפּ, אין קאָפּ! דאָרף, ריר מיטן מח! איז עס צעטומלט געוואָרן, דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט, בלינד זיך אָנגעכאַפּט ביי די פירער. מיט אַמאָל פאַרלאָרן די פעסטע צוגעבונדנקייט צום אייגענעם, צום איינגעפונדעוועטן, צום דאָרפישן. געווען אַ פאַרקנעכטעט, שווער לעבן, אָבער עכט און רעגלמעסיק, פון לאַנגע דורות באַפעסטיקט. ווען דער שטילער גאַנג פון די טעג פלעגט איבערגעריסן ווערן דורך קריגערייען, געשלעגן אויפן גאַס, רווישעריי פון שכּרות, דורך שריפות, דורך מיתות, זענען די דאָזיקע צערודערנישן גופא געווען אַלטע, פאַרשטענדלעכע. שכּרות און געשלעג אין יום־טובים זענען ביי זייער גאַנצער ווילדקייט געווען געוויינלעכע זאַכן און נישט שרעקלעך. צעשפּילט זיך דאָך דער טייך אין אַ געוויסער, דראָט און ברעכט, און דערנאָך לייגט ער זיך איין אַ רויקער, אַ פרידלעכער איצט איז וואָס־אַנדערש. מ'האָט אויפגעוועקט די סאַמע שרעקלעכע

סטיכיע — דעם מענטשנס בלוט, — מיט וואָס און ווען וועט מען זי באַרויקן, אייננעמען?

דאָס אַלץ האָט דורכגעטראַכט נישט איינמאָל און נישט צוויימאָל, נאָר אַ סך מאָל — דער קלוגער, ברייט־שטערנדיקער קאָטשעראָוו. און ערשט אין די דאָזיקע געדאַנקען האָט ער איינגעזען, אַז אויך דאָס שכל דיקע טרעפט אָן אין לעבן אויף אַ גורעניץ. וועסט אים נישט אַריבער. און דערפילנדיק אַנמאַכט, האָט ער געפילט אויך אומגעשטילטן כעס, וואָס פייניקט משוגענערווייז דעם מענטשן. סאַפּראָנען האָט ער אָנקוקן נישט געקענט: פלעגט אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט גאַס ביים טרעפן זיך. איינמאָל האָט סאַפּראָן באַמערקט, אַז קאָטשעראָוו מיידט אים אויס. האָט ער אויסגעשטשירעט די ווייסע, געזונטע ציין און זיך צעלייאַרעמט איבער דער גאַנצער גאַס:

— העי מאָלאָקאָנישער פּאָפּ? וואָס גראָבסטו די עינים אין דר׳ערד? זיך געגט אַפּנים, מיטן הימל? ריכטיק! אונטער די פיס איז טינוף, אָבער ס׳טרעפט אויך גאָלד.

קאָטשעראָוו האָט מוטנע, מיט נישט קיין גוטן בליק אַ קוק געטאָן אויף סאַפּראָנען און געענטפערט אָן געשריי, מיט ווירדע. בלויז דאָס קול איז נישט געווען גלאַט, ווי געוויינלעך, נאָר אָפּגעהאַקט.

— הערט אויף מיט אייערע עזותקייטן, בירגער סאַפּראָן אַרטאַמאָנאָוויטש! איר זענט איצט ביי אַלעמען אויף די אויגן, ס׳פּאַסט נישט דערצאַרבעטן ווי אַמאָל, ווי אַנומלטן, שכורהייט.

דעם גאַנצן גיפט, וואָס איז געלעגן אין דער אָנצוהערעניש אויף סאַפּראָנס כאַרגאַנגנהייט, האָט ער אַרויסגעלאָזט, און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ איז ער פאַרביי, אַ פעסטער, אַ מיושבדיקער און מיטן לייטישן אויסזען אַן אנגענעמער פאַר אַלעמען. אָבער די העמד איז וואַרעמער געוואָרן. דאָס דאַרנדיקע האַרץ האָט אים גלייך איינגאַנצן דערהיצט. צאָרנדיקע געדאַנקען האָבן גענומען פאַרפילן זיין מח:

— נאַרישע רייד, ווי זינלאָזער, הינטישער געביל. גיי פאַרביי ווי נישט געהערט! וואָלט עס געבליבן נאָר ביי רייד! איז ניין, די מאַכט איז דאָך איצט ביי אַזעלכע, ביי די מיט געמבעס. דער

גרעסטער ברוד איז אויבנאָן, בלאָזט פון זיך. דער שכורניק סאָפּראָן. ערד האָט אים געפעלט! דאָס שטיקל, וואָס ער האָט, האָבן אויך די עלטערע קינדער און דאָס ווייב פאַרזייט, צו דער חרפה פון גאַנצן דאָרף. און ער, אַ שכורער, האָט געליאַרעמט איבער די הויפן, אָדער געשלאָפן הינטער אַ פּלויט. קיין פויערשן פלייס האָט ער קיינמאָל נישט פאַרמאָגט. אַ פרעמדער געווען. און סאַוואָסקאַ דער שמיד, אַ געשטעמפּלטער פערד-גנב. דער קאָפּ איז קרוב צוגעוואַקסן. מ'האָט אים דעם האַלדז צעבראָכן, בעת דאָס גאַנצע דאָרף האָט אים געשלאָגן פאַר פרעמדע פערד. קיין לעבעדיקער וואָלט ער נישט אַרויס, ווען נישט איך און די אַנדערע נעבעכנאָווקער. פון אַ זינד האָבן מיר פאַרהיט, נישט געלאָזט דערהרגענען און איצט האָט ער דערפאַר באַצאָלט די נעבעכנאָווקער! ער איז געקומען אין תפלה-שטוב פון די עוואַנגעלישע קריסטן, אַלעמען געמאַכט אין דער מאַמען, געוויזן די חרפה און וועגן גאָט אַזוי זיך אויסגעדריקט, אַז פאַרן מויל נישט צו ברענגען! רעדקין, ביי וועלכן אַלץ אינעווייניק איז אויסגעפוילט, ווייל דעם גאַנצן כח האָט ער געלאָזן אויף נייע ערטער: אַלץ געזוכט ווו בעסער איזמיטראָכע — דער שרייבער, תמיד מיט נבול-פה, דער מנוול! און די איבעריקע: פאַראָבקעס וואָס האָבן זיך אָפּגעוואַלגערט אַ לעבן איבער פרעמדע ווירטשאַפטן. אַלץ פאַרטריקנטע, קרענקלעכע, נאַרעשעוואַטע, ריכטיקע האָלאָטע. עס האָבן זיך פאַרוואַלגערט צווישן זיי דריי רייכע נעבעכנאָווקער זעלנער. הערט מען נישט פון זיי. סאָפּראָנס האָלאָדרילעס זענען באַשטימט פאַר הערשער איבער די געזונטע, באַלעבאַטישע, ריכטיקע. און דאָרט, אין די קרוין-שטעט, ווי ס'איז צו זען פון די צייטונגען, איז צווישן די מאַכערס קיין העלפט רוסן נישטאָ. יידן האָט מען פאַרבעטן, ווייל זיי זענען מיט מער געפילדער דער און קלענער. ע-ען, מאַמע רוסלאַנד! זינט די טאָטערן האָבן דיך פאַראומרייניקט, איז נישטאָ קיין האַלט אין רוסישן בלוט. עס טרייבט דיך אַליין צו פרעמדע יאָכן, דו רייסט זיך צום בונט! —

ער האָט זיך נישט אַרומגעקוקט, ווי ער איז דערגאַנגען פאַרטראַכט צום שטוב. און אין שטוב איז ווידער אַ נייס: די

שיינע, געוויקסיקע ווייב, צו פערציק יאָר פול נאָך מיט יונגער פאַרב, האָט אַ פּאַרוויינטע אים באַגעגנט אויפ׳ן הויף.

— פון וואָלאָסט[1] אַ באַפעל פאַר דיר, פון סאָפּראָנען... דו, זשיגאַנאָוו, גלעבאָוו, און נאָך עפּעס אַנדערע, כ׳האָב שוין נישט דערהערט, זענען באַשטימט פאַר „דעסיאַטסקעס". גיין איבער די הויפן, רופן דעם עולם אויף אַ פאַרזאַמלונג.

ער האָט גלייך פאַרשטאַנען: אויף חוזק. תמיד פלעגט מען קלייבן פאַר „דעסיאַטסקעס" די סאַמע אָרימקייט. ייִנגלעך פון די שולן פלעגט מען אויך נעמען. און איצט איז דיעקעוועט זיך סאָפּראָן: די סאַמע חשובע און רייכע פון נעבעסנאָווקע האָט ער אויסגעקליבן.

— ווער האָט איבערגעבן דעם באַפעל?

— אַרטאַמאָן פּעגיק. ער איז אין שטוב. גיי פרעג אַליין.

פון דעם וואָס אויף אַ שטול, און נישט אין קיך נאָר אין שטוב, איז געזעסן און גערייכערט שטינקנדיקע מאַכאָרקע אַרטאַמאָן פּעגיק׳ אַ צעקודלטער ווי אַ יאָר נישט קיין געקעמטער, — האָט די שטוב אויסגעזען ערגער. די גאָלדענע אותיות פון די יעוואַנגעלישע פסוקים און די געבעטן פון די לערערס, וואָס זענען אין ראַמלעך געהאַנגען אויף די ווענט הינטער גלאָז אַנשטאָט איקאָנעס [2]), זענען געוואָרן ווי טונקעלער. אויף דער געפאַרבטער, גלאַנציקער פּאָדלאָגע זענען פון די גרויסע, פאַרלאַטעטע וואָלעקעס אָפּגעפאַלן שטיקער צעגאַנגענער שמוציקער שניי. די שטאָטישע פאָרהענגלעך און די געשטריקטע טישטיכער אויף די טישן זענען ווי פאַרזונקען אין רויך. קאָטשעראָוו האָט שטרענג אָנגעכמורעט די ברעמען, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל.

— ברודער אַרטאַמאָן, איך האַלט, אַז טאַבאַק איז פאַרן מענטשן שעדלעך און פאַר גאָט נישט ניחא. דער פּריסטאַוו ווען ער פלעגט פאַרפאָרן, פלעגט דאָ נישט רויכערן. איך בעט אייך איינמאָל פאַר אַלעמאָל: הערט אויף צו רויכערן!

אַרטאַמאָן האָט אַ שמאַרע געטאָן מיט דער נאָז, אַ שפּײ געטאָן אויפ׳ן פּאַפּיראָס און אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע.

---

[1]) אַדמיניסטראַטיווע איינס, באַשטייט פון עטלעכע דערפער.

[2]) הייליקע בילדער.

— מילא, אז אייער מאַלאָקאַנישער גלויבן הייסט אַזוי! וואַרף איך אוועק. אָבער ווי מיינט איר, איקאָנעס דאַרף מען נישט, נאָר אָט די־אָ, אין די רעמלעך, אויף וואָס איז דאָס? און ווידער אַמאָל, טאַבאַק דאַרף מען נישט, און מיט דער ווייב שלאָפסטו? אין איר איז מער זינד. די סטאַראָווערן[1]) אָט־די וועלכע...

— ס'איז נישט קיין צייט איצט, ברודער אַרטאַמאָן, צו פירן ויכּוחים וועגן גלויבן! די אייגענע אמונה האָט איר פאַרגעסן. וואָס איז אייער דאגה צו אַ צווייטנס? ביזט געקומען צו מיר צוליב עפּעס אַן ענין, אָדער סתם אַזוי?

— אַ־אַך, דו, ס'אַראַ בעל־גאוה! נישט פאַר אייער שכל, הייסט עס!

פלוצלונג איז ער אַריינגעפאַלן אין צאָרן און מיט אַ הויכן, קלינגנדיקן קול אויפ'ן גאַנצן צימער:

— לייגסט יאָ פאַר אונזער שכל! מיר זענען געזעסן ביי אייך אונטער די הינטנס, די ליכטיקע שיין נישט אָנגעזען. איצט ביסטו מחויב אַלץ צו דערציילן. ביסט מחויב! אין איך וויל וויסן, ווי און פאַרוואָס דערצייל וועגן דיין גלויבן!

— שריי נישט, ברודער אַרטאַמאָן. כעס איז דעם אויבערשטן נישט ניחא, אין צוליב דיר וויל איך נישט זינדיקן. צוליב וואָס האָט מען דיך דאָ געשיקט אַהער?

אַליין איז ער אינגאַנצן גרין געוואָרן און די פינגער צענויפגעדריקט אין אַ פויסט, אָבער ער האַלט זיך איין, וואָרפט זיך נישט, אין די אויגן אָבער איז שוין נישטאָ די זיסקייט. מיט בלוט זיך אָנגעגאָסן.

אַרטאַמאָן האָט אויסגעשפּיגן.

— כ'דאַרף דיך נויטיק מיט דיינע שמועסן! כ'האָב דיך געוואָלט אָנלערנען. נאָך דיין בויך האָט מען מיך געשיקט, אָט נאָך וואָס. גיי־זשע, טרייסל אים אויף! מיט אַ שטעקעלע הינטער די פענצטער: אויפן מיטינג, חברים. אָט נאָך וואָס!

---

1) אַ רעליגיעזע סעקטע אזא.

— סאַפּראַנס אַן איינפאַל?

און אָפּגעאָטעמט מיט אַ כריפּ. אַרטאַמאָן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ פאַרווונדערט-באַגייסטערט.

— אַזוי, זיך אָוש מיט אַ זיפץ דערוואָרגן. נו, נו... ס׳אַראַ איר זענט! אַ חרפּה אָנצוואָגן קהל, הינטער די פענצטער גיין. און מיר גייען, נישקשה. אָ, אַ סך גאווה ביי די רייכע! נו, וואָס, סט׳גיין? זשיגאַנאָוו איז נישט געגאַנגען. האָט מען אים אין איס-פאָלקאָם אַוועקגעשלעפּט. אין קאָזע זיצט ער פאַר נישט פאָלגן. ווי זאָל איך דיך פאַרשטיין? אויך אין קאָזע?

קאָטשעראָוו האָט אָן אַלץ פאַרגעסן. אַ זעץ געטאָן מיטן שטול אין פּאָדלאָגע, אַז ער איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף פּיצלעך.

— אַרויס, פּאַסקודניק!

פון אומגעריכטקייט האָט זיך אַרטאַמאָן אין איין רגע אַרויס-געקייקלט געבויגענערהייט, פון טיר. אָבער אָנזאָגן וועגן דער פאַרזאַמלונג איז קאָטשעראָוו פונדעסטוועגן געגאַנגען. מיט זיין ערנסטן, געוויינלעכן טראָט איז ער געגאַנגען איבערן גאַס, נאָר ס׳פּנים האָט אויסגעדריקט הכנעה און ליידן. פּאַוואָליע, מילד האָט ער געקלאַפּט אין די פענצטער מיטן שטעקעלע:

— בירגער! ברידער! זייט מוחל אויף דער פאַרזאַמלונג.

הינטער אים, אויף דער גאַנצער גאַס, איז אַן אויפגערעגטער געמורמל:

קאָטשעראָוו גייט הינטער די פענצטער!

— אָהאָ, סאָפּראָן! וועמען ער האָט איינגעביסן!

— אָט, כוליגאַנעס! איזדיעקעווען זיך!

— קריסטוס האָט געליטן און אונז געהייסן.

פאַרזאַמלונגען האָבן שוין דערעסן, אָבער געגאַנגען איז מען. מורא געהאַט צו בלייבן און שטוב. מ׳האָט אָפּגעוואַרט די אַנטשיי-דונג וועגן ערד, וועגןווירטשאַפט. צו קריגעריי איז מען שוין געקומען גרייטע. יעדער איז נאָך אינדערהיים געווען שוין אונטער-געהעצט און פאַרן אָנהויב פון דער פאַרזאַמלונג איז שוין געשטאַנען

א ליאַרעם פון קריגעריי און שפּאַרעניש. אָפּט פלעגט דערגיין צו א געשלעג. הײנטיקסמאָל האָט אויפגערודערט די ידיעה וועגן זשיגאַנאָווס אַרעסט. מ׳האָט זיך געשפּאַרט אין פאָרהויז לעבן פאַר־שלאָסענעם צימער מיטן פענצטערל. אונטערן שלאָס איז געזעסן זשיגאַנאָוו. לעבן טיר איז געשטאַנען אַ יונגער בחור מיט אַ ביקס. נעבעסנאָווקער האָבן זיך באַמיט איבערצוואַרפן מיט אַ וואָרט. אין לאָך פון פענצטערל האָבן זיי אַרייַנגעשריגן:

— אַלעקסיי איוואַניטש, האָב געדולד!

— מלבושים האָט דאָס ווייב צוגעשיקט?

דער בחור אויף דער וואַך האָט אָפּגעטריבן:

— גיי נישט צו צום אַרעסטירטן! מ׳טאָר נישט! ווייטער, אביסל, ווייטער!

רעדקין איז פאַרבייגעגאַנגען, צעקרימט דעם פּנים מיט אַן אומגעוווינטן שמייכל.

— לאַנג האָסטו אַנדערע געזעצט. זיץ סטאַרשינאַ, אַליין אביסל!

די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן לויט אַ נייער אָרדנונג, וואָס סאָפּראָן מיט די זעלנער האָבן איינגעפירט. פאַרזאַמלונגען פלעגן זיך אָנהויבן ווי אמתע גאָט־דינסט. מיט געזאַנג... „שטייט אויף איר אַלע". די היטלען פלעגן אַלע אַראָפּנעמען, אָבער געזונגען האָבן נאָר סאָפּראָן, די אורלויב־זעלנער און יונגוואַרג, וואָס פלעגן אומעטום פול זיין. נישט געקוקט אויף די שטאַרקע בוכענצעס און סיקעניש, פלעגן זיי אויף אַלע פאַרזאַמלונגען זיך פּלאָנטערן אונטער די פיס. און די גרעסטע דראָאונג פאַר די אַלטע איז געווען זייער פאַלשער, געבראָכענער, אָבער תמיד פריילעכער געזאַנג... עלטערע פויערים, אפילו די ווילדע פון יענער זייט גראָבן, האָבן זיך געשעמט מיטן דאָזיקן געזאַנג. פלעגן באַהאַלטן די קעפּ אין די פעלצן. ס׳פּאַסט נישט. אויפ׳ן דאָרף רייצן זיך די לצים:

— מיט אַלע פיטשעווקעס — אַ טייוועלשע תפילה! צום „ניט גוטן" דאַווענען זיי!

נעבעכסנאָוועקער האָבן געהאַלטן אַלע וועלטלעכע לידער פאַר טיוולשע שפּיל. בלויז זייער תהלים פלעגן זיי זינגען מיט א געזאַנג־טאָן. דעריבער איז מען געווינט געווען צו זייער אָנגע־כמורעטן שווייגן.

היינט איז סאָפראָן אַ יום־טובדיקער, א פריידיקער. פון אינע־ווייניק קוועלט אין די אויגן ליכט און צאַרטקייט. דעריבער איז ער שאַר־זיכטיק און וואַכזאַם. נאָכן אָפּזינגען, זאָגט ער גוטמוטיק אָן זידלערייען:

— וואָס קרעמפּירט איר זיך, אַלטע? פאַרוואָס זינגט איר נישט?

רופט זיך אָפּ פאַרשעמט אַרטאַמאָן פּעגיק.

— לאָז געמאַך! מיר האָבן שוין אונזערס אָפּגעזונגען. לאָמיר הערן די יונגע!

סאָפראָן האָט זיך איינגאַנצן אַ ריס געטאָן אין זיין זייט, אַ צאַפּלדיקער און פריידיקער.

— חבר אַרטאַמאָן פּעטראָוויטש, זענען מיר פּאַרטייאישע מוזן מיר פאַרשטיין. דאָס דאָזיקע ליד איז פאַרן פּראָלעטאַריער געמאַכט. אינטערנאַציאָנאַל איז טייטש: יעדער, וואָס איז נישט פאַרמעגלעך, אַ ייִד צי אַ קריסט.

— אַלע אינאיינעם. פאַרשטייסט? און ווי פריער האָט מען אונז גערופן פאַרשאָלטענע, גיבן מיר זיי אַן ענטפער! מיר'ן זיי ווייזן, הייסט עס, ווי מיר זענען פאַרשאָלטן! פאַרשטייסט?

ער האָט געקוקט אַרטאַמאָנען גלייך אין מויל אַריין, איז פון דער הויט געקראָכן. און יענער האָט זיך אַלץ מער אָפּגערוקט און מיט אַן אַראָפּגעפאַלענער שטים געזאָגט:

— ס'אַ ספק אַן אומפאַרשטענדלעך וואָרט, נאָר מילא, שוין אַלץ איינס...

דער פראָנט־סאָלדאַט סעמיאָן גאַלאָווין האָט זיך אַריינגעמישט:

— און וואָס שייך דאָס וואָרט אינטערנאַציאָנאַל... דאָס דאָזיקע וואָרט איז אַ באָלשעוויקישע. דער באָלשעוויקישער לשון איז אַ שווערער, נאָר אז מען קלערט אַריין אין תוך פון דער זאַך אַ גרונטיקער אַ שניידיקער לשון!

— אַרטאַמאָן פּעגיק האָט מיושבדיק, אָן אַ שמייכל, מסכּים געווען;

— ווי מיט מעסערס.

די נעבסנאָווקער האָבן זיך צעלאַכט. אָבער קאָטשעראָוו, אַ געפּייניקטער פון אומגעדולד, האָט נישט אויסגעהאַלטן, אַ געשריי געטאָן פון צווישן עולם:

— נענוג שוין, בּרידער, מיט דער דאָזיקער תּורה! לאָמיר צוטרעטן צום ענין. נאָכוואָס האָט מען גערופן?

דער המון האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיך צעהודזשעט:

— צום ענין... דעם ענין דערקלער.

רעדקין, תּמיד געפּייניקט פון ווייטאָק און בּייזקייט, האָט איינרייצנדיק זיך, אַ געשריי געטאָן.

— און דאָס איז נישט צו דער זאַך? די שטאָטישע ווערטער דאַרף מען וויסן! זיי זאָלן נישט אָפּנאַרן. און זיין געשריי איז נאָנט און פאַרשטענדלעך געווען פאַר אַ סך פון סאָפּראַנס פּאַרטיי. זיי האָבן גענומען אויף זיך דעם יאָך פון דעם נייעם. זיך אָפּגעשלאָגן פון זייערע לערערס — די אַלטע. זיך איבּערגעענטפערט דער שטאָט, נאָר דעם דורות׳דיקן אומצוטרוי צו איר נאָך נישט אָנגעוואָרן.

פלוצלונג האָט זיך דער המון אַ וואַקל געטאָן, זיך פאַנאַנדערגערוקט אַ דערשטוינטער.

פּופּצן פּראָנט־זעלנער און יונגע אָן־וואָנסעדיקע בחורים — מיט בּיקסן אויף די פּלייצעס, האָבן זיך דורכגעשלאָגן צום טיש. תּיכּף איז שטיל געוואָרן. און בּולט, פייערלעך האָבן געקלונגען סאָפּראַנס ווערטער:

— די רעוואָלוציאָנערע שמירה.

אַ מינוט פיינלעך שווייגן פון המון האָט אונטערגעשטראָכן פאַר יעדן: ס׳קומען אָן נייע צייטן. דער קאַמף איז אָטאָ־דאָ, אין אייגענעם דאָרף, און דעריבּער האָט סאָפּראָנס פעסטער, רויקער קול אָפּגעקלונגען, ווי אַ מלחמה־רוף:

— די גאַנצע ערד אין וואָלאָסט איז אַלגעמיינע. קהל א״ז באַלעבּאָס! קיין באַזונדערע באַלעבּאַטים זענען נישטאָ. לאָמיר

צעטיילן איף נחלות. אַלע נפשות פון אונזער טאַמבאָוואָ־נעבסנאָוו קער, פון איצט אָן — אינטערנאַציאָנאַלער וואָלאָסט, וועלן מיר אויך איינטיילן אויף קאָמונעס. יעדער קאָמונע — אַ נחלה. צוזאַמען וועט מען זייען און שניידן. ווען עס גלוסט זיך נישט אין דער קאָמונע, לאָז ער ליגן אויפן אויוון. נישט קיין ברויט און נישט קיין היי וועלן מיר נישט געבן!

אַ זיפץ אָדער אַ קרעכץ איז אַדורך צווישן עולם און ווידער אַ רגע שווייגן, דערנאָך — אַרטאַמאָנס ציטערדיקער קול:

— און ווי איז מיט מאַשינעס?

אין די מלחמה־יאָרן האָט מען זיך פאַרבענקט אין אַלע דערפער נאָך דער מאַשין. מ׳האָט געזען, ווי מיט איר הילף פאַרטיקן זיך לייכט אָפּ די רייכע. מ׳האָט זיך אָנגעהערט פון די מלחמה־געפאַנגענע וועגן מלוכות, וווּ מאַשינעס שפּייזן און די פלייצע קאָן אַביסל אָפּרוען. אָבער קויפן מאַשינעס האָבן געקענט נאָר די רייך־ערדיקע, די שטאַרקע. פון אַלע זייטן האָט מען איפּגעכאַפּט אַרטאַמאָנס פראַגע:

— מאַשינעס... מיט מאַשינעס ווי? מאַשינעס?

— פון שטאָט וועט מען געבן?

סאָפּראָן ווידער פעסט און זיגעריש:

— אַ באַפעל פאַראַן. אַלע מאַשינעס ביי די באַלעבאַטים רעקווירירט! פאַרמאָגן מיר דען ווינציק געלט־זעק? צווישן די קאָמונעס וועלן מיר פאַרטיילן.

עפּעס פריידיקס אומרויקס, פּראָטעסטירנדיקס אינם גערויש, אומבאַוועגלעכע, אָנגעכמורעטע פויערים מיט ביקסן ביים טיש. דער המון פליסט צום טיש ווי אַ כוואַליע, אָבער אין אַ רגע אַרום פאַלט ער אָפּ, וואַרפט זיך צוריק פון טיש. ווי מ׳וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן־בלויז קאָטשעראָוו, פאַרגעסנדיק יעדע פאָרזיכט, רעדט פון אָרט, שאַרף־שרייאיק, ווי נישט מיט זיין קול:

— דאָס איז דאָך גזלה! די נעבעסנאָווקער האָבן געמיינזאַם געקויפט די ערד. דעם לעצטן פאָדים אָפּגעגעבן פאַר איר! ביי די פריצים אָפּנעמען — אדרבא! אָבער ביי אונז, ביי האַרעפּאַש־ניקעס? פון האָרעפּאַשניקעס חוזקט איר? דעם אייגענעם ברודער־

פויער רואינירט איר? נעבעסנאָוועקע האָט פּאַר אייך געלעבט, אין אַ קאָמונע! צוזאַמען די ערד געקויפט. גאַנץ נעבעסנאָוועקער קהל, רויבער זענט איר, נישט אויפבויערס! דעם אייגענעם ברודער־פויער!..

די פיל־ קולותדיקע חיה האָט זיך צערעוועט:

— גאָלדענע ווערטער!

— מיר וועלן נישט דערלאָזן!

— מיט בלוטיקן שוויס האָבן מיר פאַרהאָרעוועט!

ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען צו הערן אַ וואָרט. אַלץ האָט זיך צעגור־פגעגאָסן אין איין דראָענדיקן: אַ־אַ־אַ־אַ! אָבער סאָפּראָנס נצחונדיקן געשריי האָבן אַלע דערהערט:

— מיט געוואַלט וועלן מיר אָפּנעמען!

ווען נישט די „רעוואָלוציאָנערע שמירה", וואָלט מען סאָפּ־ראָנען צעריסן. נעבעסנאָוועקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טיש, האָבן די בהורים אָנגעשטעלט די ביקסן, פון הינטן די הינטער־גראָבנדיקע און טאַמבאָוועקער פויערים מיט אַ דראָענדיק געריטשע־ריי. קאָטשעראָוו האָט געקריצט מיט די ציין, אָבער פאַרשטאַנען: יאָ, הייַנט איז סאָפּראָן אויפ'ן פערד. ווי צעגויפגערעדט האָבן די ערד־רייכע זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג. די איבערגעבליבענע אין שול האָט סאָפּראָן מיט היץ דערקלערט.

— זיי פּליאָדערן, די נעבעסנאָוועקער, אַז מ'באַעולט זיי. „ביי אונז איז אויך אַ קאָמונע". זיי לייגן יעדע צווייטע שטוב איז אַ נייע סעקטע. זייער גאָט האָבן זיי אויף שטיקלעך צעריסן. דאבראָליו־באָווצעס, סובאָטניקעס, באַפּטיסטן, עוואַנגעלישע קריסטן. רייסן זיך ווי די הינט. איצט זענען זיי איינס, פון שרעק פאַר זייער ביסן. „די ערד האָט אונזער גאַנצע עדה געקויפט צוזאַמען!" אָבער ווי צעטיילט? יעדן, וויפל געלט ער האָט געגעבן! די אָרימע זיינען ווייטער געבליבן אָרימע! און זשיגאַנאָוו האָט פירהונדערט דעסיאַ־טין. קאָטשעראָוו — דריי־הונדערט מיט פופציק. „האָרעפּאַשניקעס". דעם בויך האָבן זיי גאַנץ ווייניק אונטערגעריסן! אַלץ מיט אַרבע־טער! קאָטשעראָוו פּראַוועט מעשה פּאַפּ און שניידערט צו אַביסל און פאַרשמעקט נישט אויף דער ערד! זשיגאַנאָוו האָט אויף אונז געריסן!

מיר וועלן זיי אַראָפּטרייסלען! אַלעמען איבערטרייסלען! זיך דערוואַרט אויף אונזער טאָג!

צווישן די געבליבענע איז געווען האַלב נעבעסנאָווקע. צום ערשטן מאָל האָט די מעכטיקע פּאָדערונג פון ערד און ברויט צע־גריפּגעפּאָסן אין איינס „פּראַוואָסלאַווגע" און „מאָלאָקאַנער".

צעגאַנגען איז מען זיך נאָך האַלבער נאַכט. סאָפּראָן האָט זיך לענגער פאַר אַלעמען געטומלט אין שול. אָפּגעלאָזן די שמירה. אַ גרויס־בערדיקער פּראָנט־זעלנער האָט געוואָרנט.

— זיי וועלן ממיתן אויפ'ן גאַס!

אָבער סאָפּראָן האָט באַרויקט:

— הייַנט וועלן זיי נישט טשעפּען! אָנגעשראָקן!

און אַליין אומגעדולדיק זיך געדרייט איבערן קלאַס, געוואַרט, ביז אַלע וועלן אַוועקגיין. זיין האָפענונג איז דערפילט געוואָרן. אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען און אין קאָרידאָר האָט זיך געעפנט אַ טיר. ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ פיין, ווייס פּנימל.

— זיך פונאַנדערגעגאַנגען?

— אַוועקגעגאַנגען, אַנטלאָפן ניקאָלאַיעוונע! און איר, פאַר־וואָס שלאָפט איר נישט?

און אין סאָפּראָנס ציטערדיקן קול הערט זיך אַ גרויסע, ערפורכטיקע פרייד. אומגעבעטן, אומגעריכט איז אַריין אין דער נשמה די ריינינקע שטאָטישע פריילן, די לערערקע, פון דער צייט, וואָס ער איז געוואָרן אין איספּאָלקאָם דער מאַכער, האָט זי גענו־מען אַריינקומען געשעפטלעך. רעדט וועגן עפּיס, און אַ שמייכל אַזאַ היימישער, אַ וואַרעמדיקער. עס ציט אים צו איר. ער ווערט פאַרלאָשן בלויז אויף אַ רגע, ווען עס קומט אַ געדאַנק: ווי אַלע ווייבער. ס'ווילט זיך כבוד. אַמאָל פלעגן די לערערקעס ליפן צום סטאַרשינאַ און גריסן דעם פּריסטאַוו. די — אונטער די פליגל פון דער נייער „באַטשאַלסטוואָ". ער האָט עס געוווסט און זיך נישט געקענט אַן עצה געבן מיט זיך. יעדן מענטשן ווילט זיך אַ יום־טוב. די דאָרפישע פויערטעס, מיט די פעטע, צעצויגענע שטימעס, מיט די רויטע, פאַרגרעבטע הענט, און גראָבע שווערע ווערטער — זענען דער איבערוואָכן. דער געוויינטער, שטענדיקער, דערסענער

אינדערוואָכן. אויך די ווייב דאַריע, וואָס געבוירט, קאָרמעט, און טראָגט אויס אויף איר ברייטער פּלייצע די גאַנצע אַרבעט פון דער פויערשער באַלעבאַטישקייט, — זי איז איצט נישט נויטיק, אין די דאָזיקע נייע, פייערלעכע טעג. פריער ווען סאַפּראָן האָט געלייענט ביכער, האָט ער זייער ליב געהאַט דעם שרייבער דיומאַ. אַלץ אין זיינע ביכער איז געווען אַזוי נישט ענלעך אויף סאָפּראָנס לעבן. און דעריבער שיין און נישט־דערגרייכבאַר. די דערציילונגען וועגן פויערים און אַרבעטער פלעגט ער לייענען בלויז מחמת אַכטונג פאַרן ביבליאָטעקער סערגיי פּעטראָוויטש. ס'איז נישט נויטיק, האָט זיך געדוכט, אַריינצושטעקן דעם פינגער אין אייגענעם אייטער. די דאָזיקע ביכער, האָט ער געהאַלטן, זענען נויטיק בלויז פאַר די רייכע. „זיי שמעקט שוואַרץ ברויט, — געבייטלטער האָט דערעסן. און אונז גיט כאָטש אַ שטיקעלע ווייס ברויט. אָנשטאָט לעקאַך אויף יום־טוב!” אָט אַזאַ יום־טובדיקער לעקאַך, נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכטער, איז געווען אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע. פריער האָט ער בראָנפן געטרונקען, כדי אין שכורע טרוימען נישט זען די ווירקלעכקייט. איצט האָט אים מיט אַ ברויזנדן געטראַנק, ביז שכרות, אָנגעטרונקען די רעוואָלוציע. בראָנפן איז מער נישט נויטיק. אָבער אין שכרות האָט באַהערשט אַ טרוים: אַלדאָס יום טובדיקע, אומבאַקאַנטע וועט איצט זיין. סאָפּראָן איז געווען פלייש און ביין פון דאָרף, אָבער נישט פון אַלטן, פון פעסט־איינגעפונדעוועטן, נאָר פון נייעם, פון אויפגערודערטן, פון זוכנדיקן. דעריבער האָט דער טרוים געהאַט איבער אים אַ גרויסע מאַכט. זשיגאַנאָוון, קאָטשעראָוון און ענלעכע צו זיי איז נויטיק געווען אַ געזונטע, גראָבע־היטנדיקע באַבע צוליב קינדער האָבן, אַמאָל צוליב זנות. סאָפּראָן אָבער האָט זיך פון בוך אָנגעשטעקט מיט ליבע. אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע איז געקומען פאַר אים ווי אַ נסיון, וואָס פאַרשיכורט און צעשרויפט. זיך נישט געקאָנט גובר זיין. זיך געצויגן צו איר.

— נו, לאָמיר דאָ זיצן און שמועסן אַביסל. די וועכטער שלאָפן שוין?

— עפּעס זעט מען זיי נישט. מסתמא שלאָפן זיי.

אַ לייכטע איז זי אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און גענומען

באַמבלען מיט די דינינקע, אָבער קרעפּטיקע פּיסלאַך, אין שטייף אָנגעצויגענע שוואַרצע זאָקן.

ער האָט געטראַכט צאַרט, ביז ווייטאָק אין האַרצן:

— פייגעלע... טייערע...

זאָגן דאָס אין דער הויך וואָלט ער נישט געקאָנט. האָט ער בעקניימשט אין די הענט די פאַפּאַכע. געשטאַנען אינמיטן קלאַס אַ לעכערלעכער, אַ צוקודלטער, מיט אַ פאַרלוירן שמייכל, וואָס האָט מיט אַמאָל נאַרעשעוואַטע געמאַכט דאָס פּנים. סיי דאָס, וואָס צו זיך אין צימער האָט זי נישט אַריינגעלאָזן, זיך געהיט, סיי דאָס וואָס באַגט איז זי נישט צוגעגאַנגען, נאָר מיט די אויגן געגלעט,— האָט נישט געכעסט, נאָר גערירט.

— וויסינקע... טייבעלע...

און זי האָט פאַרשטעלט מיט אַ לייכטער מינע דעם געניך און געפרעגט:

— נו, ווי האָט מען אויפגענומען די נייעס? שטאַרק געשריגן. כ׳האָב מורא געהאַט פאַר אייך.

אַלץ פאַרשטייט זי, כאָטש אַ נקבה! די ווערטער — אַזעלכע לייכטע, תּמיד צוגעפּאַסטע. ס׳ווילט זיך אַזוי ריידן מיט איר. אַלץ וואָלט ער דערציילט, אָבער די צונג אין מויל איז ווי אַ קלאָץ. ס׳קריכן אַרויס ווערטער נישט קיין פּאַסיקע, נישט קיין געראָטענע. און דערצו צעקניימשט זיי אַ גרויסע צאַרטקייט.

און זי האָט געלויבט.

— איר האָט זייער ריכטיק אויסגעפירט, די ערד קען נישט זיין אימיצינס אַן אייגנטום.

כדי צוגעבן אַ גרעסערע וואָג די ווערטער, פלעגט זי אויפהויבן די קיילעכדיקע, דינע ברעמען. זי האָט גערעדט פרעמדע ווערטער, פאַרפלויגענע אין אויער, אָבער אַזוי זיכער און פריי. ווי אייגנס, איבערגעטראַכטס.

און אין דערהיים וועט די גראָבע, אומבאַוועגלעכע דאַריע פויל קראַצן דעם רוקן, ראַצן מיט די פינגער אין די אַראָפּגעפּאַלענע צעפּ און שלעפּעריק ציען:

— ס׳טאָגט שוין באַלד... וועסט זיך לייגן צום וואַנט, וואָס?

אַנאַטאָנינען ניקאָלאַיעווען האָט פאַרנומען און הנאה געטאָן איר מאַכט איבערן נייעם וואָלאָסט-וואָיעוואָדע.

א געניטע אין שמוציקע, שטאָטישע שטיפעריַיען, ניט אָפּגעבנדיק זיך, מיט גימנאַזיסטן און אָפיצירן, האָט זי געזען, ווי עס מאַטערט און ברענט דעם פויער דאָס צעבונטעוועטע בלוט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין צוים האַלט אים בלויז דער ערפורכטי-קער גלויבן אין דער באַזונדערער רייַנקייט אירער. דאָס איז געווען ניי, לעכערלעך און פריידיק. מיט די פיס האָט זי געשפּילט, געריַיצט, אָבער מיטן מילדן, רייַנעם קול און מיטן תמימותדיקן בליק האָט זי געוואָרנט. ס'איז געווען שרעקלעך ביים געדאַנק — מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן? א קוש טאָן וואָלט זי נישט קענען! אין אינטימקייט איז ער זיכער, אָפּשטויסנדיק-גראָב. סאָפראָנס, האַמעטנע דערציילונג האָט זיך איבערגעריסן. זי האָט דערשפּירט: ס'איז סכנהדיק פאַרציִען אָפּטע פויזעס אין זייערע שמועסן. איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש.

— שוין שפּעט. איר האָט זיך היינט פאַרמאַטערט.

הינטערן פענצטער, אויפ'ן גאַס, האָט דער שניי אַ סקריפּע געטאָן אונטער טריט. עמיץ האָט פאַרזיכטיק געקלעטערט אויפ'ן פענצטער-ברעט. האָט זי זיך איינגעהערט, געמאַכט א שטרענגן פּנים, און שרעקעוודיק זיך צוזאַמענגעצויגן.

— מ'קוקט נאָך. מ וועט באַריידן. קומט אַריין מאָרגן ביי-טאָג טרינקען טיי. כ'וועל אַליין קיכעלעך פאַר אייך אָפּבאַקן!

און פון וויַיטנס דערלאַנגט די האַנט. ע-עך! ס'אַראַ כח ס'פאַרמאָגט אַמאָל אַ פרוי!

ער וואָלט זי אויסגעקושט, נאָר שרעקט זיך. קוקט, ווי אויף דער זון. בלויז מיטן בליק האָט ער זי אינגאַנצן אויסגעטרונקען און די האַנט ביז וויַיטאָק ציגעדריקט. יעדן טאָג זעען זיי זיך. און תמיד אַזוי: האַלט אים פון דערוויַיטנס.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער באַמערקט: פון טרעפּל האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום שפּייכלער צוויי שוואַרצע געשטאַלטן... ער האָט זיך איינגעהערט, אַרויסגענומען פון קעשענע דעם רעוואָל-ווער און אויסגעשאָסן אין דער לופטן. איבערגעשראָקן האָט בלויז

דער אומרויקער „אָך״ הינטערן טיר. האָט ער אַהין אַרייַנגעשריגן יונג, און פרייַדיק:

— זייט רויק!

און זיך געלאָזט איבער דער טירמער, ווייסער גאַס, וואָס ווילדע קולות פון הינטישן בילן האָבן זי געוועקט, אָבער נישט באַלעבט. צוויי שורות טונקעלע הייזער, וואָס האָבן איינגעהאַלטן דעם לעבעדיקן אָטעם, זענען געווען טרויעריק, און האָבן געוואָרנט, ווי אַ דראָאונג. און די נשמה האָט נישט מורא געהאַט, זי האָט געיובלט.

צוליב דעם, וואָס די הענט איז געלעגן גרייט ביים רעוואָלווער, צוליב דעם, וואָס אין זיין אייגענעם דאָרף איז ער צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין געפאַר, — איז געוואַקסן און זיך געשפרייט אַ שטאָלצער מוט. צוליב דעם, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן דער באַגערטער ווייסינקער, האָט אין קאָפּ גערוישט ווי פון פרילינג.

און אין דערהיים איז געוואָרן פּאַסקודנע. ס'אַרא געשטאַנק! מדאַרף זיך רייניקן. אויספּוצן. דאַריעס פעטער קערפּער, לעבן אים אויפן בעט, האָט געוועקט אַן איבלדיקן אומעט, אָבער האַסטיק האָט ער אים אַ ציִ געטון צו זיך, אַרומגעכאַפּט פון אומרייַנער, בייזער, אָפּגעשפּיגלטער תאווה.

III.

סאָפראָן שלאָפט איצט זייער ווייניק. ס׳איז אָנגעקומען אזאַ פריידיקע, שטורמישע צייט, אַז ס׳איז אַן אימה צו שלאָפן. נישטאָ קיין חשק צום שלאָף. דאָס לעבן איז פאַרביק געוואָרן, האָט זיך צעשפּילט פאַר אים, דעם דרייסיק־יאָריקן. ווי אַ יונגער בחור איז ער געוואָרן. נעם, כאַפּ אַלץ, רודער! אין שטאָט באַקומט ער אַזעלכע עזות׳דיקע באַפעלן. דערווייסט זיך קורצע, אומרויִקע ווערטער, צעוויכערטע ווי אַ שטורעם־גלאָק.

אין דערך שרייט ער: אונזער מאַכט! ער זעט, פאַרשיכורט פון נצחון־געפיל, ווי פּלייצעס, נישט געוווינטע צו בוקן זיך, לערנען זיך איינצובויגן פאַר די שטיפקינדער פון לעבן. ער קוועלט אָן, ווען די פאַרטעמפטע, אָפּגעריסענע מחנה „אומפאַרמעגלעכע״ ברויזט אין דראָענדיקן אומרו. אָבער צוזאַמען מיטן נצחון־געפיל, האָט ער, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, איינגעזויגן דעם גיפט פון הערשאַפט. ער באַמערקט נישט, ווי אין די ווערטער, אין די פאַראָרדונגען, אין די פון אויבן־אַראָפּ־חכמהלעך מיט זיינע „אומפאַרמעגלעכע״, איז ער ענלעך געוואָרן צום סטאַרשינאַ זשיגאַנאָוו.

צוליב אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט ער זיינע פויערשע קליידער אומגעביטן אויף שטאָטישע.

ער האָט איבערגענומען די שטאָטישע גלאַטינקע ריידעלעך· אין שטאָט האָט מען שוין סאָפראָנען באַמערקט. איין רעדע זיינע

האָט מען אַפילו פאַריכט צוגעגלעט און אָפּגעדרוקט אין צייטונג. מיט ציטער האָט ער אונטערגערוקט די צייטונג אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונען. געמיינט, זי וועט זיך דערפרייען. זי האָט אָבער בלויז צאַרט אַרויסגעצויגן:

— אַך, דאָ איז אייער רעדע. זייער אינטערעסאַנט! אינאָוונט וועל איך אַדורכלייענען.

און מער קיין וואָרט נישט וועגן דער צייטונג. זאָל זי האָבן פאַרגעסן? פאַר סאָפּראָנען איז דאָך דידאָזיקע צייטונג ווי אַ געשענקטער מאַניפעסט. אין די נעכט פלעגט ער זיך אויפכאַפּן, אָנצינדן פייער, זי לייענען. און די געדרוקטע ווערטער זענען אויסגעקומען גרויס און קרעפטיק. ער פלעגט זיי לייענען אין דער הויך, מיט אַ חשיבות'דיקן שעפּטשען. זיך איינהערנדיק אין זיי, פלעגט ער ווי אויסוואַקסן. שוין זשע זאָל זי האָבן פאַרגעסן? פון הער פּאָקראָווסקיס גוט האָט דער קרייז־סאָוועט איבערגעגעבן דער *אינטערנאַציאָנאַלער* וואָלאָסט אַ גרויסע ביבליאָטעק און אַ טייל מעבלירונג פון פריצישן הויז, וועלכע מ'האָט נאָך נישט באַוויזן צעגנבענען, פאַנאַנדערשלעפּן.

סאָפּראָן אַליין האָט באַגלייט פון פאַבריק ביזן דאָרף די פור מיט ביכער און מעבל. די גאַנצע מעבל האָט ער געהייסן אַריינפירן אין ביבליאָטעק. פאַר דער ביבליאָטעק האָט ער באַשטימט אַ נייע דירה. דעם אויבערשטן טייל פון זשיגאַנאָווס הויז. די דירה איז געווען אַ גרויסע, אַ צוויי שטאָקיקע. זשיגאַנאָוון האָט ער אַראָפּגעטריבן אין אונטערשטן עטאַזש. זשיגאַנאָוו האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד, אָבער אין אַ וואָך אַרום זענען די מלבושים געהאָנגען אויף אים און זיין בליק איז געוואָרן ווי ביי אַ וואָלף. די עולה האָט דורכגעברענט. סאָפּראָן אַליין האָט אָנגעפירט מיטן איינשטעלן די שאַפעס און די איבעריקע מעבל. ער האָט געהאָפט צו מאַכן אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונען פאַר אַ ביבליאָטעקערשע. פון גאַנצן דאָרף איז מען זיך צענויפגעלאָפן זען. אַפילו די אָנגעכמורעטע נעבעסנאָיקער זענען געקומען.

סאָפּראָנס שווייסיקער פּנים האָט געגלאַנצט און די אויגן

האָבן געבליצט, בעת ער האָט געהאָלפן שלעפן אויף די טרעפּ דעם קלאַוויר.

— מיר וועלן איצט אַ שפּיל טאָן אויף דער שטאָטישער מוזיק! אָבער אַ וואָ־אָ־אָג אַביסל, כאַפּט דער רוח! חבר קאָטשעראַוו, ווער אונטערזינגען אונטער דער מוזיק?

קאָטשעראַוועס פּנים האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן די פאַרב. אָבער דאָ איז ער רויט געוואָרן און מיט כּעס אַרויסגעבורטשעט:

— נישט פאַר אונדז זענען טענץ, האַרמאָשקעס און שטאָטישע הולטייסטווע. דאָס זענט איר דאָך, סאָפראָן אַרטאַמאָניטש, דער ערשטער האַרמאָניסט אין גאַנצן וואָלאָסט. לאָזט זיך ווילגיין.

סאָפראָן האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש, אָבער בלויז אַ שפּיי געטאָן. נישט אָפּגעענטפערט. ווען מ'האָט אַרייַנגעשלעפּט דעם קלאַוויר, האָט מיטראָפאַ־שרייבערל תּיכּף פּרובירט מיטן פינגער.

דערנאָך האָט ער צוגעקליבן עפּעס שיינס. קאָטשעראַוו האָט אָפּגעזיפצט.

— דאָס איז אַלץ טייוולשע שטיק! וואָלט מען בעסער טשוועקעס געגעבן דעם דאָרף.

ווען מ'איז צוגעטראָטן פונאַנדערקלייַבן די בילדער, איז סאָפראָן אַליין פאַרשעמט געוואָרן. אַ סך נאַקעטע ווייבער.

אַרטאַמאָן פּעגיק האָט אויף איינער אַ טייטל געטאָן מיטן פינגער.

— מיט אַלע פּיטשעווקעס! אַ פאַרפירעניש. גוט אויף רייצן די פּריצים, אָבער מיר דאַרפן עס נישט. ביי דער אייגענער באַבע אַלץ געזעען.

די נעבעססנאָווקער האָבן געשפּיגן. סאָפראָן האָט געפּסקנט.

— פאַרברענען!

מיטראָפאַ־שרייבערל האָט זיך נישט איינגעהאַלטן פון נבול־פּה:

— אַ באַוואוסטע מעשה, — וואו וואָס איז אָנגעמאָלט.

קאָטשעראַוו האָט אָפּגעזיפצט:

— פאַרברענען יאָ, פאַרברענען נישט, סיי ווי איז דאָס פאָלק געוואָרן אויסגעלאַסן.

די ביכלאך זענען געווען אין טייערע, שיינע איינבונדן: לאנג האָט מען געגלעט און געטאַפּט מיט די שטייפע, נישט-בייגעוודיקע פינגער. אַזעלכע האָט מען געהאַלטן אין האַנט צום ערשטן מאָל.

אַרטאַמאָן פּעגיק האָט ווידער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— נישט פאַר פויערשע הענט. מיר'ן זיי אויסשמירן! אין אינווייניק וואָס איז פאַר אַ לייענעכץ?

קאָטשעראַוו האָט אָן עפן געטאָן פּושקינס באַנד, אויף „רוי-סאַלקע". אין די אויגן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַ בילד — ווידער גאַקעטע. מיט כעס האָט ער אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן טיש דאָס ביכל.

— הולע אויסגעלאַסנקייט!

אָבער מיטראָכע-שרייבערל האָט פלינק אונטערגעכאַפּט פון טיש.

— הע... לעקסאַנדער סערגעיטש פּושקין! אין שול געהערט.

און זיך אַריינגעטאָן אין ביכל. דערנאָך פּלוצלונג אויס-גערופן:

— אינטערעסאַנט, וועגן „סאַמאָזוואַנעץ?"[1])

און גענומען לייענען אין דער הויך. אינגיכן האָט אַ מעכ-טיקער געלעכטער פון בערדיקע, באַיאָרטע פויערים באַדעקט מיט-ראָכעס לייענען. די סצענע אין קרעטשמע איז שטאַרק געפעלן געוואָרן. נעבעסנאָווקער האָבן געמורמלט, אָבער זיך גערוקט נענטער צו די נישט-ווילנדיק. ס'האָט זיך געוואָלט הערן. קאָטשעראַוו איז אויפגעבראַכט געוואָרן:

— ברידער, וועלטלעכע ביכער זענען זינד, אַ פּוסטער פאַר-גענינגן! איין בוך האָבן מיר — די ביבל. מ'קען אַמאָל וואָס ליי-נען אויך צוליב נייטיקע ידיעות, אָבער די דאָזיקע פאַרווײלונג מעגמען אויפהערן. נישט פאַר אונז!

סאָפּראָן האָט אײליק גענומען אַפּערקלײבן די ביכער.

---

1) אויסנאַרפּאַטאָר.

— אַלערליי זענען דאָ, אַלערליי. אָט האָט איר וועגן ערד־אַרבעט, און דאָס דאָזיקע — אויף פאַרברענען!

אַרטאַמאָן פעגיק האָט אַ פרעג געטון:

— און וועגן געטלעכעס איז וואָס דאָ? וועגן געטלעכעס האָב איך ליב.

קאַטשעראָוו האָט בייז און מיט פאַראַכטונג אַ כיכיקע געטאָן:

— אין דער באָלשעוויקישער פאַרטיי זיך פאַרשריבן און פרעגט וועגן געטלעכעס. וואָס זאָגן זיי וועגן גאָט?

אומגעריכט האָט אויפגעהויבן פון טיש דעם צעקודלטן, גרויען קאָפּ דער נעבעסנאָווקער סעקטאַנט איוואַן לוטאָכין. נביא — האָט מען אים גערופן. פלעגט תמיד לויט דער הייליקער שריפט נביאות זאָגן. און טויב און פייערלעך האָט געקלונגען זיין קול:

— לויט דער ביבל, לויט אונזער הייליקן בוך האַנדלען די באָלשעוויקעס. אין גאָטס האַנט זענען זייערע אַלע מעשים און לויט גאָטס געבאָט. עס שטייט ביים נביא ישעיה: „ווי צו אייך, וואָס מערן א שטוב צו אַ שטוב, וואָס פאַרייניקן אַ פעלד צו אַ פעלד, ביז פאַר אַנדערע בלייבט קיין אָרט נישט, גלייך ווי איר אַליין וואָלט געוואוינט אויף דער ערד. אין מיינע אויערן האָט אדוני צבאות אַזוי געזאָגט: די צאָלרייכע הייזער וועלן זיין ליידיקע, גרויסע און שיינע, און אָן איינוואוינער... און שעפסן וועלן זיך פוטערן וואו זיי ווילן, פרעמדע וועלן זיך שפייזן מיט די איבער־געלאָזענע פעטע פעלדער פון די רייכע".

ווי אַלע סעקטאַנטן, האָט ער גאַנצע זייטלעך פון ביבל גע־קענט אויף אויסנווייניק.

קאַטשעראָוו, ווי פון אַ דונער געטראָפן האָט אויסגעסטאַר־טשעט די אויגן און צעפירט מיט די הענט, ווי ער וואָלט דערזען די אייגענע הענט — ליידיקע, און זיין וואָפן — אין די הענט פון שונא. דערנאָך איז ער צו זיך געקומען און אין גרימצאָרן אַרויס־געריצעט:

— ליגנט! פלוידעריי! די הייליקע שריפט פאַרמשפט די מעשים און ווערטער אייערע. פאַרמשפט! זי זאָגט אָן אייער סוף. וועגן סוף אייערן ווערט געזאָגט ביי יענעם נביא ישעיה: „דו

װעט נישט זײן מער דאָס װילדע פֿאָלק, דאָס פֿאָלק מיטן טױבן נישט פֿאַרשטענדלעכן לשון, מיט דער פֿרעמדער „נישט פֿאַרשטענדלעכער שפּראַך“. דאָס מײנט מען אײַך! די באָלשעװיקישע װערטער. גאָט װעט אײַך פֿאַרניכטן...

אָבער קאָטשעראָװוס גרימצאָרן איז מער געװען פֿון שטאָלץ, װי פֿון װײטאָק. דעריבער האָבן געברענט בלױז די װערטער פֿון איװאַן לוטאָכין און קאָטשעראָװוס זענען געזאָגט און באַלד פֿאַרלאָשן געװאָרן.

ארטאמאַן פּעגיק האָט זיך אױך אַרײַנגעמישט אין װיכּוח מיט אַ ציטערדיק קול:

— די באָלשעװיקעס טוען לױטן געטלעכן װילן!

און אַ סך פֿון סאָפּראָנס פּאַרטײ האָבן זיך צעגױפֿגעדריקט בײַם טיש טריאומפֿירנדיקע. זײ האָבן געװאָלט ברעכן דאָס אַלטע, אָבער פֿון געװױנהײט האָט די הימלישע באַשײַנונג דערװאַרימט. מיט אַ הונדערטיאָריקן שיכּט האָט אַרומגענומען דער פֿינצטערער גלױבן, און װי פֿון אַ מױבער װאַנט האָבן זיך אַראָפּגעשלאָגן סאָפּראָנס װערטער, די אױסגעלערנטע אין שטאָט:

— די פּאָפּעס זענען רײַך געװאָרן פֿון אונדזער פֿינצטערנישׂ! ריכטיק זינגען מיר:

„קײנער װעט אונדז נישט באַפֿרײַען,
נישט גאָט, נישט קיסר און נישט העלד“.

אַרטאמאַן פּעגיק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— װעגן גאָט בעק אױס פֿון ליד! אָן גאָט װילן מיר נישט!

די פֿראָנט-זעלנער האָבן זיך צעליאַרעמט. סעמיאָן גאָלאָװין האָט געמאַכט מיט די הענט, װילד געשריען:

— און מיר דאַרפֿן נישט דײַן גאָט! װעמען האָט ער געהאָלפֿן? גאָטס - מוטער האָט געבױרן מײדלװײַז.

מיט אַ װאָגיקן שטאַרקן קלאַפּ האָט אים אָפּגעװאָרפֿן צו דער װאַנט אַ ברײט - פּלײצעקער, כמורער סעקיאַנט. גלאָאװין האָט אַ שפּרונג געטאָן אױף אים און גענומען װערגן. סאָפּראָן האָט זיך געװאָרפֿן פֿאַנאַנדערנעמען. זאַלבעדריט האָבן זײ זיך געדרײט אױף דער פּאָדלאָגע אין אַ סאָפּענדיקן קנױל. מיט זינלאָזן רעװען האָט

אָבער זיי געהודיעט דער המון. ס'האָט געקוויטשעט אַ באָבע, וואָס איז אַריינגעלאָפן אויף'ן טומל:

— דערשטיקט! סטריגאַנאָוון האָט מען דערשטיקט!

מיטראָכע-שרייבערל האָט זיך אויך געוואָרפן פאַנאַנדערנעמען. זשיגאַנאָוו האָט אים אָנגעכאַפּט פון הינטן פאַרן קאָלנער. האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו זשיגאַנאָוון. באַלד האָט דער פויערשער געשלעג פאַרכאַפּט אַלץ און אַלעמען. די שויבן האָבן געקלונגען פון טומל. שטולן האָט מען געבראָכן. מיט שווערע שטיוול האָט מען געטראָטן די טייערע איינבונדן פון די אָראָפּגעפאַלענע ביכער. און אין געשלעג האָט מען ווילד און הילכיק געשריגן וועגן גלויבן, וועגן גאָט. באַבעס זענען געקומען צולויפן נאָך זייערע מענער, געדראַפּעט, געכאַפּט פאַר די פּיס, געקוויטשעט. ווען סאָפּראָנעז, אַ צושלאָגענעם, אין צעפליקטע מלבושים, איז געלונגען זיך דורכרייסן צום טיר, האָט ער געשיקט אַ רייטער נאָך שמורה.

די צעגויפגעפלאָכטענע אין געשלעג האָט מען פאַנאַנדערגעגאָסן מיט וואַסער, געשלאָגן מיט ביקסן-קאָלבעס און אַרויסגעטריבן פון ביבליאָטעק. ביי סעמיאָן גאַלאווינען האָט מען עפּעס אָפּגעשלאָגן אינווייניק. איז ער געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע אַ גרויסער, אַ שוויגעדיקער. פון די פאַרטריקנטע ליפּן איז איבער דער גרויער וואָנסע גערונען אַ דינינקע שטראָמעלע בלוט. און אויף'ן פּנים קיין סימן פון מורא, פון ווייטאָק. אַ פאַרגליווערטע פאַרוווּנדערונג.

דין, מיט לאַנגזאַמען ווייבערשן יאָמער, האָט ביי זיינע פיס געוויינט דאָס ווייב.

אַוועקגייענדיק, האָט זשיגאַנאָוו בייז און הייזעריק אַ וואָרף געטאָן סאָפּראָנען:

— אָט אַזוי וועט מען דיך אויך צורעכטמאַכן!

קאָטשעראָוו האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ

— פינצטערניש!

און איז אויך אַוועק. מיט אַן אָפּגעריסענער פּאָלע פון זיין שטאָטישן פרענטש, מיט בלוט-פאַרלאָפענע אויגן, האָט זיך סאָפּ-

דאָן ווילד און אויסגעלאַסן געוידלט, געמאַכט מיט די הענט. ער איז אין כּעס געווען אויף זיך, וואָס ער האָט נישט גענומען דעם רעוואָלווער.

— זיך נאָך נישט אויסגעלערנט אַרומצוגיין מיט אים, אויך אַ זעלנער, נישטאָ וואָס צו ריידן;

אויף צומאָרגנס איז געקומען פון צווייטן דאָרף דער פעלדשער, אָנגעשריבן אַ באַשטעטיקונג וועגן סעמיאָן גאַלאָווינס טויט. אין זעלבן טאָג האָט מען מקבר געווען. די רייכע, בכּבודע איינוואינער האָבן געליאַרעמט:

— באַגראָבן אָן צערעמאָניעס! אַ גאָטלעסטערער!

נאָר דער אַלטער גאַלאָווין איז געפאַלן צו די פיס:

— פרומע לייט, נעמט אַראָפּ אַ זינד פון דער נשמה! לאָזט מיין זון צו גאָט!

האָבן זיי זיך מרחם געווען. געשיקט נאָכן פּאָפּ. אָנשטאָט דעם אנטלאָפענעם פּאָפּ האָט מען אַ צוויי טעג פריער געשלעג אַריינגעשיקט אין דאָרף אַן אַלטינקן, אַ צעשראָקענעם יעראָמאָנאַך וואָס לאָזט זיך גאָרנישט הערן.

האָט ער אָפּגעוויכט אַ תּפלה איבערן בר-מינן. ווען מ'האָט געטראָגן די טרומנע אויפן בית-עולם, זענען אַרטאַמאַן פעניק און סטעפּאַן גלאַזקין אָנגעפאַרן אַנטקעגן מיט האָלץ.

אַרטאַמאַן האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אַראָפּגענומען דאָס היטל און, ווינקנדיק אויף'ן פאַרשטאָרבענעם, רויק און צאַרט געזאָגט:

— אַהיים אוועקגעפאָרן.

און אין זיין קלוגן בליק, מיט וועלכן ער האָט באַגלייט די טרומנע, איז נישט געווען נישט קיין רחמנות, נישט קיין מורא.

פאַר די לאַנגע יאָרן פון געמיינזאַמען לעבן מיט דער נאַטור, האָט ער איינגעזויגן אין זיך: „פון ערד ביזטו געקומען און צו דער ערד וועסטו זיך אומקערן".

סעמיאָן גאַלאָווינס ווייב האָט אויפ'ן בית-עולם ווילד, ווייטאָגדיק געיאָמערט. און דערנאָך, צוריקקערנדיק אַהיים, האָט זי אָפּגעווישט די טרערן, אָנגעטאָן די אַלטע קליידער און געזאָגט צום שווער:

— לאָמיר גיין אויפרוימען אין שטאָל.

און קיין איינע פון די קלענסטע, נויטיקע אַרבעטן האָט זי דעם טאָג נישט פאַרגעסן, נישט איבערגעדרייט. און אינאָווענט איז זי געקומען צו סאָפּראָנען פרעגן:

— פאַרן מאַן וועט מען אַרויסגעבן עפּעס אונטערשטיצונג, אָדער ווי?

סעמיאָנס ווייב האָט אַמאָל געהערט צו די נעבעסנאָוואָקער. די סעקטאַנטן האָבן זי אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און גוט רעכענען, און איר שטעטל האָט זי געקענט אַליין באַשטיין. לאַנג און עקשנותדיק האָט זי זיך געדונגען מיט סאָפּראָנען. ערשט בייַנאַכט, אַלץ איינאָרדנענדיק, האָט זי אין איר טעמפּן און פינצטערן אומעט פאַרגאָסן מיט ביטערע טרערן דעם שמוציקן, פאַרפּעצטן קישן. אַ יונגער פויער איז ער געווען און אַ באַגערטער. אויך זענען קינדער געבליבן.

פון נעבעסנאָוואָקע זענען געקומען דעלעגאַטן צו סאָפּראָנען:

— צי קען מען נישט פאַרדרייבן דעם ענין מיט סעמיאָן גאַלאָווינס מאָרד. פאַר גאָט האָבן מיר זיך איינגעשטעלט! נישט ווילנדיק איז דערגאַנגען צום טויט!

אָבער סאָפּראָן האָט געבערענט מיט צאָרן, דערפאַר וואָס מ׳האָט אים אויך איינגאַנצן באַצירט מיט סיניאַקעס.

— די אַרבעט פאָדערט צו זיין צווישן מענטשן, אָבער ווי וועסטו זיך ווייזן מיט אַזאַ צורה? און דעם נייעם פרענטש האָט מען צעפּליקט.

האָט ער באַפוילן, און מ׳האָט אוועגעפירט אין שטאָט, אין תפיסה אַריין, דעם אַנגעכמורעטן סעקטאַנט, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם געשלעג, און נאָך דריי נעבעסנאָוואָקער פויערים.

ווען די סיניאַקעס זענען אָפּגעגאַנגען פון פּנים, האָט זיך סאָפּראָן ווידער גענומען איינאָרדנען די ביבליאָטעק. מ׳האָט פאַריכט די צובראָכענע מעבל, אויפגעהאָנגען אויף׳ן וואַנט די בילדער פון לענין און טראָצקי, און אַ געדרוקט, אויפשריפט „רויכערן איז פאַרבאָטן”

אונטער די דאָזיקע ווערטער האָט סאָפּראָן צוגעשריבן:

„אויך שפּייען אויף דער פּאָדלאָגע". גלייך אַקעגן דעם אַרויסגאַנג האָט ער אויפגעהאָנגען אַ גרויסן פּלאַקאַט: אַ ריז — אַ זעלנער צעפּנט דאָס מויל און שרייט. און אויף'ן פּלאַקאַט: „פאַרשרייבט זיך אַלע אויף דער מלחמה-הלואה". מ'האָט צעגויפגעטריבן פּויערטעס. האָבן זיי אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגעס און פענצטער און לאַנג נישט געוואָלט אָפּטרעטן. האָבן געגלאָצט די אויגן אויף די נישט געזעענע ווייכע פּאָטעלן, גרויסע טישן, שאַפעס מיט גלעזערנע טירן. אוליאַנע די סאָלדאַטקע האָט סאָליד געטאַפּט דעם שטאָף אויפן מעבל:

— אַ רובל דריי, מסתמא, האָט מען פאַרן קיסר'ס צייטן געצאָלט אַן אַרשין.

דאַריע סאָפּראַנס איז אויך געקומען אויפראַמען אין ביבליאָטעק.

זי האָט געצאַנק, זינט דער מאַן איז געוואָרן אַ רעדל-פירער. זי שווייגט כסדר.

און די באַבעס גיסן אייל אויפן פּייער, דערציילן וועגן דער לערערקע. זי נעמט צעגויף די ליפּן און — שווייגט. אַ שטרענגע. אָבער מ'זעט, עס מאַטערט זי. די אויגן אין שוואַרצע קרייזן און אין אָנטאָן — אָפּגעלאָזן. לאַנג האָט זי באַטראַכט די ביכער. געגאַנגען פון שאַפע צו שאַפע. ווי איבערגעציילט. דערנאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אונטערצינדן וואָלט מען זיי דאַרפן.

— וועמען?

— די ביכער. בלויז צו זינד פירן זיי. מאַכן אומרויק דאָס פאָלק.

און איז אַוועק אַ קלאַפּ-טוענדיק מיט דער טיר. ווען זי איז געגאַנגען איבערן גאַס אין אַ זייט, מיט אַ ווייטאָגדיקן קנייטש בייַם מויל, איז דורכגעפאָרן אויפן וועג אַ נייער שטאָטישער שליטן. אין שליטן — סאָפּראָן און נעבן אים די לערערין אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע, זיך פריי ווי אַ פּריצטע צעזעצט.

דאָס ווייסע, פוכיקע טיכל און די צאַרטע רויטקייט פון פּנים האָבן דאַריען אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן. טרערן זענען אַנגעלאָפן

האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט אַ וואָרף טאָן זיך, אַ געשריי טאָן מיט אַ שנײַדיקן ווײַבערשן קוויטש, צעדראַפּען, פֿאַרשפּײַען. אָבער ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט. האַסטיק האָט זי זיך אומגעקערט און, כּמעט חיפּנדיק, צוגעקומען צום שטוב.

אין שטוב האָט זי אויסגעלאָזן דעם כּעס צום יונגסטן זון. ביז סיניאַקעס אים צעשלאָגן. דערנאָך האָט זי געדרוקט צום האַרצן דאָס פּינפּיאָריקע קערפּערל, וואָס האָט געציטערט פֿון כליפּען, און האָט רחמנותדיק דיך געיאָמערט:

— אָ... אָ... אָ... אי... אי... אי... טויטעלע—ע דו מײַנער...
אָ... אי... מאַמעלע...

און אין ביבליאָטעק איז סאָפּראָן געקראָכן אויף די נעגל פֿאַר דער פֿרײַלײַן: געלייענט אין די שאַפֿעס די נעמען פֿון די ביכער, געוויזן, אַז אַלץ איז אויפֿ'ן שטאַטישן שטייגער.

— אָט—דאָ—אָ איז אַ לייען-זאַל און אַזאַ מין קלוב. דאָ—אָ באַקומט מען ביכער, און דאָרט ווייטער איז אַ צימערל פֿאַר דער ביבליטעקערשע. אַנו, כאַפּט נאָך אַ קוק דערויף!

און פֿײַערלעך אַן עפֿן געטאָן די טיר. אַ טואַלעט טישל אונטער ווײַסן מוסלין, טײַערע פֿלאַקאָנעס מיט פּערפֿום. אַ בעט מיט בלישטשנדיקע קײַקעלאַך אונטער אַן אַטלאַסענע פֿריצישע קאָלדרע מיט צוויי קישנס, באַנייטע מיט שפּיצן. אַ טײַער שרײַבטישל, קליין ווי אַ שפּילצייג, איז אויעקגעשטעלט אַביסל אָפּגערוקט פֿון וואַנט. אין ווינקל אַ סאָפֿקע, ווייכע פּופֿן און אַ קײַלעכדיק טישל מיט אַ ווײַסן טישטוך. אַלץ פֿון העך פּאַקראָווסקיס הויז.

שײַנענדיק מיט פֿרײדיקער אויגן-בלויקייט, האָט סאָפּראָן דערקלערט:

— כ'האָב בכּיון נאָכגעקוקט בײַ אַ פֿרײַלײַן אין שטאָט, ווי אַזוי מ'צעשטעלט און וואָס עס פּאַסט פֿאַר פֿרײַלײַנס.

— זייער אַ פֿיין צימערל, זייער אַ פֿײַנס. איר האָט געשמאַ, סאָפּראָן אַרטאַמאָניטש.

עך, וואָלט ער זי איצט אַרומגעכאַפּט! איצט וואָלט ער געוואַגט, זי רײַצט אַזוי מיטן קוק. אָבער די באַבעס שטערן. שטעלט זיך אין טיר, ווי די נאַרישע שעפּסן.

און אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט זיך פאַרשעמט, ווידער אַריין אין ביבליאָטעק. דאָרט איז שוין פול מיט פויערים. אַרטאַמאָן פע־גיק פרעגט:

— אָט דאָס — אָ איז טאַקע לענין?

סאָפראָן שטעלט פאַר מיט שטאָלץ, ווי זיינעם אַ באַקאַנטן:

— וולאַדימיר איליטש אוליאַנאָוו־לענין.

אַרטאַמאָן פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, קייט מיט די ליפּן:

— נשקשהדיק, דער קאָפּ — אַ גרויסער, מיט מאַרך, און דאָס אויג — אַ כיטרע. האָר גאָר ווייניק אויפן קאָפּ.

סאָפראָן האָט זיך אָנגענומען:

—טראַכט נאָר דו אַזויפיל, ווי ער, וועט ביי דיר אויך אויס־קריכן די האָר!

— פאַרשטייט זיך, ביי זיי איז נישט דאָס וואָס ביי אונז' וואָס טויגן זיי האָר — קיינער רייסט נישט מאַר זיי. קיין אוני־פאָרם האָט מען נאָך נישט באַשטימט פאַר אים?

— וואָסער אוניפאָרם?

— נו, אַ געווייַנלעכע, קייזערלעכע. מיט קנעפּ דאָרטן, מיט מעדאַלן, מיט אַפּאָלעטן. אַזוי—אָ אין רעקל איז קיין עסק נישט. אַ חרפּה פאַר רוסלאַנד: נישט אָנגעטאָן, הייסט עס, אירן!

סאָפראָן לאַכט זיך פונאַנדער און קערט זיך אום צו אַנטאָ־נינע ניקאָלאַעוונען:

— אונזער עם־הארצות! ס'קערעוועט אלץ צום אלטן.

אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט קלוג צעגריפּגעקליבן די ברעמען און מיט לערערשן טאָן געזאָגט:

— די נייע רעגירונג איז פון אַרבעטער און פויערים, דע־ריבער וויל זי נישט אויך אין אָנטאָן קיין לוקסוס.

אַרטאַמאַן פעגיק האָט אויפגעהויבן די צעקודלטע גרויע ברע־מען, זי שאַרף באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, געקייט מיט די ליפּן, אָבער גאָרנישט געזאָגט. זיך אומגעדרייט צו טראָצקיס בילד:

— דער זעט אויס נשקשהדיק, אַ כוואַט! אַ פריצישע היטל! איז ער נישט אַמאָל פון די זשידעס?

סאַפּראָן האָט שטרענג אַ סיקע געטאָן :

— נו, דו, איצט אויס זשידעס. אַ ייד איז דער אייגענער מענטש, וואָס מיר. לייען נאָר ביי מאַקסים גאָרקי, ווי אַזוי מ׳האָט זיך פאַרן קיסרס צייטן איזדעקעוועט איבער זיי.

אַרטאַמאַן פּעגיק האָט אַ שאַמקע געטאָן מיט די ליפּן :

— ביטערניש האָט קיינעם דעמאָלט נישט געפעלט [1]). דעם גאַנצן כּוס האָבן מיר אויסגעטרונקען, דעריבער טאַקע האָבן מיר זיך איצט פאַרשריבן אין באָלשעוויקעס. זיס האָט מען ווייניק פאַרזוכט. און איך בין גאָרנישט אויסן געווען, ביי אונז אין נעבעסנאָווקע זענען דאָ אייגענע סובאָטניקעס. אַ כוואַט אַ בחור!

אויפ׳ן טיש, אין אַ רעמל פון רויטן האָלץ, איז געשטאַנען לונאַטשאַרסקיס אַ פאָטאָגראַפיע. קיין אונטערשריפט האָט זי נישט געהאַט. אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע אפילו האָט נישט געוווּסט, ווער דאָס איז. האָט זי אַ פרעג געטאָן :

— און ווער איז דער?

סאַפּראָן איז פאַרשעמט געוואָרן.

— דוכט זיך אַ קאָמיסאַר פאַר ערד-ענינים. כ׳האָב פאַרגעסן.

אַרטאַמאַן פּעגיק באַרויקט :

— מסתמא, עפּעס לענינס אַ קרוב.

די נעבעסנאָווקער האָבן אויף די פּאָרטרעטן ווינציק געקוקט. האָבן אַלץ געלייענט דורכן גלאָז די נעמען פון די ביכער. קאַטשעראָוו האָט באַמערקט דעם ליידיקן פּאָדערשטן חינקל און אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט :

— קיין איקאָנעס האָבן זיי נישט אויפגעהאָנגען, אָט דאָס איז ריכטיק! יעדער קען אַריינקומען. אָט מיר, למשל, האַלטן נישט פון קיין איקאָנעס; באַשקירן געפינען זיך אויך אין אונזער וואָלאָסט. אַזוי איז פאַר אַלעמען גליק.

אַרטאַמאַן פּעגיק האָט אָפּגעזיפצט :

— צוואָס אויפהענגען? די פּראַוואָסלאַוונע אַליין זענען אויך געוואָרן אָפּטריניק! אָט האָט מען זיך צעקריגט וועגן גלויבן

---

1) גאָרקי איז אויף רוסיש די מיישט — ביטער. (דער איב.)

און אַ מענטשן צורעכט געמאַכט. די איקאָנע וועט אונדז איצט נישט אָננעמען. הי—כי—כי!

די באָבעס שטופּן זיך בײַם פּלאַקאַט. אוליאַנע-סאָלדאַטקע זאָגט מיטפֿילנדיק:

— ליבינקער, אין מויל איז אים אַלץ שוואַרץ געוואָרן, ווי ער רײַסט זיך דאָס ביסל. וואָס וויל ער?

אָבער קיינער ענטפֿערט איר נישט. סאָפּראָן דערקלערט באַ-פּעלעריש:

— נו, ס׳וועט קלעקן, גענוג צו גאַפֿן, בירגער! מאָרגן וועלן מיר אײַנשטעלן שעהן, ווען מ׳קען קומען נאָך ביכער, וועט איר אויך קומען. און איצט דאַרף מען צומאַכן.

אַרטאַמאָן פּעניק האָט געקראַצט די פּאַטילניצע:

— לויטן זייגער לאָזן שוין גיין די נעבעסנאָוקער. זיי האָבן, און מיר לויטן בוך נאָך: ביז וואַרמעס און דערנאָך ביז וויע-טשערע. נעמט נישט פֿאַר אומגוט. טוט אײַך אײַערס!

אַרטאַמאָנען זענען נאָכגעגאַנגען די איבעריקע. קאָטשעראָוו האָט, אָוועקגייענדיק פֿון דער זײַט אַ קוק געטאָן אויף אַנטאָנינע ניקאָלאַיעוונען.

סאָפּראָן האָט פֿאַרמאַכט די טיר אויף די פֿעסטע קייטלעך און זיך אומגעקערט צו אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונען אַן אויפֿגערייצטער, אַ פֿריידיקער.

און זי אַ שטילינקע, אַ שטרענגע איז שוין ווידער געשטאַ-נען הינטערן טיש.

ווי גייט מען צו?

— אָט אַזוי, אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע, פֿאַר אײַך זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט! נעמט באַלעבאַטעוועט!

זי האָט אומרויִק אַרויסגעקוקט אין פֿענצטער און אַ שמייכל געטאָן צו סאָפּראָנען. אָבער אײַליק דערשראָקן.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— פֿאַר אַ ביבליאָטעקערשע וועלן מיר אײַך מאַכן! פֿאַר אײַך זיך געסטאַרעט! כאָטש היינט אַריבערפֿאָרן... אַ?

זײַן קול האָט אַ ציטער געטאָן מיט הייסן מאַנסבילשן אומ-

געדולד. ער איז געגאנגען צו איר הינטערן טיש. און זי האָט מורא געהאַט, זיך צוזאַמענגעשרומפּט... דאָס צימערל אָבער איז שוין צו אַ שיינס! האָט זי אויסגעצויגן צו אים די הענט. ווי אַ פּעדערל האָט ער זי אויפגעהויבן אויף די הענט.

— סאָפּראָן אַרטאַמאָניטש... סאָפּראָן אַרטאַמאָניטש... וווהין? כ׳בין אַ מיידל...

— ווּעסטו אַ ווייבל זיין!.. אַ מאכל!

ער האָט זי געטראָגן און געדריקט איר געזיכט מיט צע־ברענטע ליפּן. ווי ער וואָלט וועלן אָפּשטעמפּלען די פויערשע קושן. אָבער אין דער אַרויסגאַנג־טיר האָט מען גענומען קלאַפּן עקשנותדיק, אָפט. אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט מיט כוח זיך איינ־געשפּאַרט מיט די הענט אין ברוסט.

— לאָזט... ווי גאָט איז אייך ליב!

די ליפּן זענען אַזש בלייך געוואָרן!

— וועמען האָט דער רוח אָנגעטראָגן

אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע רייסט זיך, שלאָגט מיט די פיס און אין טיר ווערט דאָס קלאַפּן אַלץ שטאַרקער און אומרויקער. נישט דערטראָגן, אַרויסגעלאָזן. און אַ בייזער, אַן אָנגעצונדענער, אַ צעשויבערטער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— ווער איז דאָרט?

הינטערן טיר איז דאַריעס קול אַ באַפּעלערישער און העזהדיקער:

— עפן!

אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט דין, ווי אַ העזעלע, פון הינטן אַ קוויטש געטאָן און זיך געוואָרפן אין אַ ווייטן צימער. סאָפּראָן איז תיכף געקומען צו זיך: אונטן וועט מען דערהערן דאָס טראַס־קען. אייליק האָט ער אָפּגעוואָרפן די קייטלעך.

דאַריע איז גריין אָן מורא, מיט פּנים און ברוסט פאָרויס. סאָפּראָן איז אָפּגעטראָטן. אַ ביסל האָט ער זיך דערשראָקן. אַ ביסל -- זיך פאַרלאָרן. דאַריע האָט אַליין פאַרוואָרפן ווידער ביי־דע קייטלעך.

— איבערן גאַנצן וואָלאָסט אַ „נאַטשאַלניק״ און דער שכל

ווייזט אויס, איז אין ת... אריין! אין מיטן העלן טאָג זיך פאַרנוי־מען מיט אַזאַ געשיכטע! ווו איז די נקבה?

ביי דאַריען האָט זיך דער קויל איבערגעריסן, דאָס פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט פלעקן, די פּלייצעס ציטערן, אין די אויגן — פּיין.

— דאַריע! כ׳וועל ממיתן!

— פאָכע נישט מיט די פויסטן! קיין צייט נישטאָ. די גע־בעסנאָווקער האָבן זיך צונויפגערעדט צו כאַפּן דיך ביי זנות. קאָ־טשעראָווס סאָלדאַטקע האָט אויסגעפּלוידערט... סאַראַ בזיון! ביז איך געקומען צולויפן...

און דער קול האָט זיך אָפּגעריסן;

— זיי וועלן קומען, איז די ווייב דאָ! כ׳וועל בעסער אַליין מיט דער האַק דערהרגענען!

מיט אַ ווילדן געשריי האָבן זיך אַרויסגעריסן די לעצטע ווערטער.

סאָפּראָן איז געקומען צום באַוווסטזיין. די ווייב האָט אויס־געהיט פון אַ סכנה. מ׳וואָלט נישט מוחל געווען אַ געשלאָגענעם פאַר זנות! דער עלטסטער אין וואָלאָסט און פאַר אַזאַ זאַך אַ געשלאָ־גענער. און ס׳איז רעכט, צו זיי וואָלטן אים אַליין געטויט. תיכף איז זיין קול אַראָפּגעפאַלן:

— ווייב, וואָס, שוין וועט איצט זיין?

ביי יענער האָט כעס אויסגעקרימט דאָס פּנים:

— פאַסקודיען קענסטו, און פאַרווישן די שפּאָרן דאַרף מע, דיך לערנען?

און באַפעלעריש זיך אַ לאָז געטאָן צום ווייטן צימערל:

— פרייליין, מאַדאַם! אהער נאָר. כ׳וועל נישט שלאָגן. כ׳וועל זיך שפּעטער אָפּרעכענען. קום נאָר אַהער, פאַסקודע!

און אַרויסגעשלעפּט אַנטאָנינע ניקאָלאַעווגען פאַרן האַנט. פון שרעק זענען ביי איר אויסגעטריקנט געוואָרן די טרערן. נאָר די האָר און דאָס קלייד מיט דער בלוזע האָט זי שוין באַוויזן צו־רעכטמאַכן.

— וועט מען קומען, מאַך זיך נישט וויסנדיק, סאָפּראָן...

און אין טיר קלאַפּט מען שוין.

דאַריע האָט מיט אַ ווונק געוויזן אויף דער טיר:

— עפן.

סאָפּראָן האָט אָפּגעוואָרפן די קייטלעך. דער ערשער איז אַריין אַרטאַמאָן פּעגיק. נאָך אים קאָטשעראָוו און נאָך פיר. דריי פּויערים פון נעבעסנאָווקע, דריי פון טאַמבאָווקע, און אויף די טרעפּ ווייבערשער, זינלאָזער געפּילדער. די שטאָטישע לערערקע איז אַ פּיינע כּלי. תּיכּף צו זיך געקומען, ווי נישט איר מיינ׳ט מען, קוקט אויף די אַריינגעקומענע. דאַריע—די אויגן אין דר׳ערד, אָבער אויך אַ רויקע. קאָטשעראָוו האָט גלייך געזען, אַז ס׳איז דורכגעפאַלן:

— נעמט נישט פאַר אומגוט, סאָפּראָן אַרטאַמאָניטש. מיר האָבן געהערט, אַז איר זענט נאָך דאָ, זענען מיר געקומען וועגן דער צייטונג. אַ ויכּוח איז ביי אונדז אַרויסגעקומען.

אַרטאַמאָן פּעגיק האָט אָפּגעהאַרציק דערקלערט.

— וואָסער צייטונג! מ׳האָט געזאָגט, אַז דו זינדיקסט אין דער נייער וווינונג מיט דער לערערקע. די אַלטע האָבן זיך באַליידיקט. געוואָלט דיך אָנלערנען: פאַרנעם זיך מיט זנות, אָבער ווייס ווו און ווען. און ווידער — ס׳איז טאַקע נישט רעכט.

אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט דין אָפּגעזיפצט און אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט. דאַריע האָט גראָב און רויק דערקלערט:

— נעבעסנאָווקער לייגן אַלץ פון שנאה. סאָפּראָן האָט מיר געהייסן קומען, ווען אַלע וועלן אַוועקגיין. מיט דער לערערקע, זאָגט ער, וועסטו טיי טרינקען לכּבוד דער נייער דירה.

אַרטאַמאָן האָט כּפּסיק אַ בורטשע געטאָן:

— וואָסער נייער דירה! מיר וועלן נישט דערלאָזן קיין לערערקע! אַ מאַנסביל דאַרף מען, פון שטאָט. וואָס וועט אָזעלכע אויפקלערן?

סאָפּראָן האָט געשווינד מסכּים געווען:

— פאַרשטייט זיך, מירן איינלאַדן פון שטאָט.

אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט זיך כּסדר געריסן צו זאָגן עפּעס און נישט געפונען קיין ווערטער. אינגאַנצן אַ רויטע איז זי געשטאַנען ביי דער שאַפע.

קאַטשעראָוו האָט פאַרטראַכט אַ גלעט געטאָן די באָרד און געזאָגט:

— נו, מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו טאָן. קהל האָט גע־שיקט, נישט מיטן אייגענעם ווילן זענען מיר געקומען, היידא, בירגער!

ביי סאַפראָנען האָט אינעווייניק אַלץ געקאָכט, נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר דאַריען. איינגעהאַלטן און רויק האָט ער גע־ענטפערט:

— ס'פּאַסט נישט, אַלטע לייט זאָלן הערן ווייבערשע רכילות, סאַמע עם־הארצות!

די פויערים זענען אַרויס. בלויז אַרטאַמאָן האָט זיך פאַר־האַלטן.

— סאַפראָן, דו האָסט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. פונדעסט־וועגן היט זיך. נישטאָ קיין רויך אָן פייער.

דערנאָך, קלאָר און קלוג אַ קוק געטאָן אויף דאַריען און אַ שמייכל געטאָן:

— אַ באַבע האָסטו אַ בר־דעת, הלוואי אויף אַנדערע געזאָגט געוואָרן!

און אַוועקגעגאַנגען.

ווען זיי זענען געבליבן אַליין, האָט דאַריע ווידער געזאָגט באַפעלעריש:

— היידא, פריילין, טו־זיך אָן און טראָג זיך אָפּ. זביט, וועל איך דיך צערייבן, עס קאָכט אין מיר! זיך צענויפגעפּאָרט, אָדער נישט באַוויזן?

אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט זיך ווידער פונאַנדערגעוויינט:

— גאָט, ווי שעמט איר זיך נישט! ווו איז מיין פוטער?

סאַפראָן האָט אָנגעכמורעט געזאָגט:

— שווייג, דאַריע, ס'איז גאָרנישט געווען...

אים האָט געצויגן צו דער ווייַנענדיקער אַנטאָנינע ניקאָ־לאַעוונע, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר דאַריעס ווילדקייט. דעריבער האָט ער שווער געאָטעמט און געקוקט, כלומרשט גלייכ־גילטיק, ווי די לערערקע האָט אָנגעטאָן דאָס פוטער. בלויז ווען

זי איז שוין ארויס פון טיר, האָט ער ווי בעטנדיק און שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן:

— אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע, דאָס פערד איז אויפ'ן הויף. זשיגאַנאָווס יאַטל וועט אייך אָפּפירן.

די לערערקע האָט פארשטאַנען, אַז אַזוי וועט זיין בעסער. האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ענטפער און ארויסגעגאַנגען. דאַריע האָט זי באַגלייט מיט אַ ברענענדיקן, בייזן בליק.

— נו, היידא אַ היים, סאָפּראָן, אָבער נאַ דיר מיין וואָרט: כ'וועל דיר דעם קאָפּ צעהאַקן, אויב נאָך אַמאָל! אויף וועמען, מיינסטו, האָב איך רחמנות געהאַט? אויף מיינע קינדער האָב איך רחמנות געהאַט! ווען דו ביסט געווען דער ערגסטער שכור און אונטער די פּאַרקנעס זיך געוואַלגערט, פלעג איך אָפטמאָל בעטן ביי גאָט: וואָלט ער געשטאָרבן, גאָט מיינער... כ'וואָלט נישט רחמנות געהאַט. וואָלט נישט געווען כאָטש קיין לייטיש געלעכטער. און צו די קינדערס קעפּ גייט עס דאָך אויס: דעם שכור'ס סאָפּראָנ'ס. איצט, אַז דו ביסט געוואָרן אַ לייט, חוזקט קיינער נישט פון די קינדער. אויב עמיץ גיט אַ שטאָך, איז פון קנאה. צוליב די קינדער האָב איך זיך געקרעמפּעוועט! געדענק, סאָפּראָן, נאָכאַמאָל וועל איך נישט מוחל זיין. כ'וועל הרגענען!

זיי האָבן זיך געטראָפן מיט די אויגן, און נישט דאַריע, — סאָפּראָן האָט זיינע אָפּגעקערט אין אַ זייט. דאַריע איז האַרט געוואָרן; די ציין פאַרפרעסט און אין די שוואַרצע אויגן — עקשנות:

סאָפּראָן פלעגט תמיד אַזוי טראַכטן:

— באַבעס זענען אַ געמיין פאָלק: דעריבער האַלט זיך אין זיי די נשמה בלויז דורך מורא.

אָבער איצט האָט ער נישט געוואוסט, ווי צו וועקן אַ מורא ביי איר, איז אַליין אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און געגלויבט:

— גאַנץ פּש.ט, אַזאַ קאָן טאַקע הרגענען.

ביינאַכט, ווען זיי האָבן זיך איבערגעבעטן, און די באַבע איז צעווייקט געוואָרן פון מאַנס צערטלעכקייטן, האָט זי איבערגעחזרט, ארומנעמענדיק אים:

— אָבער אונזער שמועס זאָלסטו נישט פאַרגעסן.

IV

אַ פרוי איז אין לעבן תמיד אַ שטערונג. אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט באַהערשט סאַפּראָנען. קריכט כסדר אין דער נשמה און שטערט אין דער אַרבעט. די צעשיידונג האָט אים נאָכמער צערייצט. אין שול פלעגן זיי זיך אָפּט זען. אָבער ביי אַלעמען אויף די אויגן. האָט ער פרובירט זיך פאַרנעמען מיט ביכער. אומזיסט זיך געמאַטערט. צו דער ביבליאָטעק אויך אָפּגעקילט געוואָרן. פון שטאָט האָט מען געענטפערט: נישטאָ וועמען צו שיקן פאַר אַ ביבליאָטעקאַר. די געבילדעטע לייט ווילן נישט גיין אַרבעטן צו די באָלשעוויקעס. האָבן זיי געראַטן עמיצן צופּאַסן פון די אייגענע. פון די פויערים איז נישטאָ וועמען. די נייע אָרדנונג האָט אַלעמען איינגעשלונגען. אַסך פּאַרזיצערס און סעקרעטאַרן האָבן זיך געפּאָדערט. אַרטאַמאָן פּעגיק האָט נישט אומזיסט זיך געקלערט:

— ווו זאָלסט נישט אַ שפּיי טון, וועסטו טרעפן אויף אַ פּאַרזיצער!

און מ'פאָדערט אַלץ אַזעלכע, וואָס קענען לעזן־שרייבן. און אין דאָרף קאָן מען זיי אויף די פינגער איבערציילן. אין דאָרפשולע האָבן כמעט אַלע געלערנט, אָבער פאַרגעסן די לערע. איינמאָל איז צו סאַפּראָנען געקומען סטעפּאַן גאַלאַווינס פרוי, אַ ביטע האָט זי געבראַכט וועגן דער אונטערשטיצונג, וואָס סאַפּראָן האָט צוגעזאָגט פאַרן מאַן און — פאַרגעסן אַרויסגעבן. אַלע ווערטער אין

דער ביטע זענען געווען פּאַסיקע, אויף'ן אָרט, און די אותיות האָט מען געקענט לייענען, גאַנץ דייטלעכע.

— ווער האָט דיר די ביטע געשריבן?

— ווער זאָל שרייבן? איך אַליין. אונזערע פּירזאָרגערס, געבענטשט זאָלן זיי זיין, האָבן מיך קינדווייז געלערנט. אַלע בריוו צו מיין מאַן אין דינסט פלעג איך אַליין שרייבן.

— נו, גוט, וועסטו זיך פאַרנעמען מיט די ביכער. אַ געהאַלט וועסטו קריגן, אָט האָסטו דיר דיין אונטערשטיצונג.

און האָט באַשטימט די גאַלאָוויניכע פאַר אַ ביבליאָטעקאַרשע דאָס צימערל, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אַנטאָנינע ניקאָ-לאַעוונע, האָט מען צוגעשלאָסן. עפּענען פלעגט מען עס בלויז, ווען שטאַטישע פלעגן אָנפאָרן, און די גאַלאָוויניכע פלעגט קומען פון פרימאָרגן, ווי נאָר זי האָט אָנגעקאָרמעט דעם שווער און די צוויי קליינינקע קינדער. פלעגט זיצן ביז האַלבן טאָג, דערנאָך ווי-דער גיין אַהיים, פאַרענדיקן מיטן מיטאָג, און ביזן אָוונט נאָכאַ-מאָל אין ביבליאָטעק.

אירע פליכטן האָט זי אויסגעפירט מיט פלייס. סאַפראָן האָט איר אָנגעזאָגט, אַז מ'דאַרף פאַרשרייבן אין העפט די ביכער, וואָס ווערן אַרויסגעבאָרגט אַהיים. האָט זי אַזוי געטאָן. מיט אַ קרומען, אָבער דייטלעכן כתב פלעגט זי איינשרייבן אין העפט:

„קאָטשעראָוו דער מאַלאָקאַנישער פּאָפּ האָט גענומען, פונוואַ-נעט האָבן זיך באַוויזן מענטשן אויף דער ערד".

„דער זיידע יעווסטראַפּ האָט גענומען אָן אַ נאָמען".

אַרויסגעבן ביכער אַהיים האָט זי זייער נישט ליב געהאַט. פלעגט אויסקלייבן בלויז אַלטע און אָן בילדער.

— איר וועט נאָך צופטרן דאָס ביכל! טשעפּע נישט! — לאָז שטיין! אָט דאָס קאָנסטו.

צוויי מאָל אין וואָך פלעגט זי וואַשן אין ביבליאָטעק די פּאָדלאָגע. אין די טעג פלעגט זי קיין באַזוכער נישט אַריינלאָזן.

— זאָל זיך פריער אויסטרוקענען! איר'ט קומען מאָרגן.

אַליין האָט זי זייער ליב געהאַט צו קוקן די בילדלעך אין די אילוסטרירטע זשורנאַלן. לייענען פלעגט זי ווייניק — קיין צייט

גישטאָ. זיצנדיק אין ביבליאָטעק, פלעגט זי, מערסטנטיילס, עפּיס פאַרריכטן, אָדער שטריקן מיט אַ שפּיזל שפּיצן צום פאַרקויפן און אויסגעגייטע זאַכן, וועלכע זענען אין דאַרף אין דער מאָדע. אַ שרעק פלעגן אָנוואַרפן אויף איר די קינדער און דאָס יונגוואַרג. ווי אַן אָדלער פלעגט זי זיך אַ לאָז טאָן נאָך זיי צו דער ביכערשאַפע.

— וועסט זיך נישט אַרומזען, ווי ס׳וועט שוין עפּיס פעלן!

אָבער זיי אָפּלערנען פון דער ביבליאָטעק האָט זי נישט געקענט. זיי זענען געווען די סאַמע אָפטע באַזוכער. האָבן געפּויקט אויפ׳ן קלאַוויר, געקוקט בילדער און געלייענט ביכלעך. די פּויערים האָבן זיך מער אָפּגעגעבן מיט צייטונגען. די וואָס פון יענער זייט גראָבן פלעגן קומען הערן. אימיצער פון נעבעסנאַוואָקע פלעגט געווייגלעך לייענען די צייטונגען אין דער הויך. די גאָלאָוויניכע האָט מען איינגיכן גענומען ליבן. אַ באָבע, אַ בר-דעת, איז מסכים מיט אַלעמען. נעמט קאָטשעראָוו ריידן, אַז ד׳ערפּאַר איז ביי אונז אַזאַ אומאָרדנונג, ווייל מ׳האָט אַן גאָט פאַרגעסן און גאָטס וואָרט וויל מען נישט וויסן, זיפצט גאָלאָוויניכע אָפּ און באַמקעט אונטער:

— אַז דאָס פאָלק איז איינגאַנצן קאַליע געוואָרן. ווי קאָן מען דען אָן גאָט?

זאָגט סאָפּראָן, אַז די פּאָפּעס פלעגן שווינדלען, באַגעמען דעם עולם, שאָקלט זי אויך צו מיטן קאָפּ:

— מען זאָגט דאָך, אַ פּאָפּ האָט אויגן, וואָס ווילן אַלץ און הענט — וואָס נעמען אַלץ.

אַז מ׳זינגט דעם אינטערנאַציאָנאַל, זינגט זי אויך אונטער. אין די יום-טובים פלעגט זי גיין אין קלויסטער גאַנץ אָפט. מיט איר דרך-ארץ האָט זי אַלעמען צופרידנגעשטעלט. מלבושים האָט זי נאָך פאַרן מאַן געטראָגן שטאָטישע, בלויז דאָס קאָפּטל אַרויסגעבלאָזן. איצט איז זי געגאַנגען מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ אויך אין שטוב, און די האָר נישט פאַרזירט. די ביבליאָטעקישע ווירטשאַפט האָט זי געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. די פּויערים האָבן דאָס געשעצט:

אין שטאָט האָט מען זיך עפּיס אַמאָל דערמאָנט וועגן דער ביבליאָטעק. האָט מען אָנגעפרעגט סאָפראָנען: אַ סך ביכער האָט מען צוגענומען פון פּאָקראָווסקיס גוט? סאָפראָן האָט מיטגעטיילט: דריי טויזנט. איז מען איבערראַשט געוואָרן און אָנגעשריבן, אַז מען וועט אַראָפּשיקן פון שטאָט אַ מבין אַדורכקוקן די ביכער און מאַכן אָרדנונג אין ביבליאָטעק.

ברויזיקע, אומרויקע טעג האָבן געיאָגט זייער ריי. דער אָטעם פון ווינט איז וואַרימער געוואָרן. דער שניי איז טונקל-ברוין געוואָרן און אָפּגעזעצט. פון אונטער אים האָט אַ בלאָז געטאָן אויף די מענטשן מיט רייצנדיקער נאָגעניש פון דער ערד, מיט פרילינג-פאַרלאַנג. מיט פאָרגעפיל פון באַפרוכפּערונג. די בהמות אין די שטאַלן זענען אָפטער אומרויק געווען. אויף די דעכער האָבן זיך קעץ געפייניקט אין תאווהדיקן מיאוקען. אָפטער האָט געשלאָגן דאָס בלוט אין די מיידלשע באַקן מיט הייסער רויטער פאַרב. באַבעס זענען נאָכגיביקער געוואָרן אויף צערטלעכקייטן, זיך געצויגן צו די מענער. אין די פאַרנאַכטן, צוזאַמען מיט דער געדיכטער פינצטערניש, פלעגט זיך אָנרוקן אויף יונגוואַרג אַ זיסער אומעט, פון וועלכן דער קערפער פלעגט אומרויק ווערן. די אַלטע פלעגן מיט קלוגע, וויסנדיקע אויגן באַשטימען, ווען ס'וועט נאָכוווקס זיין אויפ'ן הויף און אין שטוב.

די ליבע-פּיין נאָך אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונען האָט גענומען מאַטערן סאָפראָנען מיט אָפטע אָנפאַלן. גראָב און גיריק האָט ער אָפט געצערטלט זיין ווייב, אָבער נאָך בייזער און פינצטערער פלעגט ער ווערן נאָך די דאָזיקע צערטלעכקייטן. און דאַריע איז שטיל געוואָרן. האָט זיך באַוועגט ווייכער און לייכטער, דער פּנים איז געוואָרן בלאַסער. דער בליק האָט געשיינט מיט אַ וואַרעמער, און ווייכער אינערלעכער ליכט. זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. סאָפראָן האָט אויפגעהערט מורא האָבן פאַר איר. אָבער אַנטאָנינע ניקאָלאַעוונע האָט אַליין געשיקט אויסגעמיטן צו בלייבן מיט אים אויג אויף אויג. אַן אָנגעכמורעטער און געל-געוואָרענער פלעגט ער יעדן אָוונט אַרומלויפן אין שול און אוועקגיין אַהיים אַן אויסגע-

מאַטערטער. תּמיד זענען בײַ אַנטאָנינע ניקאָלײַעװנען געװען אָב דרע ליערקעס אָדער סאָלדאַטקעס.

שטאָטיש-פֿרײַע, פֿרעכע, פֿלעגן זײ מער פֿאַר אַלץ שטערן סאָפּראָנען, אין אַ כיטרע געלעכטערל, אין אַ דורכגעשמוגלטער אָנצוהערעניש פֿלעגן זײ געבן צו פֿאַרשטײן, אַז זײ זענען סאָפּראָנס בײַנקשאַפֿט. ער פֿלעגט װערן אָנגעשטיצט און צװעקבײַן.

אײנמאָל אין אָװנט, אין אַ פֿרילינגדיק מאַטן, האָט סאָפּראָן געשמועסט מיט די פֿויערים אַ געלער און אַ פֿאַרמאַטערטער. אין קלאַס איז געשטאַנען אַ זינלאָזער, קאָפּ-פֿאַרדרײענדיקער הו—האַ. מ'האָט זיך געקריגט װעגן ערד, װעגן אָנקומענדיקער פֿרילינג-פֿאַרזײאונג, װעגן פֿאַרטײלן די גערעטעניש פֿון די װינטער-תּבֿואות, װעגן דער רעגיסטראַציע פֿון לאַנדװירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס. אין שול איז אַרײַן אַן אָנגעפּאָרענער אין אַ צעכראַסטעטן שטאָטישן פֿוטער-מאַנטל, אין הויזן-קאַליפֿע און אַ פֿרענטש, מיט אַ רויטן שטערן אויפֿן שװאַרצן לעדערנעם היטל, מיט אַ בײַכיקן, שװאַרצן לעדערנעם פּאָרטפֿעל הינטערן אָרעם.

אין קריגערײַ האָט מען אים נישט תּיכּף באַמערקט. האָט ער פֿאַנאַנדערגעשטופּט דעם עולם און גלײַך צו סאָפּראָנען, אַ פֿרעג געטאָן גיך-גיך:

— װוּ איז דאָ דער איספּאָלקאָם? װאָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאַרזאַמלונג? אַ קעמערל איז דאָ אין דאָרף?

סאָפּראָן האָט נישט באַװיזן צו ענטפֿערן אויף קײן אײן פֿראַגע, און יענער שיט שוין װידער מיט װערטער גיך-גיך:

— גוטן אָװנט, חבֿר! כ'האָב אַ ך געזען אין שטאָט, תּיכּף דערקענט. איר זענט, דוכט זיך, דער פֿרעדװאָלאיספּאָלקאָם? אַהאַ, אויסגעצײכנט! לאָמיר תּיכּף פֿאָרן אין ביבליאָטעק, אָט איז מײַן מאַנדאַט. דאָס איז די פֿאַרזאַמלונג פֿון קעמערל? געהערט, געהערט, אײך האָט זיך תּיכּף אײַנגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ פֿילצאָליקס. גוטן אָװנט, חבֿרים, איר גרײט זיך צו די סאָװעט-װאַלן? װעלכע פּלענער האָט איר װעגן דער ערד-פֿאַרטײלונג? יאָ, יאָ, כ'װײס, זיך פֿאַנאַנדערגעטײלט אויף קאָמונעס! און װוּ קען מען דאָ טײ אויסטרינקען?

אַרטאַמאָן פּעגיק האָט אַזש מיטן קאָפּ געשאָקלט און אויס־מערקזאַם אַ קוק געטאָן דעם צוגעפּאַרענעם אין טויל אַריין. ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— באַאמנות, ווי אַ מאַשינקע וואָלט דאָרט אינעווייניק אַרויס־געיאָגט די ווערטער. האַלט אין איין שיטן! אַ מאַכער טאַקע אָדער אַ פּלוידערזאַק?

ביז דער גאַסט האָט אָן אָפּרו געשאָטן מיט פראַגן און אַליין געענטפערט אויף זיי, האָט סאָפּראָן איבערגעלייענט דעם מאַנדאַט און, כאַפּנדיק אַ מאָמענט, דערקלערט דער פאַרזאַמלונג:

— אָן אינסטרוקטאָר איבער בילדונגס־זאַכן. איר ווילט אָנ־קוקן די ביבליאָטעק?

— אי אין ביבליאָטעק, אי מיט אייער קעמערל זיך פאַרנע־מען. די פּראָגראַם האָט איר אויסשטודירט? לייגט אַכט אויף דער פראַגע וועגן אונזער ערד־פּראָגראַם. כ׳וועל אייך גלייך דערקלערן...

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווייל אַנטאָנינע ניקאָלאַ־עווגע איז אַריינגעקומען, האָט צו איר אַ שמייכל געטאָן ברייט און פריידיק, פון וואָס זיין ביינערדיקער פּנים מיט דער פאַרריסענער נאָז איז מיט אַמאָל געוואָרן ליב.

— גוטן אָוונט, גוטן אָוונט, און איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איר געפינט זיך אין די מקומות! באמנות! גאָר פאַרגעסן! איר געדענקט מיך נאָך, מסתמא? נו, אודאי, אודאי! אין דער פּאַרטיי האָט איר זיך נאָך נישט באַשלאָסן איינצושרייבן? אַ שאָד, אַ שאָד! די אינטעליגענץ סאַבאָטירט, אָבער איר האָט אַ געזונטן שכל. מיט טיי וועט איר מכבד זיין? אָט, איך בין באַלד גרייט.

זיך איבערגעדרייט צו די פויערים און מיט אַ קלוגן און שאַרפן בליק, וואָס האָט מאָדנע ווידערגעשפּראָכן צו זיין דערפאַ־רענער באַרעדעוודיקייט, זיך איינגעגעסן אין זשיגאַנאָווס פּנים.

— איר געהערט צו די רייכע בעלי־גופים? לאַנדווירט־שאַפטלעכע מאַשינעס זענען דאָ? דאָס איז אומפאַרמיידלעך. אויף צוריק וועט איר די ראָד נישט דרייען! דער פּראָלעטאַריאַט וועט שוין וויסן, ווי צווינגען, מען זאָל אָנערקענען זיין ווילן.

אין איין האַלבע שעה האָט ער טרעפלעך און ריכטיק אויסגעטיילט פון המון. מיטן בליק און מיט פראַגעס, פאַרשטייער פון פאַרשידענע גרופּעס פון דעם געשפּאָלטענעם, צעטומלטן דאָרף, האָט אָנגערעדט אַסך ווערטער, אָבער שוין זיי צוגעווינט פאַרשטיין זיין שנעלן לשון.

אַרטאַמאָן פּעניק האָט באַשלאָסן :

— אַ מאַכער.

סאָפראָן האָט זיך פאַרקוקט אויף זיין באַוועגלעכן פנים, וואָס שפּרודלט, דוכט זיך, מיט געדאַנק, מיט באַוועגונג, מיט ווערטער. אַפילו אין אַנטאָנינע ניקאָלאַעווגען האָט ער פאַרגעסן. דערמאָנט זיך (און ס׳האָט אָנגעהויבן נאָגן מיט דער געוואוינטער באָגעניש, וואָס איז שוין נודנע געוואָרן), ערשט דאַן, ווען דער אינסטרוקטאָר האָט געזאָגט ;

— פאָרט מיט אונז, חברטע, אין דער ביבליאָטעק. אָט איך מיטן פּרעדוואָל-איספּאָלקאָם... חבר קאַנישעוו, יאָ ? איך געדענק. פאַמיליען-נעמען געדענק איך תמיד. נו, געפאָרן ! זאָלבעדריט איז נישט ענג אין שליטן ? ביז מאָרגן, חברים ! מיט סעקטאַנטן איז מיר ווייער אינטערעסאַנט צו שמועסן. ווו איז דאָ ביי אייך ניעבעסנאָווקע ?

אין שליטן, אויפ׳ן וועג, איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. און סאָפראָן האָט נישט געוווסט צי הערט ער אים, אָדער ער איז פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. דעם פנים אָפּגעדרייט אין אַ זייט — ווייזט אויס, ער הערט נישט. אָבער סאָפראָן האָט, פּלאָנטערנדיק ווייטער דערציילט וועגן די וואָלאָסט-ענינים. דאָס בלוט האָט געברענט, ווייל זאָלבעדריט איז ענג אין שליטן. אַנטאָנינע ניקאָלאַעווגעס פּלייצע און פוס לאָזן זיך שפּורן דורכן פּעלצל. ריידן איז אָבער פאָרט לייכטער, איידער שווייגן און הערן דעם ווילדן ציטער פון תאווה. נאָר די ווערטער קומען אַרויס נישט גלייכע, נישט גלאַטע.

דער אינסטרוקטאָר, ווייזט זיך אַרויס, האָט געהערט. אַרויסגייענדיק ביי דער ביבליאָטעק פון שליטן. זאָגט ער סאָפראָנען :

— איר זייט גערעכט: שווערער פאַר אַלץ איז מיט די סעקטאַנטן. ביכער־ווערים, יעדער אות טייטשן זיי, און די דעק־רעטן ביי אונז זענען דאַסיק... נישט תמיד זענען זיי קלאָר. וואָס? מענטשן פעלן? די שטאָט וועט אַרויסהעלפן, כאָטש אויך דאָרט איז ווייניק. חברטע כלעבניקאָוואַ, שפרינגט! שוין געקומען!

די גאַלאָוויכע האָט זיך געקליבן צומאַכן די ביבליאָטעק. זיך געווערטלט מיט דער יוגנט, וואָס האָט נישט געוואָלט אַוועק־גיין. דערזעענדיק די אַריינגעקומענע, האָט זי תיכף פאַרשטאַנען:

— פון שטאָט, גאַטשאַלסטוואָ.

פאַרריכט אויף זיך דאָס קאַפטל און ליבלעך שמייכלענדיק, זיך פאַרבוקט ביזן גאַרטל.

דער אינסטרוקטאָר האָט זיך גלייך איינגעגראָבן מיטן בליק אין פלאַקאַט, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם סאָלדאַט מיטן צע־עפנטן מויל, און קלינגענדיק הויך זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? נאָך אַלץ האַלט איר ביי דער פרייהייט־הלוואה? חבר קאַנישעוו, ווי האָט איר עס אַזוי גע־קענט פאַרבלאָפן? חברטע כלעבניקאָוואַ, האַ? אַראָפּנעמען, אַראָפּ־נעמען! זיך פאַרשפעטיקט. אַך, לצים! און די ביכלעך, מסתּמא, אויכעט. אויף די ווענט — צוזאַמען מיט לעניגען די פרייהייט־הלוואה, און אין די שאַפעס, צוזאַמען מיט מאַרקסן — יאָהאַן קראָנשטאַטער. האַ? חברטע ביבליאָטעקערשע. האַ? איר האָט די ביכער נישט געלייענט? יאָהאַן קראָנשטאַטער איז דאָ? אַרויסראָמען, אַרויסראָמען צוזאַמען מיטן פלאַקאַט.

גאַלאָוויכע האָט זיך פאַרשעמט.

— ווער קען דאָ אַלץ נאָכקוקן וואָסערע! די נייע לאָז איך נישט רייסן. זיי שטייען זיך, זעט מען נישט וואָסערע. אַזוי מיט אַ שמאַטקעלע וויש איך זיי אָפּ...

— מיט אַ שמאַטקעלע! די באָלשעוויקעס, חברטע, ווילן, אַז אַלץ זאָל זיין גיך און פון ערשטן סאָרט. מיר וועלן איינס־צוויי אַלע אויסלערנען לעזן־שרייבן און מאַכן פאַר בריות. די ביבליאָ־טעק וועלן מיר תיכף אַלע אַוועקשטעלן לויטן לעצטן וואָרט פון דער ביבליאָטעקישער טעכניק. איר האָט נישט געהערט וועגן דער

צענער-סיסטעם פון דיזאַ? קעטערס טאַבעלן זענען דאָ פאַראַן, חברטע כלעבניקאָווא?

די גאַלאָוויניכע האָט פאַרטראַכט איבערגעחזרט:

— קעט—טערס.

און פון געוווינהייט מסכים געווען:

— יאָ, יאָ.. קעטערס.

דער אינסטרוקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אין אירע ברוינע, פריינטלעכע, קלוגע אויגן, וואָס זענען מיט אַלעמען מסכים, און נאָכאַמאָל זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— פונוואַנעט האָט אייך חבר קאַנישעוו אויסגעקראַצט?

און מיט ברייטע טריט געגומען שפּרייזן פון שאַפע צו שאַפע.

די גאַלאָוויניכע האָט זיך פּלוצלינג איבערגעשראָקן און פאַרלאָרן-הילפלאָז אַלעמען אָנגעקוקט.

דער אינסטרוקטאָר האָט אַרויסגעשלעפּט פון בייכיקן לעדער-נעם פּאָרטפעל, וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט, צוויי ווייסינקע ביכלעך און געגומען אַלעמען דערקלערן ווי צו באַנוצן זיי ביים ברענגען אין אָרדנונג די ביבליאָטעק.

די גאַלאָוויניכע האָט אים אויפמערקזאַם געקוקט גלייך אין מויל אַריין, מיט אַ פּאָר קיילעכדיקע אויגן. די יונגע מיידלאַך און צוויי זעכצניאָריקע בחורים האָבן זיך צונויפגעקליבן ביים קלאָוויר. סאָפּראָנס צוועלפיאָריקער זון האָט צופעליק אַ קוק געטאָן אויף דער גאַלאָוויניכע און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

דער אינסטרוקטאָר האָט איבערגעריסן דעם שמועס און זיך אומגעקערט צו אים. אָבער אין דעם מאָמענט איז די גאַלאָוויניכע צוגעגאַנגען צום אינסטרוקטאָר און פריינטלעך אים אָנגערירט אין פּלייצע.

— נעמט נישט פאַר אומגוט, הער... חבר מיין איך. ס'איז אַ תורה זייער אַ שווערע. פאַרשטיין קע'מען... פאַרוואָס זאָל מע נישט פאַרשטיין? אָבער, אַזוי, כ'בין אַ מאַמע פון קינדער.

דער אינסטרוקטאָר איז אַנטשוויגן געוואָרן און תחילת נישט פאַרשטאַנען:

— וואָס, וואָס?

— אַ מאַמע פון קינדער, הייסט עס, בין איך... האָט רחמנות! ווי קומט דאָ קע—ע—טער. זיינעם וויש אונטער, דעם צווייטן קאָרמע אָן, דעם דריטן פאַרשטאָפּ דאָס מויל. דריי זענען זיי ביי מיר, קינדער הייסט עס... קלייבסט צו און היידא אַהער. און דאָ איז אויך, צוויי מאָל אַ וואָך וואַש איך די פּאָדלאָגעס. טאָ' כ'בעט אייך, טוט אַ טובה, דערקלערט אַביסל פּשוטער.

און אין די ברוינע אויגן איז אַזאַ צעשראָקנקייט און אומעט, אַז דעם אינסטרוקטאָרס געלעכטער האָט זיך איבערגעריסן, אויף אַ מילדן טאָן.

— אַ מאַמע פון קינדער, זאָגט איר? נו, גוט, מיר וועלן אייך געבן אַ געהילף. אָבער לייענען־שרייבן קענט איר, האַ? ניין, חבר קאַנישעוו, ס'איז דאָך ריינדיק: „אַ מאַמע פון קינדער!"... און מיר האָבן אָנגעמערקט אין אונזערע פּלענער: אַ ביבליאָטעקאַר דאַרף זיין אוניווערסאַל געבילדעט. „אַ מאַמע פון קינדער", דאָס איז גוט. מאָבילייזירט די לערערקעס, חבר קאַנישעוו. די ביבליאָטעק מוז געבראַכט ווערן אין אָרדנונג! און איר דאגהט נישט, חברטע ביבליאָטעקערשע, מיר וועלן אַלץ דערקלערן זייער דייטלעך. נישקשה, איר וועט זיך צוגעווינען! פאַר די פּאָדלאָגעס וועלן מיר צוזוכן אַ געהילף.

דער אינסטרוקטאָר האָט לאַנג און פּרייַנטלעך גערעדט מיט דער גאָלאָוויניכע. אויף זיינע פראַגן האָט ער אַליין געענטפערט, און זי האָט געשיינט מיט אַ שמייכל, און מיטן קאָפּ־שאָקלען באַשטעטיקט אַלע ענטפערן. דערנאָך האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער יוגנט. וואַנקאַ סאָפּראָנס האָט איבעררעשט סיי אים, סיי דעם פאָטער. מיט אַ העזהדיקן שמייכל אין די גרויע אויגן, האָט ער געשטעלט דעם אינסטרוקטאָר פראַגן וועגן די נייע אָרדנונגען, וועגן ערד־פאַרטיילונג, וועגן דער באַציִונג פון שטאָט צום דאָרף.

— געבן, האָט מען נאָך גאָרנישט געגעבן, און די וואָל האָט מען שוין אַרומגעשאָרן! פאַר דער נייער אַרמיי איז כסדר: פעלצלעך, וואַליקעס, ברויט! צו דער ווירטשאַפט לאָזט מען נישט צולייגן קיין האַנט. אַלע פויערים זענען פאָרזיצערס און דעלעגאַטן. וואָס וועט זיין מיט דער פויערשער ווירטשאַפט? אַבי צוגעזאָגט —

מירן אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה, און איצט גאָר צווישן זיך פאַרפירט אַ רייסעניש.

אין דער העזהדיקייט פון די ווערטער, וועלכע ער האָט גע־וואָרפן מיט אַן אָנגעשטרענגטן, אָפּגעהאַקטן קול, אין דעם אַרויס־פּאָדערנדיקן שמייכל פון די אויגן — איז געלעגן אַ צערודערטער זוכנדיקער געדאַנק.

דער אינסטרוקטאָר האָט אים געוואָלט אָפּפּטרן מיט אַ פּראַזע, „אַז מ'האַקט האָלץ — פליען שפּענער", אָבער אומגעריכט פאַר זיך, האָט ער אַרומגענומען וואַנקען פאַר די פּלייצעס, זיך געלאָזט שפּרייזן מיט אים איבערן צימער און שיטן דעם דריבנעם, נאָר קלאָרן - אַרבעס פון זיינע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען מיט טיפער פולקייט פון מענטשלעכער אויפריכטיקייט.

גערעדט האָט ער וועגן דעם, אַז מיט אַ שווערן שיכט האָט די ערד צוגעדריקט דאָס דאָרף. עס איז געווען זאַטער, אָבער פינצטערער, פאַרוואָרפענער. מיליאָנען נפשות האָבן געלעבט, ווי די מוילוואַרפן, מיט שווערע געדאַנקען, מיט עקשנות פון טויטע, אָפּגעלעבטע גלויבונגען, מיט טעמפּער הכנעה פאַר יעדן שטיקן. אַלע באַדינגונגען פון לעבנס־שטייגער האָבן פאַרמשפּט אויף פּירן דייטער די דאָזיקע עקזיסטענץ. האָט אימיצער באַקומען בילדונג, לעגט ער זיך שוין מער נישט אומקערן אין דאָרף אַריין. אַ רייזיקער קבר ביים לעבן נאָך פאַר מיליאָנען מענטשן: נאָר אַרבעט, שכרות און ווילדע זאַבאָבאָנעס.

כל זמן ס'האָט געהערשט דער אַלטער סדר, האָבן נישט גע־קענט ענדערן גאָרנישט נישט קיין שילן, נישט קיין ליכט־בילדער און קיין שמועסן. זיי האָבן נאָר געשטויסן צו דעם, וואָס ס'איז פאַרגעקומען. מ'האָט געמוזט צעשטערן דעם סיסטעם פון דער דאָזיקער אָרדנונג.

— כ'וועל דיר נישט גיין דערציילן, וואָס די שטאָט דאַרף. פאַרן דאָרף איז נויטיק: פאַרלייכטערן די אַרבעט, באַפרייען די מענטשלעכע כוחות, כדי דער מוח זאָל קאָנען אַרבעטן. אויף צו פאַרלייכטערן די אַרבעט זענען נויטיק מאַשינעס. אומעטום וווּ נאָר מעגלעך, דאַרף מען באַפרייען דעם מענטשלעכן קערפּער פון אָנ־

שטרענגונג. די מאַשינעס מאַכט מען אין די שטעט. כּדי מען זאָל זיי מאַכן אַזויפיל, וויפל ס'איז נויטיק, דאַרף מען באַפרייען די אַרבעטער פון די באַלעבאַטים, גוט איינאָרדנען זייער לעבן. האָט מען זיי באַפרייט. מיט וואָס אָבער שפייזן? דאָס דאַרף דאַרף זיך אָנשטרענגען פאַר זיין אייגענער באַפרייאונג.

גערעדט האָט ער לאַנג און אין אַלגעמיין פאַרפלאָנטערט. ווען ער איז שטיל געוואָרן, האָט וואַנקע סאָפּראָנאָס תּיכּף געמאַכט אַן אויספיר מיט זיין פּשוטן קינדישן קול:

— הייסט עס, מען וועט אָפּשאַפן דאָס דאָרף? מ'וועט אָנ־ברענגען אַהער אַלערליי מאַשינעס און אַלץ איינאָרדנען אויפן שטאָטישן שטייגער. אָט וואָס!

ס'איז קענטיק געווען, אַז ער האָט נאָך נישט באַשלאָסן, צי דאָס איז גוט — די אָפּשאַפונג פון דאָרף. אָבער זיינע אויגן האָבן גענומען שיינען מיט אַ ווייכן גלאַנץ. ער האָט זיך שעמעוודיק צע־שמייכלט, פאָרזיכטיק אַראָפּגענומען דעם אינסטרוקטאָרס האַנט פון זיין פּלייצע און אַרויסגעלאָפן פון ביבליאָטעק.

סאָפּראָן האָט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן און אויערן. זיין עלטערן זון האָט ער צוויי מאָל געשלאָגן מיט שווערע פויערשע קלעפּ, דערנאָך האָט ער זיך באַמיט אים נישט באַמערקן. אַ נבזול־פּהניק, אַ רויכערער, אַ לאָבוז, — האָבן אים די פויערים נישט גע־מאַכט פאַר קיין קאַליקע בלויז דערפאַר, ווייל זיין טאַטע איז אריין אין די פעדערן. אַחוץ שמוציקע לידלעך און פּרעכע ענטפערן האָט מען פון אים אין שטוב גאָרנישט געהערט. און איצט האָט ער אַזוי טיף, מעשה באַלעבאָס, געלאָזן שפּילקעס דעם אינסטרוקטאָר, אַז, ווייזט אויס, ער האָט זיך פאַר דער צייט אַ סך דערוווּסט און פיל איבערגעטראַכט. אַלע פויערשע זאָרגן האָט ער געוווּסט.

דער אינסטרוקטאָר האָט אַ צערודערטער געזאָגט:

— י—יאָ. אַ קלוגער חברה־מאַן! אַ וווּנדערבאַרע יוגנט אין רוסלאַנד.

און סאָפּראָן האָט אָפּגעענטפערט נישט אַנטשלאָסן, ווי נאָכ־טראַכטנדיק:

— יאָ, אַ סברא, אַז אַזעלכע וועט קיינער נישט צודריקן מיטן הינטן! זיי וועלן זיך אַרויסרייסן!

מיט אַן אומגעריכטער כוואַליע האָט זיך אַ גאַס געטאָן דער באַפרידיקטער פּאַמעראַנץ-געפּיל.

— דער כוליגאַן איז מיינער. אַ זון.

— אַ טייערער חברה-מאַן.

זיך דערוווּסט וועגן געקומענעם, האָט זיך אין ביבליאָטעק צענויפגעקליבן אַן עולם. אַנטאָנינע ניקאָלאַעווּנע האָט געשפּילט אויפן קלאַוויר, און אַלע האָבן פּלייסיק, לאַנג אויפן פּאַמעלעכן קירכע-שטייגער געצויגן דעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אַרויסגעקומען ענלעך אויף אַ באַציאַנאַלער אומעטיקער ליד:

„קיינער וועט אונז נישט באַפרייען,

נישט גאָט, נישט צאַר און נישט קיין העלד"...

דער אינסטרוקטאָר איז אַוועקגעפאָרן צו אַנטאָנינע ניקאָלאַעווּנע אויף טיי. אַ געלעגער האָט מען אים צוגעגרייט אין ביבליאָטעק. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז מען זיך נאָך פון ביבליאָטעק נאָך נישט צעגאַנגען. זיך פאַרעדט, און דער שמועס איז געווען אויסערגעוויינלעך רויק.

סאָפּראָנען האָט אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, ווען דער אינסטרוקטאָר איז אַרויס מיט אַנטאָנינע ניקאָלאַעווּנען. אָבער דער שמועס מיטן עולם האָט אַביסל צעשטרייט און אָפּגעווענדט די געדאַנקען. ריידן האָט זיך געוואָלט. די געדאַנקען האָבן אָפּגעלעבט, זיך באַוועגט און באַאומרויקט. ווען דער אינסטרוקטאָר האָט זיך אומגעקערט, איז אויף דער נשמה געוואָרן גאָר לייכט. איז ער אַהיימגעגאַנגען און צוגעברומט:

— „ווער געווען איז גאָרנישט וועט ווערן אַלץ"

אין דער היים האָט ער די ערשטע זאַך געפרעגט דאַריען:

— וואַנקע איז דאָ?

— ער שלאָפט.

וואַנקע איז געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע ביים אויוון, מיט די ברידער. בלויז איין בעט איז געווען, פאַר די עלטערן. סאָפּראָן האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוואָרפן אין

שלאָף, אַ שמייכל געטאָן און אומגעשיקט, אָבער פּאָרזיכטיק, צו־
רעכט געמאַכט דעם מאַנטל, מיט וועלכן דער זון איז געווען צו־
געדעקט.

דער אינסטרוקטאָר האָט פאַרבראַכט דריי טעג. אויפן צווייטן
טאָג, אינאָוונט, איז סאָפּראָן ווידער געווען אָנגעבלאָזן און פאַר־
חושכט. ס׳האָט געקלעמט דער אומרו פון אײַפערזוכט.

אַ גאַנצן טאָג האָט אַנטאָנינע ניקאָלאַעווגע, צוזאַמען מיט די
אַנדערע לערערקעס, געאַרבעט מיטן אינסטרוקטאָר. און סאָפּראָן
האָט דעם טאָג געזען, ווי זיי זענען געגאַנגען בײַנאַנד איבערן
גאַס. דער אינסטרוקטאָר האָט אונטערגעהאַלטן אַנטאָנינע ניקאָלאַ־
עווגען ביים עלנבויגן. און זי האָט הילכיק געלאַכט און געשײַנט
מיט די אויגן.

געפּייניקט פון זײַן ווייטאָק, האָט סאָפּראָן בײַנאַכט גע־
שלאָגן דאַריען. האָט זיך וואַנקע אויפגעכאַפּט, געוואָרפן זיך אויפן
טאַטן. און געשריגן יאושדיק און הילכיק:

— איך ווייס וואָס עס ברענט דיך! גיי אוועק פון אונדז!
אָבער די מאַמע טשעפּע נישט!

דאַריע איז אַזוי איבעראַשט געווען פון זײַן אָננעמען זיך,
אַז זי האָט אויפגעהערט וויינען. וואַנקע פלעגט תמיד ריידן צו איר
נישט גערן, מיט ביטול. מיט טיפער באַליידיגונג פלעגט ער פּיי־
ניקן איר מאַמיש האַרץ. סאָפּראָן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער
האַנט און, אַ קלאַפּ־טועגדיק מיט דער טיר, אַרויס אויפן הויף.
דערנאָך, אַזוי ווי ער איז געווען, אין לײַכטן זומערדיקן פּידזשאַק,
אָן אַ היטל, האָט ער זיך כמעט לויפן געלאָזט צו דער שול. די
קעשענע, שווער פון רעוואָלווער, האָט אים געקלאַפּט אין זײַט. איצט
פלעגט ער אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אין שול איז שטיל גע־
ווען און פינצטער. סאָפּראָן איז לאַנג געשטאַנען, אַ קעלט האָט
אים אַדורכגענומען, און ער איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אוועק
אַהיים. פון טויער האָט ער האַסטיק פאַרקערעוועט צו דער ביב־
ליאָטעק. דאָרט האָט נאָך געברענט פייער און אין באַלויכטענעם
פענצטער האָט סאָפּראָן דערזען דעם אינסטרוקטאָר. ער האָט גע־
מאַכט מיט די הענט און עפּעס גערעדט. דאָס האַרץ איז פאַרגלי־

ווערט געוואָרן אין דער פראַגע: מיט וועמען? אָבער אין דעם מאָ-מענט האָט אין דער הויך א טראַסק געטאָן די טיר, און ס׳האָט זיך דערטראָגן דאָס קול פון מיטראַכע-שרייבערל:

— גוט, כ׳וועל גערכטיקן. כ׳וועל גאָר אַרויסגיין אויפן הויף.

דער קערפּער איז לייכט געוואָרן, סאָפּראָן האָט מיטאַמאָל דערשפּירט, ווי דורכגעפרוירן ער איז און ס׳ווילט זיך שלאָפן.

די לעצטע נאַכט פאַרן אינסטרוקטאָרס אָפּפאָרן, האָט סאָפּ-ראָן ווידער געהאַלטן וואַך ביי דער שול. איינגעטוליעט אין שוואַרצן פעלצל, האָט ער זיך צוגעטוליעט צום שוואַרצן שטעלכל אויפן הויף פון דער שול. אין די פענצטער פון אַנטאָניגע ניקאָ-לאַעווגעס צימער איז ליכטיק געווען. אָבער די פאָרהענגלעך האָבן בלויז דורכגעלאָזן דאָס פייער, — באַמערקן וואָס ס׳טוט זיך אין צימער האָבן זיי געשטערט. אַ שעה איז ער געשטאַנען, אָדער אַ יאָר? די פיין איז אַזוי גרויס געווען, אַז ער האָט אין צייט פאַרגעסן. אַז מ׳האָט אַ טראַסק געטאָן מיטן רוקער פון דער אַרויס-גאַנג-טיר, האָט ער אויפגעציטערט, ווי פון אַ קלאַפּ.

— נו, שלאָף.

— מאָרגן וועל איך קומען באַגלייטן!

— נישט נויטיק, כ׳וועל פרי אָפּפאָרן. האַ? יאָ, יאָ, אין שטאָט וועלן מיר זיך זען!

ער האָט זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן נאָך אים, אָבער מיט איין שפּרונג איז ער געווען אויפן גאַניקל, ביי דער נאָך נישט צו-געמאַכטער טיר. זי איז געשטאַנען, די זונה, און נאָכגעקוקט, כאָטש דער געליבטער איז שוין פאַרשוווּנדן הינטערן ראָג!

— ווער איז דאָס? האַ—אַ!

מיט איין האַנט האָט ער איר צוגעדריקט די באַקן און דאָס מויל, און מיט דער צווייטער האַנט זי אונטערגעכאַפּט אונטערן אָרעם, און אַריינגעשלעפּט אין איר צימער, וואָס איז אין אַזאַ שעה נישט צוטריטלעך געווען פאַר אים. פאַר אים נישט צוטריט-לעך, אָבער פאַרן דאָזיקן, פאַרן שטאָטישן... מיט די ציין האָט ער אַ קריץ געטאָן, און די אויגן מיט די אויערן האָבן, ווי אויף יאַגד-אַלץ געשלונגען... קיינער האָט זיך אין וואַך - שטיבל נישט גע-

רירט. הארט שלאָפט מען. האָט ער זי אומגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע ביי דער טיר, און צודריקנדיק מיט דער קני דאָס מויל, פאַרמאַכט די טיר אויפן קייטל.

— פּרוביר נאָר שרייען, פּאסקודנע, וועל איך דיר דעם קאָפּ פּלעטן.

אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, א פּאַכע געטאָן מיט אים פאַר די אויגן, וואָס זענען געווען אומבאַוועגלעך, פאַרגליווערטע פון שרעק און דערשטיקונג, און באַפרייט איר מויל. זי האָט מיט מי און ווייטאָק אָפּגעאָטעמט און זיך אויפגעהויבן.

— פּרוביר נאָר געוואַלדעווען!...

— איך וועל נישט סאָפּראָן אַרטאַמאָניטש!...

— „אַרטאַמאָניטש"... חנדלאך געמאַכט און זיך אָפּגעגעבן אָן אַנדערן. ווייז נאָר! נאָך נישט אָפּגעטריקנט, וואָס? אַך דו, נבלה, זונה...

אַ ברויזנדיקער שטראָם פון געמיינסטע זידל־ווערטער האָט זי פאַרפּלייצט. זי האָט זיך הינערווייליעכס אָפּגערוקט פון אים צום פענצטער. ער האָט זי אָבער גראָב אַ ריס געטאָן צו זיך, ווידער אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע, און צערייסנדיק דאָס קלייד, אַרויפגעפאַלן אויף איר, פאַרדעקט מיט זיך און מיטן פּעלצל, וואָס האָט זיך ברייט פאַנאַדערגעוואָרפן איבער דער פּאָדלאָגע.

אין דער עקלדיקייט און אכזריותדיקייט פון דאָזיקן באַזיצן איז די סאַמע ביטערע באַליידיקונג, וואָס פאַרווונדעט דאָס מענטש־לעכע, געלעגן אין דער עמפּינדונג: איר קערפּער האָט אָפּגעענט־פּערט, ווי געוויינלעך:

— א—הי—הי—ך!

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איר אַ שפּיי געטאָן גלייך אין פּנים, א שטויס געטאָן מיטן פוס און זיך אומגעדרייט צו דער טיר. האָבן זיך דינע, ווייסע הענט איינגעקלאַמערט אין אים. זי איז אויפגעשפּרונגען, זיך צוגעטוליעט צו אים מיטן גוף, וואָס איז נאָך היינט אַזוי ליידנשאַפטלעך און הייליק באַדעקט געווען. און איצט איז געוואָרן עקלדיק, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן און זיך צעריי־טשעט, נישט טראַכטנדיק וועגן קיין שום פאַרזיכטיקייט:

— נו—ו !...

— סאָפּראָן אַרטאַמאָניטש... סאָפּראָן... דערציילט נישט קיי־נעם... איך האָב אייך ליב... כ'וועל זיין אייערע... לאַנג... אייביק. דערציילט נישט קיינעם... שטעלט מיך נישט אויס צו שאַנד...

און זי קריכט נאָך נאָך אַלעמען, אַבי פאַר לייטן אַ ריינינקע... אין די אויגן איז — פּיין און עקל, די פיס זענען אָפּגענומען פונם גראָבן פויערשן באַזיצן, און די ליפּן שעפּטשן:

— כ'וועל זיין אייערע... דערציילט נישט...

— אַך, נבלה !... מיאוס—קייט !

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, ארויסגעלאָפן, אויסער זיך פון צאָרן און עקל. אַ דאָרפישע שיקסע וואָלט די מאָרדע צובּיסן, און די פריילין... און ער האָט אַרויפגעקוקט אויף זיי, אויף די ווייסינקע, פון אונטן, פון זיין שמוץ ארויס, ווי אויף אַ גאָט. אַך, נבלה מיאוסע !... זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ נישט־ריר־מיך־אָן, געפירט פאַרן נאָז אַ פויער. האַ—האַ !...

אַנטאָנינע ניקאָלאַעווונע איז אַוועקגעפאָרן גאַנץ פרי מיטן אינסטרוקטאָר אין שטאָט אריין. סאָפּראָן איז אַ גאַנצן טאָג אָפּגעלעגן אין בעט. דער קאָפּ האָט געשמאַרצט, די באַליידיקונג האָט נישט געלאָזט טראַכטן. פאַר וועמען האָט ער זיך געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך ? אַלע זענען זיי, די שטאָטישע, אַזעלכע ! נאַרן מיטן אויסזען, און אַליין זענען זיי געמיין. לערערס! ריטערס !

דאַריע האָט מורא געהאַט צוגיין צו אים, האָט אָפּגעיאָגט די קינדער, געסיקעט אויף זיי. בלויז איינמאָל האָט זי געפרעגט:

— אפשר זויערע קרויט צום קאָפּ ? ס'וועט העלפן.

— מ'דאַרף נישט...

פלעגן קומען פויערים, האָט ער זיך געמאַכט שלאָפנדיק. און דאַריע האָט געחזרט מיט אויפריכטיקע זאָרגן :

— אַ קדחת, אָדער פלעקן־טיפוס.

ביינאַכט, ווען דאַריע האָט זיך פאָרזיכטיק געלייגט נעבן, נישט אַ שטויס צו טאָן דעם מאַן, האָט ער פלוצלינג פאָרזיכטיק, מיט ליבע זי צוגעצויגן צו זיך און צוגעדריקט די ליפּן צו דער ווייסער ברוסט, וואָס איז געווען ווי אָנגעגאָסן פון שוואַנגערשאַפט.

ניִשט מיטן געדאַנק, — מיטן חיהשן איִנסטינקט, וואָס נאַרט קיינמאָל ניִשט אָפּ, האָט זי דערשפּירט די גאַנצע טיפקייט פון זיין צערטלעכקייט און זיך שטיל פאַנאַנדערגעוויינט.

— סאָפּראָן... טייערער, געליבטער...

— שווייג, דאַריע... שווייג, מאַמע, דאָרפישער נאַר מייגער...

ט.

אַלץ אָפטער און אָפטער דערטראָגן זיך ווערטער, ווי אַ לאַרם-געקלאַנג, — קורצע, הילכיקע, שרעקנדיקע מיט זייער פרעמדן טאָן. עס שטייען זיי נאָך אין וועג, ווי נישט אַראָפּגענומענע פּאָסטנס, די הונדערט פופציק וויאָרסט ביז דער קרייז-שטאָט, די הונדערט צען — ביז דער נאָנטסטער סטאַציע. דער אָטעם פון גרויסן אומרו גיט דערווייל נאָר אַ בלאָז און ווערט פאַרלאָשן אין צווישנצייט צווישן שטורעם און טיפער, אַלט-פאַרשוואַרצטער פויערשער שטילקייט. ס'איז שוין אָבער נישטאָ די אַלטע, נידערגעשלאָגענע רו, די שרעקלעכע אין איר האָפנונגסלאָזיקייט. היגטערן אויוון לעבן נאָך די אַלטע זאַבאַבאָנעס, אָבער מ'שרעקט זיך שוין און מ'באַהאַלט זיך אויס פאַר די געשרייען פון די נייע דאָרפישע רעדל-פירער.

קיין אינטערנאַציאָנאַלאָווקע, אַמאָליקע טאַמבאָווקאַ — נעגעבאָווקע, האָט זיך אומגעקערט רעדקין. ער איז אויף לאַנג פאַרפאַלן געוואָרן אין די שטעט. געווען נישט נאָר אין זיין קרייזשטאָט, נאָר אויך אין דער גובערניע-שטאָט, נאָכקאָנטראָלירט ד' אָרדנונגען. אין דאָרף האָט מען זיך געוווּנדערט, וואָס ער איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער. מ'האָט געשמועסט:

— אין מיט וואָס לעבט דאָס דער מענטש? מער ווי אַ סקעלעט איז נישטאָ, און דאָס אויך נישט קיין פעסטער. אַן אויס-

געבויגענער. די פּלייצע, ווי אַ דוהע. און האַלט אין איין קאָכן זיך! נאָך בייזער געוואָרן.

בלויז אַרטאַמאָן פּעגיק, טרעפנדיק רעדקינען אין גאַס, האָט אים שאַרף אַריינגעקוקט אין פּנים און געשעפּטלעך געזאָגט:

— נישט לאַנג שוין, פּילימאָן, וועסטו אָנציען! מיט די טייכן וועט עס דיך אַראָפּשווייגקען.

רעדקין האָט זיך אויפגעקאָכט, געוואָלט אָפּזידלען, האָט אָבער בלויז אויסגעשפּיגן און פאַרשטיקט אָפּגעענטפערט:

— זע נאָר, צי איז נישט דיין ריי אַצינד? האָסט אָפּגעבידעבידעוועט. געגוג: אַ זקן און איך וועל נאָך אַביסל ציען. אַ יונגער בוים בויגט זיך, און אַ אַלטער ברעכט זיך!

און אין די הייסע אויגן איז אַ אומרויקע תּפילה צום לעבן: בויג, נאָר ברעך נישט!

אַרטאַמאָן האָט געקייט מיט די ליפּן, און פאַרקלערט זיך אָפּגערופן:

אַלץ איז מעגלעך. האַרטנעקיקע זענט איר, די היינטיקע. איר זענט שטאַרק גיריק צו דער ליכטיקער וועלט.

און ער איז אַוועק צו זיין הויף, דער אַלטער, דער איינגעהויקערטער, אָבער אויף די פיס נאָך גאַנץ פעסטער באַלשעוויק אַרטאַמאָן פּעגיק, וואָס איז נישט גיריק צו דער ליכטיקער וועלט, וואָס האָט רויק אַריינגעקוקט אין זיין נאָנטן סוף, וואָס זאָרגט זיך פאַר די אייניקלעך.

און רעדקין האָט געזוכט סאַפּראָנען איבערן גאַנצן דאָרף: אויסצופרעגן, ווי לאַנג ער וועט נאָך זיין צעקראָכן, זיך צאַצקענען מיט די מאַלאַקאַנער. און האָט אים אין דאָרף נישט געפונען.

סאַפּראָן איז אַוועקגעפאָרן אין שכנותדיקן כוואָראָסטיאַנישן דאָרף, וווּ עלנטע איבערוואַנדערער האָבן זיך באַזעצט אויף שטייניקן, קאַרגן באָדן, וואָס איז ווי אַרויסגעשווימען ריכטיק פאַר זיי פון צווישן די אַרומיקע פּרוכטבאַרע פעלדער. איצט האָבן זיי דערלאַנגט דעם וואָלאָסטפּאָלקאָם אַ מעלדונג:

„מיר אונטערגעשריבענע פּויערים פון דאָרף כוואָראָסטיאַנקע, וואָס ציילט 64 הויפן, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט

אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין צאָל פֿון הונדערט דריי מענטשן און באַשלאָסן אונז געבן די ערד פֿון די געבעסנאָווקער מאַלאַקאַנער, ווייל אויף שטיינער וואַקסט גאָרנישט און ווייל די ערד געהערט צו קיינעם נישט, ווי עס איז דאָ אויף דעם אַ דעקרעט פֿון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, וועלכע מיר אָנערקענען אַלע איינשטימיק, און אַזוי ווי ס'איז פֿאַראַן בורזשויען, וועלכע מען דאַרף שלאָגן, איז אונזער הסכמה דערצו און אונזער חתימה צוגעלייגט".

די מעלדונג איז אָנגעשריבן מיט מאַקאַרקעס פֿלינקער האַנטשריפֿט, דער כוואַראָסטיאַנישן געשוואָרענעם שרייבער פֿון בקשות און אָנקלאָגעס. און אונטער דער מעלדונג די קרומע אותיות פֿון די חתימות און די טרויעריקע קרייצן פֿון די אַנאַלפֿאַבעטן.

די באַליידיקונג, וואָס די פֿריילין האָט אים פֿאַרשאַפֿט, האָט סאָפּראָנען אויפֿגעמונטערט. דער ביטערער רויך פֿון אַנטוישונג האָט ווי אַן עסיקע רפֿואה, אויסגערייניקט די אויגן. אין זייער בלויקייט האָט זיך באַוויזן בליי, וואָס האָט פֿריער געפֿעלט. דער געפֿל פֿון טרוים איז פֿאַרשוווּנדן, און סאָפּראָן האָט געזען: ער האָט זיך געצויגן אין געפּאַנגשאַפֿט צו די רייניקע פּריצים, אָבער אין זיי איז נישטאָ קיין אמת. זיי וועלן נישט באַשיצן. בלויז פֿון דערווייטנס לאָקן זיי. פֿון דער הויך שיקן זיי אַ שמייכל, אָבער זיך שטעלן געבן זיי לאָזן זיי נישט. נישט זייערס גלייכן! אַזוי גאָר? אונזער מאַכט! און ווי תמיד, ווען עס ברייט אָפּ די בייטש פֿון עולות, האָבן אויפֿגעלעבט אַלטע ווייטאָקן, דאַכט זיך שוין אויסגעלעבטע און פֿאַרגעסענע. פֿון פֿראָנט איז ער געלאָפֿן אַ ווילדער און אכזריותדיקער פֿון קריג-שגעון. דעמאָלט האָט ער נישט מורא געהאַט, אויף קיינעם רחמנות נישט געהאַט. ווען ער איז אָבער געקומען צו זיך אין דאָרף, איז ער צעקראָכן געוואָרן פֿונם כבוד און צוטרוי, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט פֿאַרזוכט. דערלאַנג זיי אין קאַרק, די אויסוואורפֿן! יעדן, וואָס גיט נאָר אַ פּיפּס אַ קעגן! אונזער מאַכט! ער האָט מיט אַ מאָל איינגעזען, אַז ס'איז נאָך גאָרנישט געטאַן געוואָרן, אַז ער האָט בלויז געטרוימט און אַליין פֿאַרפֿירט די אומפֿאַרמעגלעכע, איז ער קאַרג געוואָרן אויף וואר-

טער, אַ שפּיי געטאָן אויף די ביכלאַך, אויף דער פּריצישער ביב־ליאָטעק. גלייך אויפן צווייטן טאָג, ווי נאָר ער האָט זיך אויפגע־הויבן, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו די נעבעסנאָווקער. ער האָט אָפּגענומען אַ גרויסע סטאַדע בהמות, אָפּגעשיקט אין שטאָט אויף שפּייז פאַר דער רויטער גוואַרדיע. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אויף אַ פאַרזאַמלונג אין געבעט־הויז פון די עוואַנגעלישע קריסטן, האָט קאָטשעראָווו קריטיקירט זיין האַנדלונג, האָט ער אַליין קאָטשע־ראָוון צעשלאָגן מיט אַ נאַהייקע און אָפּגעשיקט אין שטאָט, אין תּפיסה אַריין. און דאָס געבעט־הויז האָט ער פאַרחתמעט:

— גענוג! זיך גענוג אָנגעזונגען תּהילים, איצט רייסט אַביסל די בייכער אויף אַרבעט!

צו די כוואָראָסטיאַנער איז ער געפאָרן אַ צערייצטער, גרייט צו דערפילן זייער בקשה.

צוזאַמען מיט די געשרייען „גענוג שוין זיך אָנגעזויפט מיט אונזער בלוט!" „נישטאָ זיך וואָס צו צערעמאָניען, פאַרן גאָרגל די געלט־זעק!" האָט מען זיך דאָרט געקלאָגט, וואָס אין דאָרף איז קיין שום סחורה נישטאָ, דזשעגעכץ איז טייער געוואָרן, דער דאָקטאָר אין ראָמאַנאָווקע איז נאָך געטריי דער אַלטער רעגירונג: קיין רפואות פאַרשרייבט ער נישט, היילט נישט אויס די זעלנער פון דער מיאוסער קרענק. אין ליאַרם פון קרעפטיקע פּויערשע זיד־לערייען, אומזיניקע ווערטער און געשרייען, איז ער אַליין אַריין אין ברען און באַפוילן:

— אַלע קרעמערס איבערטרייסלען. ווו האָבן זיי באַהאַלטן די סחורה? שלאָגן מכּות רצח, זאָלן זיי אויסזאָגן! דעם דאָקטאָר אויך אַנלערנען און אָפּשיקן אין שטאָט אַריין, און אַריינזעצן אין שפּי־טאָל פאַר דאָקטאָר דעם סאַניטאַר פּאַנטעליי. ער ווייס אַלע פּראָש־קעס. ער וועט אַרויסגעבן, און אַליין פאָר איך מאָרגן אין שטאָט, וועגן דער פאָדערונג: וואָסערע רעכט זיינען אונזערע!

און אַוועקגעפאָרן. אין גלייך נאָך אים, דריי פּויערשע שלי־טנס מיט כוואָראָסטיאַנער פּויערים. אויפן קרייץ־וועג זיך צעשיידט. סאָפּראָן צו זיך אין וואָלאָסט און די כוואָראָסטיאַנער קיין ראָמאַ־

גאָוּוקע: אָנלערנען דעם דאָקטאָר און דעם סאַניטאַר פּאַנטעליי־
צרייבזעצן אויף זיין אָרט.

דער טונקל־ברוינער שניי זינקט אונטער די פּיס. אין דער פּאַרנאַכטיקער פינצטערניש ליגט ער ביי די זייטן וועג אַ טונקע־לער, אַ כמורער. און אין סטעפּ איז די שטילקייט פול געווען מיט דערוואַרטונג פון פרילינג־שטורעמס. אין דער דאָזיקער שטילקייט, וואָס האָט פאַרבאָרגן אין זיך געשריי פון אומגעדולד, האָט זיך אומרויק געצאָטעמט. סאָפראָן האָט אונטערגעאײַלט סאַנקען, דעם שמייסערל, און נישט געקאָנט רויק איינזיצן אין שליטן.

אין אינטערנאַציאָנאַלאָווקע האָט מען שוין אָנגעצונדן ליכט און זעלטן ווו נאַפט־לאָמפּן, ווען סאָפראָן איז צוריקגעקומען. די פייערלעך האָבן געפינקלט אין די פענצטער און געדיכטער געמאַכט דעם חושך אויף די גאַסן־ראָגן, ביי די הויפן, און סאָפראָן האָט דעריבער נישט באַמערקט, אַז ביי זיין טויער שטייט רעדקין, און ווען יענער האָט זיך אָפּגעטיילט פון פלויט — אַ שוואַרצע, לאַנגע פיגור, — האָט ער אויפגעציטערט.

— ווער איז?

— איך, רעדקין. ווו פאָרסטו דאָס אַרום?

— קיין כוואָראָסטיאַנקע. הײַדאַ, אין שטוב! ס'איז דאָ אַן ענין.

רעדקין האָט וויניק דערציילט. ענלעך אויף אַ שטרענגען הייליקן פון אַן אַלטער איקאָנע, א מאָגערע, מיט אַ טיף אַנגעכמו־רעט קנייטשעלע צווישן די ברעמען, האָט ער נידעריק געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, שטרענג אַרויסגעקוקט פון אונטערן שטערן און פלעגט בלויז מיטן הוסט און מיט אָפּגעריסענע נישט אָפּטע ווערטער איבעררייסן סאָפראָנס דערציילונג. ביידע האָבן באַשלאָסן באַלד גאַנץ פרי אַרויספאָרן אין שטאָט. אויפן פייערל איז אַריינ־געקומען אַרטאַמאָן פעגיק און זיך איינגעבעטן מיטצופאָרן מיט זיי. וואַנקע איז געזעסן ביים טיש מיט אַ ביכל. מיט טאַטע־מאַמע האָט ער, ווי פריער, גערעדט געציילטע ווערטער, נישט גערן, אָבער ער פלעגט איצט זעלטענער אַוועקלויפן אין די אָוונטן אין גאַס אַריין: דערהערנדיק, אַז מען קלויבט זיך אין אין שטאָט אַריין, האָט ער פלוצים

אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ווי נישט חילנדיק, האָט ער [illegible] דורכגעזייט דורך די ציין;

— איר וועט מיך אפשר מיטנעמען אין שטאָט?

סאָפּראָן האָט אַ שמייכל געטאָן מיט איין מויל־ווינקל. דאָס פּנים האָט אויפגעשיינט.

— ווו קלייבסטו זיך דאָס, חבר?

קוקנדיק אין ווינקל, האָט וואַנקע געענטפערט.

— דאָרט וועט מען שוין זען, — וווהין!

איז סאָפּראָן אין כּעס געוואָרן.

— אָט אַ יונגאַטש, עס שטייט אים נישט אָן צו ריידן! כ'וועל דיר דערלאַנגען מיט די לייצעס, וועסטו שוין אַרויס מיט לשון!

און ביז אַ קלאַפּ־טועניק מיט דער טיר, איז ער אַרויס מיט רעדקינען.

באַגינען אָבער, ווען אַרטאַמאָן פּעגיק איז צוגעפאָרן מיט די גוטע פּאָר פערד, איינגעשפּאַנט אין אויסגעבעטן גרויסן שליטן, וועלכן מ'האָט פאַרכאַפּט אין פּאָקראָווסקיס גוט, האָט סאָפּראָן אויפגעוועקט וואַנקען.

— טו זיך אָן, מיר'ן פאָרן אין שטאָט.

אַרטאַמאָן פּעגיק האָט מסכּים געווען:

— ער וויל אויך פאָרן אין שטאָט? זייער פיין! איר וועט דאָרט גיין צו די אדונים, ווי נאַטשאַלסטוואָ, און מיר וועלן דערווייל באַטראַכטן די שטאָטישע גאַסן. איך וועל דיך פירן. כ'דאַרף עפּעס האָבן אויפן שטאָטישן מאַרק. דאָס אייניקל האָט געבעטן.

אַמאָל איז די שטאָט געווען אַ ריינינקע. איצט, ווען אויף די רעגירונג־הייזער האָבן אויפגעפלאַטערט רויטע פענער, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן שילדן מיט אומפאַרשטענדלעכע נעמען, — איז זי צעקודלט געוואָרן און גרוי פון זעלנערישע שינעלן, טונקל און פאַרקבצנט. דאָס אָנטועכץ איז געמיינער געוואָרן. אין די געשעפטן זענען די פּאָליצעס און די טישן געוואָרן אומעטיק ברייט און פּוסט. אויפן מאַרק איז געבליבן בלויז דאָס, וואָס צום עסן. זעלטן

זעט מען אַ טישל מיט שטאָטישע שמאַכטעס, און דאָס אויך מיט ווינציק סחורה.

אויף די באַלעבאַטע גאַסן, וואָס זענען שמוציק, פּאַרמיסטיקט, באַדעקט מיט שאָלעכץ פון קערלעך און ניס, איז מייסטנס פול מיט אַ גרויסן עולם. אין די רעגירונג־הייזער זענען רויט־גוואַרדייער מיט ביקסן, נאַטשאַלניקעס אין לעדערנע מלבושים מיט רעוואָלווערן, אַ געפּל פון מאַכאָרקע, אַז ס׳ווערט אויש נישט גוט, געשווירענע פּרויען מיט מאַנסבילשע מאַנירן, מיט פּאַפּיראָסן און ליולקעס צווישן די ציין, אַ טומל, אַ הו־האַ פון אומאויפהערלעכע שמועסן, שטיקלעך פּאַפּיראָסן אויף דער פּאָדלאָגע און קופּעס מיסט אין די ווינקלען. ס׳מאַכט אַן איינדרוק, ווי פון די דאָזיקע שטיבער זענען די באַלעבאַטים אַרויסגעפאָרן, און די נייע זענען נישט מער ווי שכנים. צי וועלן זיי דאָ בלייבן וווינען, ווייסן זיי נאָך נישט, ווילן זיי נישט אַרומראַמען די שטיבער. און די באַאַמטע קענען נישט איינזיצן. קלייבן זיך אַלץ גרופּעסווייז, מאַכן מיט די הענט און ליאַרמען.

ניין, די דאָזיקע נייע שטאָט געפעלט נישט אַרטאַמאָן פעגיקן ער טראַכט:

— דער עיקר, מ׳קען נישט דערגיין, וועלכער נאַטשאַלניק איז גרעסער פאַר׳ן צווייטן! אַלע מאַכן מיט די הענט, אַלע באַפעלן, אַלע האַלטן רעדעס און אַלע מיט רעוואָלווערן. ביי די נקבות איז נישטאָ קיין פרויען־חן. וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס: רויכערן, אָנגעטאָן אין פויערשע הינטלען, שרייבן אָן מורא און קריכן אומעטום, ווי די פויערים, שעמען זיך גאָרנישט. טפו!

אַן אומצופרידענער און אָנגעדרודלטער האָט ער זיך אומגעקערט אויפן הויף, ווו די פערד זענען געשטאַנען און זיך געלייגט שלאָפן אין שליטן אונטערן פעלצל. אין אַ שטוב איז נישט אַריינצוגיין. סאָפּראָנען, אַלס נאַטשאַלניק, האָט מען אָפּגעגעבן אַ נומער אין האָטעל. כאָטש דאָרט איז שמוציק, אָבער פאָרט נישט קיין איינפאָר־הויף. ס׳איז נישט היימיש. אויפגעוועקט האָט אים וואַנקע מיט אַ שטויס אין זייט:

— זיידעשי אַרטאַמאָן, זיידעשי! שטיי אויף! מ׳פירט סוחרים איבער דער שטאָט!

די מאַטקייט פון שלאָף איז נאָך נישט פאַרשווּנדן, אָבער אין וואַנקעס שטים האָט ער שוין געהערט אַן אומגעווייגלעכן ציטער, צי פון פרייד, צי פון שרעק.

— וואָס איז, האַ? דאָס ביזטו, וואַנקע?

— היידא געשווינדער אויפן גאַס! מ׳פירט סוחרים מיט זעק;

זענען זיי געלאָפן צו דער הויפּט־גאַס. אויפן וועג האָט וואַנקע דערציילט: אין שטאָט פעלט אויס מעל, מ׳פירט ווייניק צו פון דאָרף. אויף מעל איז אַ מוראדיקער יקרות. קומען די אַרבעטער אין איספּאָלקאָם: פאַרוואָס? האָט דער איספּאָלקאָם פאַרווערט אַרויספירן פון שטאָט מעל אויף פאַרקויפן אין דער גוּבערניע, און באַשטימט פרייזן. הייגט באַגינען האָבן גרויסע מעלסוחרים געפּרובט אַרויספירן. רויט־גוואַרדייער האָבן זיי געכאַפּט. אָפּגענומען די פורן, און די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשלעפּט די סוחרים פון די שטיבער, ווי זיי גייען און שטייען, אָנגעלייגט זעק מיט שטיינער, געגעבן טראָגן, און פירן זיי איבער די גאַסן, און מען שלאָגט זיי.

— אונזערע, די דאָרפישע שלאָגן! כ׳האָב געזען, פון מאַרק זענען אָנגעלאָפן כוואָראָסטיאַנער, ראָמאַנאָווקער, טאַמבאָווקער און פון דער דעמאָקראַטער וואָלאָסט אויך. איצט האָט מען זיי אַרויסגעפירט אויף דער הויפּט־גאַס. כ׳האָב דעם טאַטן געזוכט, נישט געפונען, האָב איך דיך אויפגעוועקט.

פון אַלע זייטן זענען געלאָפן בייגעריקע צו דער הויפּט־גאַס, וואָס האָט זיך געוויגט מיט הונדערטער קעפּ. ס׳האָט זיך געטראָגן איבער איר אַרויף־אַראָפּ אַ דערשטיקטער ליאַרעם פון שמועסן, אויסרופן, געשרייען. גיריק זענען אַלע געקראָכן אייגער אויפן צווייטן, זיך געשטופּט, געשריגן, — סיי די, וועלכע האָבן געוואָלט שלאָגן די סוחרים, סיי די, וועלכע האָבן רחמנות געהאַט אויף זיי און אויפגעבראַכט געווען פון אַזאַ עקזעקוציע. אויפריכטיק זענען ביי אַלעמען געווען בלויז די אויגן: אומגעדולדיקע, גיריקע

צו זען גוט, ווי מ'שלאָגט! צווישן עולם האָט געי'עלה'ט די גראָבע מאַקסימאָווגע, וואָס האַנדלט מיט באַרשטש אויפן מאַרק:

— פּראַוואָסלאַווגע! לאָזט אַדורך! די זייטן צוגעדריקט: כ'ווער דערשטיקט!

און אַליין איז זי געקראָכן, שטופּנדיק מיט די עלנבויגנס אויף ביידע זייטן, אין דער געדיכטעניש, דאָרט, ווו די סוחרים זענען געגאַנגען מיט די זעק. פּאַראויס, לעכערלעך באַמבלעדיק מיט די פּיס, האָט זיך געבויגן אונטער דעם משא פון זאַק דער געוועזענער שטאָט-הויפּט זעלענקאָוו. ער איז געגאַנגען אין איינע וועש און נאַכט-לאַטשן. דער גראָבער בויך איז אויך אַראָפּגעהאָנגען, ווי אַ זאַק, איבער די קורצע פּיס. דער שיינער פּנים מיטן צעשמירטן בלוט פון צעשפּאָלטענע שלייף, האָט זיך צעקרומט פון ווייטאָק, אָנשטרענגונג און באַליידיקונג. די ברוינע, געדיכטע האָר זענען פייכט געוואָרן, זיך צוגעקלעפּט צום שטערן און צו די שלייפן. ער האָט געסטאַרטשעט פון אונטער די ברעמען די רויט-געוואָרענע, מיט שרעק אָנגעגאָסענע אויגן און געבעטן הכנעהדיק, נידערגעשלאָגן, ווי ער וואָלט מיאַוקען:

— ברודערלעך!.. חברים!..

נאָך אים זענען געגאַנגען, פּאַלנדיק פון די פּיס, די צוויי פּי-הענדלער זשעריכאָוו, דער פאָטער מיטן זון, וועלכע זענען געווען צוזאַמענגעבונדן מיט עפּעס אַ גאַרטל. א גרויער זקן מיט שוואַרצע מאַלערישע ברעמען, און אַ יונגער, אַן ענלעכער אויף אַ חזיר'ל, אָן ברעמען, מיט ווייסלעכע, פאַרגאָסענע אויגן און מיט אַ נאָז, ווי אַ חזירשע מאָרדע. אַפילו אין שרעק האָט זיין פּנים קיין שום אויסדרוק נישט באַקומען, נישט מענטשלעך געוואָרן פון אומרו. אַפילו געשריגן האָט ער, ווי ער וואָלט געכיוקעט. דער אַלטער האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות און געשאָקלט מיטן קאָפּ. ביידע האָבן באַוויזן זיך אָנצוטאָן, נאָר ביים אַלטן איז די טוכענע בעקעשע און דאָס, וואָס אונטער איר, צעשניטן אויף דער העלפט. דורכן שניט איז אַרויסגעקראָכן די אַלטע, געלע פּלייצע. נאָך זיי גייען דריי, איינער נאָכן אַנדערן: דער נידעריקער, דער שוואַרצער, ווי אַ זשוק, דער ברייט-פּלייציקער תבואה-סוחר אישמאַטאָוו,

אין הויזן, אין אַ צעריסענער אונטערשטער העמד און שעלקעס. ער איז געווען שטאַרקער פאַר אַנדערע און ווינציקער פאַר אַלע זיך געבויגן אונטערן זאַק, אָבער געשטשירעט די ציין און געוואָיעט נישט אַזוי פון ווייטאָק ווי פון צאָרן. מיט שוואַרצע ציין, מיט אַ נידעריקן שטערן, אַ הויכער, מיט לאַנגע הענט, האָט פון שרעק געקלאַפּט מיט די ציין דער באַלעבאָס פון דער דאַמף-מיל מיאַקישעוו, און אָפּט זיך געשטרויכלט, אָנטרעטנדיק אויף דעם אָפּגעריסענעם הויז. הינטער אַלע האָט שווייגנדיק געשלעפּט די קראַנקע רעוומאַטישע פיס, אין פוטערנע שטיוול, אַ זקן מיט אַ מילדן איקאָנע-פּנים און זילבערנע לאָקן. דער ערשטער גבור פון שטאָט, מיליאיעוו, וואָס פלעגט פאַרקויפן די פויערים פון גאַנצן קרייז אויף אויסצאָלן, מיט שווערע פּראָצענטער, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס. פון אָנטועכץ זענען אויף אים פאַרבליבן בלויז טראַנטעס און די שטיוול. נאָך די סוחרים, זיי אונטערטרייבנדיק, האָט געפאָכעט מיט אַ שווערן רוקער פון אַ טויער, אַ הויכער געל-פּנימדיקער פויער אין אַ שמוציקן ווייסן היטל, מיט איין אויער, אין אַ צוריסענעם אלופּ. ער האָט הויך געשריגן, אונטערזינגענדיק:

— בירגער! קוקט! אָט—אָ—די אָ האָבן אַרויסגעפירט מעל! קוקט! אָט די, אונזערע בורזשואַזן, די הויט-שינדער!

פון דער זייט, אין איין ריי מיט די סוחרים, האָט געמאַכט מיט די הענט אַ זעלנער, אין אַ שמוציקן שינעל, מיט אַ רוק-זעקל אויף דער פּלייצע אויפגלאָצנדיק די אויגן—בלויז זיי האָבן געלעבט אויפן גרויען, אויסגעמאַטערטן ערדישן פּנים,—האָט ער ווילד געשריגן:

— אימפּעריאַליסטן געכאַפּט! אָט גייען זיי! שלאָג די אימפּעריאַליסטן!

אין המון אויף אַלערליי קולות אויסגעשרייען:

— שלאָג זיי, די גראָבע מאָרדעס! האַ—האַ—אַ!

— די גערעדעים לאָזט זיי אַרויס!

— שטאָפּט זיי אָן די בייכער מיט מעל!

— איצט איז פרייהייט און זיי פירן די מעל אַרויס!

— אַלץ די ערשטע גילדע!

— דערלאַנג זיי אין דער ערשטע גילדע!

— ס׳אראַ ווילדקייט! ס׳אַרא אכזריות! ווו איז די מאַכט?...
דאָס גייט זעלענקאָוו, פּאַראַויס?

— ווילדע חיות! אויסוווּרפן!... זיי וועלן זיי טויטן! לייג זיך נישט אַרויף אַזוי, פּאַרכוטש! די גאַנצע פּלייצע דורכגעהאַקט!

— רבונו־של־עולם, וואָס טוט זיך דאָ? רבונו־של־עולם׳ וואָס טוט זיך דאָ? מען האָט זיי שוין געשלאָגן?

— סענקאַ—א, קריך אַדורך אָט—דאָ—אָ! אַלע זעקס זעט מען דאָ!

— בי—יר—גע—ע—ער! אָט־אָ דאָ־אָ האָבן די מעל אַרויס־געפּירט!

זיבן סאָלדאַטקעס האָבן געקוויטשעט נעבן די סאַמע סוחרים, אָנשפּרינגנדיק אויף זיי פון אַלע זייטן, זיך מיענדיק אַ קלאַפּ צו טאָן אין גאַנג, אונטערשפּרינגנדיק ווי אין אַ ווילדן טאַנץ. פּראַס־קאָוויאַ סעמענטשיכע האָט אַלעמען איבערגעשטיגן מיט איר גע־קוויטשעריי:

— איך האָב נישט קיין מעל אויף אַ זויער־טייג! אויף זויער־טייג סטאַיעט נישט!

אַ דאַרער, קאַסקער קוריער, מיט איין האַנט, האָט איילִיק, ברייט געשפּרייזט נאָך די סאָלדאַטקעס, כדי נישט אָפּצושטיין פון די סוחרים, זיי נישט פאַרלירן פון אויג, און מיט אַ פּריילעכן, זיך־פאַרגייענדיקן טענאָרל געטענהט אויפן קול:

— באמת, זיי האָבן דאַרט כלערליי פּראָוואַנסער בוימאייל, און מיר האָבן נישט אויף קיין מעל! און ווו נעמען, אַז יעדן טאָג שטייגט ווי אויף הייוון! יעדן טאָג! שלאָגן דאַרף מען זיי! איך בין מסכים.

געדיכט און ווילד האָבן געליאַרעמט די פויערים, וואָס זע־נען זיך אָנגעלאָפן פון די אכסניות.

— פון אָט—אָ—דעם דאַרף מען די הויט אַראָפּשינדן!

יעדן פוד האָבן מיר באַגאָסן מיט אונזערע טרערן, און וואָס האָבן מיר איצט?

— מיר האָבן זיך אונטערגעריסן אויפן ברויט, און זיי־לעקן אָפּ אַ בייגדל!

אין פויערן בלוט האָט זיך צעשפּילט די באַליידיקונג פון אייביקן צינז־צאָלער, דער ווייטאָק פון האָרב, וואָס איז אָנגעהאָרעוועט געוואָרן צוליב אַ צווייטנס וואוילטאָג.

האָט זיך צעשפּילט סטיכישע פויערשע שנאה צו ליידיקגייערס.

— דעם בויך האָבן זיי אָנגעגאָסן! אויף אונזער ברויט זיך אויסגעפּאַשעט!

— שלאָג זיי, די געמיינע הינט!

אויפן ראָג, ביים הויכן גאַניק פון אַ גרויסער אַפּטייק, האָט דער הויכער, אין היטל מיט איין אויער, אָפּגעשטעלט די סוחרים. תּיכּף האָט זיך דער המון אַ לאָז געטאָן אויף זיי. די דאָרפישע האָבן אַלעמען אָפּגעשליידערט און געשלאָגן פלייסיק, שטאַרק, מיושבדיק. ווי זיי וואָלטן דרעשן תבואה. די סאָלדאַטקעס האָבן שאַרף געקוויטשעט, צעדולטער זיך געשטופּט צווישן עולם און צו די סוחרים, וואָס זענען געלעגן אויף דר׳ערד. זיי האָבן זיך געזידלט מיט לאַנגע, נבוולדיקע פראַזן און געיאָמערט אויף זייער שווער לעבן.

ס׳איז אָנגעלאָפן אַ רייטער־אָפּטיילונג מיליציע מיטן מיליציעשעף פאַראויס. צעטרייבנדיק מיטן פערד דעם עולם, האָט ער געשריגן:

— העי דאָרט, הערט אויף! העי, איר, הער...

ער האָט גישט באַוויזן צו פאַרענדיקן, פּראָסקאָוויאַ סעמענטיכע האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף זיין רעכטן פוס און אים גענומען שלעפּן פון פערד. אַ שטאַרקע, ברייט־פּלייציקע סאָלדאַטקע האָט אים אַרומגענומען פון דער צווייטער זייט מיט די הענט ביים גאַרטל. ער האָט בלויז באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן:

— צוואָס שטעקט זי די הענט אין מיינע קעשענעס?

און געפלויגן פון פערד מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— אָט האָסטו דיר קאָמאַנדער, שטיי אויפן קאָפּ.

די ווייבער האָבן אים אַ שטעל געטאָן מיטן קאָפּ אין שניי, און אונטערגעהאַלטן ביים גאַרטל. האָט דער קאָמאַנדיר גענומען דריקן מיט די פיס אין דער לופטן. דער עולם ליאַרעמט, פּלאַצט פון געלעכטער.

— כוואטסקע ווייבער! אויסגעלערנט שטיין אויפן קאָפּ.

פּראָסקאָוויא האָט זיך נישט איינגענומען:

— אַ גלאַטער אָגער! ליטקעס ווי ביי אַ ווילדן חזיר!

— טאַפּ אים נאָר גוט אַרומעט! אַ פיינער יונג.

— האַ—האַ—האַ... האַ—האָ—האַ...

— שלאָג זעלענקאָוון! ער האָט גענוג געריסן אויף אונז!

— אויפהייבן די סוחרים! ווייטער פירן!

דער מיליציע-שעף האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון די ווייבערשע הענט. אין צעריסענע הויזן, אַ צעמויקטער. צופרידן געווען, וואָס, ע״פּ נס, האָט מען דעם רעוואָלווער נישט אָפּגעריסן פון בענדל. אָבער שיסן האָט ער נישט געוואַגט. איז ער אַוועקגעלאָפן אין איספּאָלקאָם. דאָרט האָט ער וועגן אַלץ אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט פאַר אַ מיטגליד פון מיליטער-שטאַב. זיך פאַרענטפערט:

— וואָס הייסט שיסן? אויף שטיקער וואָלטן זיי צעריסן פאַרן ערשטן שאָס. כ׳בין באַדעקט מיט סיניאַקעס. זיי האָבן מיך איינגאַנצן צעקנייפּט, די מכשפות!

דער מיטגליד פון מיליטער-שטאַב, אַ הויכער מיט אַ גרויסער נאָז און אין ברילן האָט געלאַכט:

— נו, ווי אַזוי האָבן זייך די ווייבער אָנגעלערנט? האַ?

אין איספּאָלקאָם איז געקומען צולויפן אַ ציטערנדיקער, מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענער אונטערשטער ליפּ, דער געוועזענער פאָרזיצער פון דער קרייזישער „זעמסקע אופּראַווע״, דער סוחר טיטאָוו. מ׳האָט אים צוגעלאָזן צו יענעם מיט דער גרויסער נאָז.

— וואָס ווילסטו?

— ראַטעוועט... באַהאַלט... אַ לינטש-געריכט... אויך מיך זוכט מען.

דער הויכער האָט רוי׳ און מיט פאַראַכטונג געזאָגט:

— אויסבאַהאַלטן קען איך נאָר אין תּפיסה. כ׳וועל גלייך אָנשרייבן אַן אָרדער. גייט, מ׳וועט אייך דאָרט אָננעמען.

— כ׳דאַנק אייך... כ׳וועל אייך קיינמאָל די טובה נישט פאַרגעסן... אַ דאַנק. גיכער שוין דאָס אָרדערל.

דער הויכער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אָנגעשריגן אַן אָר־דער, אָפּגעגעבן טיטאָוון און, פאַרריכטנדיק אויפן קאָפּ דאָס לע־דערנע היטל, איז ער אַוועק אויף דער הויפּט־גאַס, ווו ס'האָט גע־בושעוועט דער המון. ווען ער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן המון, האָט ער געזען: אויפן גאַנעק פון אַפּטייק איז אַרויסגעשפּרונגען אַ הויכער, שלאַנקער בחור מיט ברענענדיקע אויגן און אַ בלייכן שיר נישט בלוילעכן פּנים. זיין יונגע שטים האָט זיך אַרויסגעריסן אין אַ שאַרפן, קלינגנדיקן, פאַריאושט געשריי:

— חברים !... חברים !...

דער געל־פּנימדיקער אין דער פּאַפּאַכע האָט זיך אומגעקוקט און אַרויסגערעט:

— אַודאי זעלענקאָווס אַ פּלימעניק.

— אַ—אַ—אַ. נו, יע... אַ האַ—אַ...

און ווידער האָבן ווייבער די ערשטע צורעכט געמאַכט דעם „פּלימעניק". די פּויערים האָבן זיך אַ נעם געטון. און גיך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אויסגעצויגן. דער מיטגליד פון מיליטער־שטאַב האָט געזען אין המון רויט־גוואַרדייער. נישט נאָר זיי האָבן נישט געשטערט דער עקזעקוציע, נאָר זיי האָבן מיטגעפּילט. עס איז געווען קלאָר פון זייערע באַלעבטע פּראַזעס, פון דעם העלן גלאַנץ פון די שנאה־פולע אויגן. זיי איז פאַרשטענדלעך געווען דער צאָרן פון המון, ווייל אַ בלוט־קרובהשאַפט האָט זיי צענויפגע־בונדן מיט די פּויערים, וועלכע האָבן געשלאָגן, ווי זיי וואָלטן דרעשן מיט דרעש־אייזנס. דער המון איז שוין אָבער אָפּגעקילט געוואָרן. ער איז שוין זאַט געוואָרן מיט נקמה. דער הויכער מיט־גליד פון מיליטער־שטאַב האָט זיך אויפגעהויבן אויפן גאַנעק פון אַפּטייק, פון וואַנעט מ'האָט שוין געהאַט אַראָפּגעשלעפּט פינף פאַר־שוין. מיט אַ מוטיקן הילכיקן קול געפרעגט:

— וואָס טוט איר, חברים ?

אין דער פּשוטקייט, אין דער קאַלטער קלאָרקייט פון דער דאָזיקער פראַגע איז געלעגן אַ מאָדנע רויקע איבערצייגנדיקע קראַפט.

מ'האָט אָנגעהויבן שטילער ווערן, אָפּרייסן זיך פון די קרי-
בנות.

אומזיכער האָט זיך געהערט אַן אייגזאַמע מענער-שטים:

— מען דאַרף דעם אויך אַראָפּשלעפּן!

דער הויכער אויפן גאַנעק האָט דערהערט. רויק זיך אָפּגע-
רופן:

— שלעפּט אַראָפּ. כ'בין אָן אַ וואָך, און כ'וועל זיך נישט
פּאַרטיידיקן.

אַלס באַווייז האָט ער אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך,
דערנאָך זיי אַראָפּגעלאָזט, און ווי פרינדיק אַ רויקן שמועס, האָט
ער ווידער געפרעגט:

— וואָס האָט איר זיך, צו אַלדי רוחות, גענומען צו די דאָ-
זיקע אָ? מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן מיט זיי. איר האָט
זיי דערהרגעט אויפן גאַס, וועט מען נאָך אייך האַלטן פאַר מער-
דער און זיי פאַר קדושים. פּירט אָפּ די לעבעדיקע אין תּפיסה!
דאָרט וועט מען אָננעמען. אָקאָרשט האָט מען אַרעסטירט נאָך אַ
צענדליק. מיר וועלן זיי אָנלערנען, זייט רויק! מיר קענען די
מלאכה! און די, די טויטע און צעמטיתטע, שלעפּט אוועק אין
שפּיטאָל.

קאַלט בלישטשנדיק מיט די ברילן, רויק, ווי ס'וואָלט
גאָרנישט געשען, אַ זיכערער אין זיך, ווי אַ גוטער חיות-
צוימער, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון גאַנעק און געגאַנגען צו די
צעהרגעטע. אין די הינטערשטע רייען האָבן זיך נאָך געהערט גע-
שרייען:

— און וואָס וויל דער דאָ?

— פאַר וועמען בעמט ער זיך אָן? פאַר וועמען שטעלט
ער זיך איין?

— שלאָג!

אָבער אינמיטן, אַרום הויכן, איז מען שטיל געוואָרן, מ'האָט
אים אָפּגעטראָטן דעם וועג. רויק האָט ער אַ קוק געטאָן אויף די
צעשלאָגענע, ווי ער וואָלט זיי ציילן, זיך אומגעדרייט און אוועק

אין איספּאָלקאָם. פון המון האָבן זיך באַוויזן די צו־זיך־געקומענע מיליציאָנערן.

די טויטע: זעלענקאָוון און דעם רעאַליסט, און די דריי, וואָס מ׳האָט אַזוי צעשלאָגן, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט אויפהייבן, האָט מען אַוועקגעשלעפּט אין שפּיטאָל. די צוויי, וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן און געקענט, ווי עס איז שלעפּן די פיס האָבן רויט־גוואַרדייער אָפּגעפירט אין תּפיסה.

אַרטאַמאָן פּעגיק, וואָס האָט ווילד געשלאָגן די סוחרים צוזאַמען מיט די אַנדערע פויערים, האָט אָפּגעכאַפּט אָטעם, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס — און זיך אומגעקוקט. דערזעענדיק סאָפּראָנען, האָט ער גענומען גיין צו אים איבערן גאַס, איבערן ווייכן שניי, וואָס האָט געשיינט פון רויטע פלעקן, מיט געלאַסענעם פויערשן גאַנג.

— הער־נאָר, סאָפּראָן! ווער איז ער, אָט דער ערנסטער אין די ברילן?

— פון מיליטער־שטאַב.

— אַן ערנסטער, און פונדעסטוועגן... נישט פון די שרעקעוודיקע!

— די גאַנצע מלחמה אויפן פראָנט געווען, פאַרוואָס זאָל ער מורא־האָבן? וואָלט ער געווען פון די „טיל"־העלדן, וואָלט ער שוין לאַנג געמאַכט פיס!

און דער נישט שרעקעוודיקער איז געגאַנגען און געטראַכט;

— זיי האָבן געקענט צורייבן! שוין איינגעמאַטערט, אָנגעזעטיקט. די דאָרפישע חיות האָבן ערנסט געאַרבעט. יאָ־יאָ, סטיכיע! אויך מיר וועלן נאָך האָבן פון איר צו זינגען און צו זאָגן... יע!...

און אָט אַ געוויינטער האַנט־באַוועגונג אָנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער.

סאָפּראָן מיט געהאַלטן פון דער עקזעקוציע:

— ווען וועסטו זיך דערוואַרטן אויף זייער שטאָטישער, געזעצלעכער אָפּרעכנונג? אַ פּאָר אַראָפּ פון מאַרק, איז ווי געפונען!

אין שטאָט איז געווען אומרויקער, ווי אין אינטערנאַציאָנאַלאָווקע. דאָרט אין דאָרף, אונטער סעקטאַנטישער ווירקונג, האָט מען

נאָך נישט־דרייסט און נישט־געשיקט צוגעמישט דאָס נייע צום אַלטן. מ'האָט מערער געטומלט, נאָר ווייניקער צעשטערט. אָבער אין שטאָט האָט שוין געהוליעט שכּרות פון נקמה און פּאַנאַנדערגעגאָסענעם צאָרן אין די נעכט פלעגט מען שלעפּן מענטשן פון איינגעזעסענע נעסטן, אָפּפירן אין תּפיסה, אָפּנעמען דאָס גוטס. דער דאָזיקער אומרו האָט געשטאַרקט סאָפּראָנס שנאה צו די בורזשויען, צו די ריינינקע, געבילדעטע. וועגן אַנטאָנינע ניקאָלאַיעוונען האָט ער נישט געטראַכט. ער האָט געהערט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט מיטן אינסטרוקטאָר, האָט ער אים באַדויערט:

— אַ נקבה, אַ גאָרנישט!

איינמאָל ביי געוועזן אויף אַ זיצונג פון איספּאָלקאָם, האָט ער אַ מיטגליד אויסגעזידלט דערפאַר, וואָס יענער איז געווען קעגן קאָנטריבוציע.

— אָט די ווייסינקע איז נישטאָ וואָס צו פרעגן! זיי ווילט זיך אַ הייסע בּלינצע, זי זאָל אָבער נישט בריען. מיטן פוס אין הינטן דאַרף מען זיי געבן! טומלען נאָר, און אַז עס קומט צו עפּעס, זענען זיי גישטאָ אינדערהיים.

יעדע שוואַכקייט און צאַרטקייט האָט אַרויסגערופן ביי אים אַן אויסדרוק פון צאָרן. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די מאַשיניסטקעס אין די אַמטן.

אַלע צאַרטינקע פרייליינס זענען געוואָרן מאַשיניסטקעס.

אין איספּאָלקאָט האָט ער איינער, אַ ליבלעכער מיט געקרייזלטע האָר, געזאָגט אין דער מאַמען אַריין, אַז זי האָט זיך אַזש צעוויינט. האָט ער אויסגעשפּיגן ביים טיש מיט דער שרייבמאַשין און רויק אַוועקגעגאַנגען.

אין שטאָט האָט ער ווידער אָנגעטון מיליטערישע הלבשה. אַז ער פלעגט גיין אין גאַס, אין שינעל, מיטן רעוואָלווער און גראַנאַטן ביים גאַרטל, אַ הויכער און האַסטיקער, מיט אַ שטרענגן בליק, וואָס שלאָגט אָפּ מיט בליי, האָבן אַרטאַמאָן און רעדקין נעבן אים אויסגעזען, ווי שרעקעוודיק־צעטרייפגעקאָרטשעטע אַרעס־

טאַנטן. אָבער צוזאַמען פלעגן זיי געוויינלעך צוגיין בלויז ביזן איספּאָלקאָם.

אַרטאַמאָן האָט נישט ליב געהאַט קיין אַמטן, פלעגט ער אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און זיך פאַרנעמען צו די אכסניה׳ס. דאָרט פלעגט ער אויפזוכן דאָרפס-לייט און פאַרברענגען מיט זיי דעם טאָג. רעדקין פלעגט אַריינגיין אויף אַ קורצע ווײַלע, באַטראַכטן אָנגעכמורעט די באַאַמטע און פאַרבלייבן נאָר אין פאַל, ווען ס׳פלעגט באַשטימט זיין אַ פאַרזאַמלונג. פאַרזאַמלונגען פלעגן פאָרקומען אָפט. רעדקין פלעגט אויפמערקזאַם אויסהערן אַלע רעדנער, אָבער געוויינלעך פלעגט ער צוריקקומען אין אכסניה אַ בייזער.

— ווען דאַרף קיין שום באַשלוס!

פלעגט גיין אין לייען-זאַל, הערן צייטונגען. איינמאָל איז ער אפילו אַריינגעגאַנגען אויף אַ ליבהאָבער-פאָרשטעלונג און לאַנג דערנאָך הייזעריק געזידלט מיט די געמיינסטע ווערטער.

וואַנקע פלעגט גאַנצענע טעג פאַרפאַלן ווערן אין דרוקעריי. איינמאָל האָט אים סאָפּראָן געשיקט פון איספּאָלקאָם נאָך צייטונגען, האָט ער גענומען לויפן אַהין יעדן טאָג. איז געוואָרן חבר מיט די זעצערס. זיי האָבן אים געגעבן לייענען צייטונגען און ביכלעך. געלייענט האָט ער גיריק, נישט איבערגעקליבן, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן אין די צייטונגען און ביכער. ער האָט קלאָר געזען, ווי פלינק און לייכט עס באַהאַנדלען אַלץ די שטאָטישע און ווי טעמפּ און לאַנג דאָרפס-לייט באַגרייפן יעדעס נייע, און זיין האַרץ האָט געברענט פון באַליידיגונג.

— אַ קונץ, זיי האָט מען געשיקט אין שול! און מיך בלויז איין ווינטער. מער האָט די מאַמע נישט געלאָזט. אָבער, נישקשה! כ׳וועל אַליין דערגיין!

און ווייל דער דראַנג צום וויסן איז אים געקומען פון זיך אַליין, ווייל מ׳האָט אים נישט אונטערגעטראָגן קיין צעקייטס און נאַרהאַפּטיקס, פלעגט ער פאַרלירן אַ סך צייט אויף דאָס אומפּאָר-שטענדלעכע און פאַרמאַטערנדיקעביים לייענען. ער האָט אַנטדעקט שוין פון לאַנג אַנטדעקטע זאַכן, אָבער זיין אייגנס האָט ער נישט

פאַרלאָרן און איז געוואַקסן אַ דרייסטער, אַ זיכערער אין זיך, אַן אייגנגעקשנטער.

מען האָט סאָפּראָנען אין שטאָט פאַרהאַלטן. די לופט האָט אונטערגעשמייכלט פרילינגדיק. בייטאָג זענען פריידיק געשפּרונגען טראָפּנס פון די דעכער. ביז שפּעט אין אָוונט האָבן געהילכט קליינגדיקע קינדערשע שטימעס. אַרטאַמאָן איז אומרויִק געוואָרן:

— מיר וועלן בלייבן שטעקן ערגעץ אין אַ לאָך! דער שניי האַלט זיך שוין קוים! ווען וועלן מיר שוין פאָרן אַמאָל, סאָפּראָן? אַלץ טומל-בומל, און אין דאָרף דאַרף מען שוין די וועגענער פאַריכטן. דער הימל רופט שוין!

סאָפּראָן האָט זיך פאַרכמורעט אָפּגערופן:

— סט'נאָך באַווייזן צורעכט מאַכן. דאָס איז טאַקע דער אומגליק, וואָס מיר זענען צוגעוואַקסן צו דער ערד, און וועגן זיך טראַכטן מיר גאָרנישט, אַז די ערד זאָל זיך אונדז גרינגער געבן. כ'האָב נאָך אַרבעט אין שטאָט.

און אין שטאָט איז אַ געשעעניש. דער איספּאָלקאָם האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז אַכט וויאָרסט הינטערן שטאָט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ קאָזאַקן-פּאָלק, אָדער אַן אָפּטיילונג, אַ סך קאָזאַקן. קערן זיך אום פון פראָנט אין זייערע סטעפּ-דערפער. אויף פערד, אין פולער באַוואָפנונג, און פירן אַפילו מיט זיך אַ לייכטן פעלד-האַרמאַט. די מענטשן, די פערד זענען אויסגעמאַטערט. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, ווי זיי זאָגן, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אָבער דער מיליטער-שטאַב איז אומרויִק געוואָרן. קאָזאַקן — דאָס איז אַ חברה פון אַלטן שנים.

צוואָס טויג זיי אַ האַרמאַט אין דאָרף אַריין? האָט דער איספּאָלקאָם באַשלאָסן שיקן דעלעגאַטן פירן שלום-אונטערהאַנדלונגען: צוואָס און וווהין און פאַרלייגן אָפּגעבן ס'געווער. די דעלעגאַטן זענען צוריקגעקומען בשלום, די קאָזאַקן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסגעבן ס'געווער, באַר זיי זאָגן, אַז זיי זיינען פרידלעכע. מיר גייען, זאָגן זיי, פאַרביי שטאָט, די סאָוויעטישע מאַכט אָנערקענען מיר. האָט מען זיי דורכגעלאָזן, אָבער פון גובערניע-שטאָט איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג צו פאַרהאַלטן די קאָזאַקן. האָט מען אייליק באַשלאָסן נאָכשיקן די רויטע

גוואַרדיע. דאָס איז געווען איר ערשטער אַרויסטריט. ביז איצט האָט זיך די היגע רויטע גוואַרדיע פאַרנומען בלויז מיט אָפּהיטן די שטאָט גופא און מיט אויפמאָנען קאָנטריבוציע אין די דערפער.

צו דער באַשטימטער שעה האָט זיך אַלע גאַסן געגומען ציען צום איספּאָלקאָם דער פרייער, געדוגגענער חיל. א רווישיקער, א דרייסטער, פאַרשידן־ליידערדיקער המון. מ'איז געגאַנגען מיט ביקסן, איינע מיט שינעלן, ווי זעלנער, די צווייטע אין פּויערשע סער־מיאַקעס און שווערע שטיוול, די דריטע אין שטאָטישע טראַנטעס, מיט צעפאָרענע לאַטשן אויף די פיס, די פּערטע — אין זאַכן פון פרעמדע פּלייצעס, קריגס־געפאַנגענע. שפּעטער פאַר אַלע, באַזונדער, איז אָנגעקומען די קירגיזישע אָפּטיילונג. פאָרויס האָט מען געטראָגן א רויטע פאָן און אויף א פיקע א מעטאַלענע האַלבע לבנה מיט גלעקלעך. קליין־וווקסיקע, קרום־פיסיקע, מיט שטאַרצנדיקע ביינער זענען זיי געגאַנגען אין נישט גלייכע רייען און געזונגען מיט כאָר־כלענדיקע קולות א קירגיזישע ליד. ווי זיי וואָלטן שפּילן אויף עפּעס א האַלב־פאַרגעסענער דודע, וואָס איז אָבער אַמאָל אַלע־מען נאָנט געווען און האָט אַלעמען געריירט. און אַלס ענטפער אויף דער ווילדער ליד האָבן פון איספּאָלקאָם־גאַניקל אַראָפּגעקלונ־גען באַגריסונגס־ווערטער, וואָס האָבן געמונטערט מיט זייער העזה־דיקייט און נייקייט:

— די רויטע גוואַרדיע, די ערשטע פרייע אַרמיי פון אַר־בעטנדיקע אין רוסלאַנד, שויץ פון דער רעוואָלוציע...

די דאָזיקע אויסמישונג פון דער קירגיזישער ליד, מיט דעם אומזיניקן ליאַרם פון דער פאַרשידנפאַרביקער, פאַרשידנשפּראַכיקער פאַרשידנקולותדיקער מאַסע דאָ אויף דער גאַס פון פאַרוואָרפענעם עק, מיט די ווערטער פון גרויסן פאַרנעם, אמת פייערלעכע, וואָס ברויזן מיט מוטיקן אַרויסרוף צו אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען, — איז געווען ווילד, שרעקלעך און ס'האָט געמונטערט די נשמה מיט דערהויבנקייט, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך געווען דעם אָפּגעריסע־נעם הייפל, דער מחנה מוטיקע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אַלע שטעטלעך פון דער אויפגערודערטער ר. ס. פ. ס. ר. כדי צו באַ־מיסטיקן מיט זיך אירע פעלדער.

די דאָזיקע גרויסע ווערטער זענען געווען פאַר זיי בלויז דער רוף פון זייער אייגענעם דאָרף. עס זאָל זיין אַן אייגן פעלד, מען זאָל אויפשניידן דעם בויך דעם וווכערניק מיקאָלאַי סטעפּאַניטשן, אויסגלייכן די אייגענע פּלייצע, דערהערן פון אייגענעם האַלז דעם פרייען אומגעוווינטן געשריי: אונזער מאַכט! מיטן אינסטינקט, וואָס יעדער באַשעפעניש פאַרמאָגט, און באַזונדערס זיי, די פּשוטע און פּרימיטיוו-גאַנצע, — האָבן זיי דערשפּירט די ברייטע פרייד פון וואָגן.

דעריבער האָבן אפילו ניכטערע אין אָט דעם המון אויסגעזען ווי שכּור: זיי זענען פאַרשכורט געוואָרן מיט ווילדער שכרות פון וואָגן. זיי האָבן געשאָסן אין דער לופטן פון ביקסן, געליאַרעמט, געזידלט זיך, נישט מיט כעס — ווויליונגעריש. אַ זעכצניאָריק בלאָנד בחורל האָט זיך געפּלאָנטערט אין אַ לאַנגער, ווייזט אויס טאַטישער, שינעל און פאַרווונדערט-פריילעך געשריגן:

— העי, חברים, כ׳האָב פאַרלאָרן דעם ביקסן-שלאָס! העי, העי, האָט נישט ווער געזען דעם ביקסן-שלאָס?

אַ בערדיקער פראָנט-זעלנער האָט גוטמוטיק אַ זידל געטאָן;

— הינטישער בענאָק דו, טויגניכטס, איצט אַרבעט אָן אַ שלאָס!

— דעם שלאָס פאַרלאָרן, אַ קריגס - מאַן! איצט נעם דער מאַמעס ציצקעס אָנשטאָט אַ שלאָס!

— נישט קיין דערבאַקענער נאָך! וועט צייטיק ווערן, וועט ער זיין אַ זעלנער.

— נישקשה, כ׳על זיך באַגיין אָן אַ שלאָס. כ׳על אים אַזוי אויך, דעם קאָזאַק... זיין מאַמען, אויף קאַשע צערייבן. נישקשה!

און מיט אַן אויסגעשריי האָט ער אונטערגעכאַפּט די ליד:

...מיר שרויפן צו צו די ביקסן די באַגנעטן.

אַ צווייטער, אויך אַזאַ פריידיקער און נישט דערבאַקענער, האָט געשריגן צווישן אַ הויפן קירגיזן, וואָס האָבן צעמישט זייערע רייען:

— העי, הער נאָר דו, דער לעצטער, ווי הייסטו?... מאַל-מאַלאַי-דאַלמאַלאַי, זאָג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער" ווייסט נישט? קענסט נישט?

— דאָס קאָנען מיר! אַ קאָזאַק שיסן.

דער געמישטער ליאַרעם, די אומזיניקע זידלעריי פון דער פאַרשידנפאַרביקער אַרמיי, אַזוי נישט ענלעך אויף דער אַלטער, שכור פון העזה, און אין די רייען אויך שכורע פון בראָנפן האָבן אַרויסגערופן עקל ביי אַ סך צווישן עולם, וואָס איז זיך צו־נויפגעלאָפן קוקן. מענטשן, וואָס זעען נאָר דאָס, וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּן, האָבן אַרומגערינגלט די רויט־גוואַרדייער מיט אַ פּיינט־לעכן ברומען.

— אַן׳אַרמיי אַביסל! ביים ערשטן שאָס וועט זי מאַכן פּיס.

— די שלעסער האָבן זיי פאַרלאָרן! די הויזן האָסטו נאָך, אָדער — אויך פאַרלאָרן?

— זו—ו—ון מיינער, וואָס האָסטו זיך אַריינגעלאָזן מיט זיי? קער זיך אום, וועסט געהרגעט ווערן!

— קיין פּראָנט־זעלנער זעט מען נישט. אָט (די וועלן עס האַלטן מלחמה.

— אַלע קאָמאַנדירן זענען שכור! אַן אַרמיי!

— די קאָמאַנדירן זייערע שפּייען זיי דאָך אין פּנים! שוין איינמאָל אַ דיסציפּלין!

— וואָס פאַר אַן אַרמיי קען דאָס זיין, אַז זי גייט פאַר געלט?

— געפאַנגענע נעמען זיי מיט! מיט אייגענע האַלטן זיי מלחמה, און פרעמדע נעמען זיי צו זיך!

— עך, רוסלאַנד, רוסלאַנד, ביסט פאַרפאַלן! אינגאַנצן פאַרפאַלן!

אָבער אויך אין דאָזיקן געפּילדער האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן געשרייען פון אייגענע. אַרטאַמאָן פּעגיק האָט זיך געריסן, נישט טראַכטנדיק, צי מ׳וועט הערן, צי מ׳וועט זיך אָפּרופן:

— ווער איז פון אונזער דאָרף?... מיטראַכע פּאָנטיאַעוו, צי ווער! געדענק! אונזער וואָלאָסט איז באָלשעוויקעס... האַלט זיך פעסט, חברה!

— טייערינקע! אפילו קיין מיליטערישע מלבושים האָבן זיי נישט אַלע!

— נישקשה, נישט קיין פּריצים — וועלן אויסהאַלטן!

— וואָס שיפּעסטו, וואָס שיפּעסטו, דו בייכיקער? די אָרווי־צירעלעך[1]) דײַנע האָסטו שוין נישט? שלאַנג!

— און ווו האָסטו דאָס געזען אַן אַרמיי? אין דײַנע קאַבי־נעטן? „נישט די אַלטע אַרמיי". ווו האָסטו זיך אויסבאַהאַלטן פון מיליטער־דינסט? וואָסער אַרמיי האָסטו געזען? ווו?

אויפן גאַנעק האָט זיך באַוויזן דער הויכער מיט די ברילן, דער מיטגליד פון פעלד־מיליטערישן שטאַב.

און ווידער האָבן געדונערט, ברעכנדיק די רו פון פאַרוואָר־פענעם ווינקל, גרויסע ווערטער:

— אין ערגיץ אויף די וועלט איז נישטאָ קיין רעפּובליק פון סאָוויעט. אין אייראָפּע דריקט דער קאַפּיטאַל...

דער ווייס־ברעמענדיקער האָט פאַרשטאַנען, אַז די רויטע נוואַרדיע דאַרף אָנשרעקן אייראָפּע, און זיך אָפּגערופן מיט אַ פריי־דיקן, קינדישן אויסגעשריי:

— מיר'ן פאַרשטעמען אייראָפּע, חברים!

וואַנקע, אַ רויטער און פריידיקער, אויך ווי שכור, האָט אָנ־געכאַפּט סאָפּראָנען ביים אַרבל:

— טאַטע, שיק מיך מיט זיי! זאָלן זיי מיך מיטנעמען!...

דער בעטנדיקער קול איז געוואָרן קינדיש, כאָטש תמיד פלעגט ער ריידן, ווי אַ גרויסער, גראָב און געלאַסן. ער וואָלט זיך נישט געשראָקן צו אַנטלויפן אָן טאַטנס דערלויבעניש, אָבער שאַרפער ווי די דערוואַקסענע, שטאַרקער, האָט ער דערשפּירט די דערהויבנקייט פון די גרויסע ווערטער, וואָס האָבן פּלוצים אויפ־געדונערט אין דעם קליינעם שטעטל, און ער האָט זיך דערזען אַזאַ, ווי ער איז געווען אַ קינד, וועלכן מ'קען נאָך נישט טרויען.

— גיב אָפּ, טאַטע!

— אַך דו, שנעק! נאָך צו פרי. כ'וועל נאָך אָפּגעבן...

מיט שאַרסטקער האַנט האָט סאָפּראָן אַ שמיר געטאָן וואַנקען איבערן פּנים און פריידיק זיך צעלאַכט.

און פון דער זייט, ביים פּלויט, שטייט אַ הער אין אַ שוואַרצן

---

1) אָפּיציר'עלעך.

מאַנטל מיט א באַראַשקענעם קאָלנער און גיט אַ געשריי בייז און הויך:

— נישט קיין רויטע גוואַרדיע, נאָר רויטע אויסוורפן!

סאָפּראָן האָט זיך שנעל אַ קער געטאָן, אָבער דער הער איז נאָך שנעלער פאַרשוווּנדן אין המון. סאָפּראָן האָט געדראָט אין המון אריין מיט דער פויסט. ער איז מיט אַמאָל פינסטער געוואָרן, דער־שפּירט: אין די ווינקלען זענען שונאים.

— דרייסט, חברים, פּוס ביי פּוס!

— אין די רייען! העי, שדים, אין די רייען!

— אין די רייען!

איינס... צוויי... דריי...

דער המון האָט געברומט. דער ווינט איז שטאַרקער גע־וואָרן. דער רוסישער פרילינג־חודש איז ווי אין כעס געוואָרן אויף די נייע רוסישע סאָלדאַטן, זיך דערמאָנט, אז ער איז נאָך אַ כמו־רער, אַ ווינטערדיקער...

אַ שניי האָט אָנגעהויבן פאַלן.

— מאַמעלעך, נישט אנדערש, ס'וועט זיין אַ זאַווערוכע!

— אַ זאַווערוכע, איז וואָס! אַ רוס איז געוווינט.

VI

סאָפּראָנען איז דער דאָקטאָר נישט געפעלן געוואָרן. מיט דינינקע ליפּן און באַהאַלט אויס די אויגן.

— מ׳האָט אייך געשיקט, טאָ זייט אייך.

— אָן אייער דערלויבניש האָב איך נישט געקענט הייסן אויפמאַכן די שטוב.

— וואָס איז דאָ צו הייסן? שוין אַוועק יענע צייט, ווען פּריצים פלעגן הייסן! רייסט אָפּ די ברעטלעך און ווינט זיך.

ער שטייט נעבן טיש אַזוי, ווי ער וואָלט מורא גע..אַט זיך צורירן צו אים. די קליידער מיליטערישע, אָבער ריינע. די לינקע האַנט אין אַ שוואַרצער הענטשקע קריכט סאָפּראָנען אין די אויגן. און דער דאָקטאָר טראָגט זי תמיד אויסצובאַהאַלטן אַ צוקאַלעטשטן פינגער.

— איך דאַנק אייך. מאָרגן אָרדן איך זיך איין. און איצט אַ גוטן!

און צום טיר.

— הערט נאָר! ווי הייסט איר?... הער דאָקטאָר! איר זענט אַ מיליטער-מאַן, וואָס?

פון אָנהויב מלחמה אויפן פראָנט. נישט לאַנג זיך אומגעקערט אין שטאָט.

— ביסט אַ מבין! און איך האָב געמיינט אַ „טיל"-העלד

אייזט אויס, לייז האָבן אייך נישט געביסן! און די זעלנער האָבן נישט געשלאָגן?

— וואָס?

ער האָט אויף אַ קוק געטאָן גלייך. נישט קיין גוטער בליק. ער לאָזט נישט אַריינקוקן טיפער.

— מ'האָט אייך נישט געשלאָגן, פרעג איך, נאָכדעם, ווי מ'האָט דעם קיסר אַראָפּגעזעצט?

— איך האָב תמיד ערלעך דערפילט מיינע דינסט־פליכטן.

— הע—הו. קענטיק אַ פלייסיקער. נו, היידא!

ערשט אויפן גאַס האָט דער דאָקטאָר אויסגעשפּיגן. דאָס ערשטע מאָל, ווען אָט דער קלוגער גלחישער זון האָט זיך נישט איינגעהאַלטן, כאָטש ער האָט זיך געטרייסט:

— פאָרט איז דאָ רויקער, ווי אין שטאָט. דעם פעלדשער קומט אַ דאַנק. צונויץ געקומען דער באָלשעוויק.

אָנשטאָט אורלויב, האָט ער געפּועלט, מ'זאָל אים דאָ אַהער שיקן אויף שפּיטאָל־אַרבעט אויף אַ צוויי וואָכן. נו, און דערנאָך וועלן זיך צעגיסן די טייכן. וועט מען אין שטאָט אַריין נישט קע־בען פאָרן. קאָן מען דאָ לענגער פאַרבלייבן. דעם שפּיטאָל האָט מען איבערגעפירט פון ראָמאַנאָווקע אין פּאָקראָווסקיס גוט: איינ־געאָרדנט דאָרט אַ פּאַסיקע געביידע. די שווייגנדיקע הייזער פון דער צעשטערטער פּאַרלאָזענער פאַבריק האָבן זיך אויפגעכאַפּט. בלויז די פריצישע דירה איז געשטאַנען וויסט, ווי אַ קבר, אַ פאַר־קלאַפּטע מיט ברעטלעך. ווען איר האָט טאַקע געבעטן דער דאָקטאָר עפענען — ער זאָל דאָרט קענען וואוינען.

פון שטאָט האָט זיך סאַפּראָן אומגעקערט רויקער און בייזער. ער האָט אין זיך אַריינגעטאָטעמט אומרו — און מיטגעבראַכט אין דאָרף אַריין. די אָרימקייט פלעגט פריער טומלען, ריידן, נאָר אָפּט נאָכגעבן. אָבער וואָס שוואַכער דער ווינטער איז געוואָרן, אַלץ מעכטיקער איז געוואָרן דער רוף פון דער ערד. אַלץ עקשנותדיי־קער האָבן זיך געקלאַמערט אָן זייערע נחלות די ערד־רייכע, און אַלץ אומרויקער און דרייסטער האָבן געשטרעקט צו זיי די הענט די אָן־ערדיקע און ערד־אָרימע. דעריבער האָבן זיי פאַרנומען ד,

אומרו, וואָס סאָפּראָן האָט מיטגעבראַכט, און גלייך זיך אָפּגערופן אויף אי״ר. יונגוואַרג און יונגע פויערים זענען אוועק דינען אין דער רויטער גוואַרדיע. זיי האָבן געדראָט:

— מיט די באַנגעטן וועלן מיר קומען אויף די פעלדער! וואַרט, איר גראָב־בייכיקע!

באַיאָרטע פויערים און זקנים זענען אויך אַ ביסל שכור געוואָרן:

— אַ סוף זאָל דאָס נעמען! אונזער ערד... מיר פאַרצעווען!

אינמיטן דאָרף, אויפן מאַרק, האָט מען אוועקגעשטעלט אַ לאַנגען דראָנג און אויפגעהאָנגען אויף אים אַ גרויסע, רויטע פאָן. ווען אַלטע פויערים און פויערטעס פלעגן גיין מיט אויסגעטראָטענעם וועג אין צערקווע אריין, פלעגט זיך אַ לאַנגער רויטער צונג ווי רייצן פון דראָנג אַראָפּ.

דאָס געבעט־הויז פון די עוואַנגעלישע קריסטן איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרקלאַפּט. פלעגט מען זיך צענויפקלייבן ביים עוואַנגעליסט גלעבאָוו. מ׳פלעגט זינגען דערזשאַווינס אָדע „גאָט״ און פערזן וועגן לעבן, וואָס וועט פאַרוועלקן, ווי גראָז. וועגן די מלוכה־אָרדענונגען האָט מען זיך אָבער געהיט צו ריידן. בלויז אין געהיימע שמועסן מיט גאָט, פלעגט מען בעטן אין געדאַנק: פאַרטיליק די רשעים. די „קופּצעס״ זענען ווי אויסגערונען. אַלע זענען געגאַנגען אין פויערשע סערמיאַקעס. פלעגן אויסקומען אין דער ווירטשאַפט אָן אַרבעטער. פון טרויער איז ביי די רייכע דאָס האַרץ אומרויק געוואָרן, ווי זיי וואָלטן קראַנק געווען. כּלעגן אָפט פאָרן אין שפּיטאָל צום דאָקטאָר. אַ מענטש אַ געלערנטער און ערנסטער, האָט ביי זיי נושא חן געווען. פלעגט מען אים ברענגען מעל, אייער, פּוטער. כּל זמן ס׳איז נאָך דאָ. מ׳נעמט צו קליידונג, בהמות, וועט מען זיך, מסתמא, באַלד נעמען צו פּראָדוקטן אויך. אָרעמע פלעגן קומען זעלטן. קיין צייט נישטאָ און מ׳איז נישט געוויינט זיך היילן.

אין אַ וואָך אַרום נאָכן שמועס מיטן דאָקטאָר, איז סאָפּראָן אַראָפּגעפאָרן אין שפּיטאָל. געבראַכט רעדקינען. פון שטאָט איז רעדקין געקומען אין אַ זעלנערישן שינעל. ער איז אויף אים געהאָנגען, ווי

אויף אַ דראָנג. אָבער פון זיין מיליטערישן אויסזען, איז רעד־קין געוואָרן נאָך שרעקלעכער.

דער דאָקטאָר האָט זיי אויפגענומען אין ווייסן כאַלאַט.

סאָפראָן האָט שאַרף באַטראַכט דעם ווייסן טיש, די סלאָאיק־לעך און גלעזלעך אין שאַפע.

— האָסטו אַ סך אויסגעהיילט? צי אפשר אויפן בית־עולם איבערצייילן?

דער דאָקטאָר האָט איינגעהאַלטן געענטפערט:

— פאַראַן אויך אויפן בית־עולם, אָבער אַנדערע האָב איך געהאָל־פן. דאָרפישע איז שווער צו היילן. זיי לעבן אין שמוץ. סעקטאַנטן, זעט איר, זענען ריינער, דערפאַר, ווייל זיי קענען לייענען און שרייבן.

— זיי האָבן צייט געהאַט זיך לערנען. און דו חבר זיך מיט זיי, חבר זיך, אָבער זיי פאָרזיכטיק! אַ נישט וועלן מיר דיך אַ הייל טאָן, — האָט רעדקין אַרויסגעכריפּעט.

דער דאָקטאָר האָט פאַרדעקט די אויגן מיט די וויעס.

— רפואות פעלט אויס.

רעדקין האָט אַ בליץ געטאָן מיט אַ פאַרדאַכטפולן, עקבערנדיקן בליק.

— און ווו האָבן זיי זיך אַהינגעטאָן? זוך אויס! די רייכע אַלץ אויסגעטרונקען? נו, געגוג פוסטע רייד. גיב עפּעס פּראָשקעס. ס׳ברענט אינעווייניק.

— מ׳דאַרף אייך אויסהערן, אַרומקלאַפּן.

— נישטאָ וואָס צו קלאַפּן! מ׳האָט שוין געקלאַפּט גענוג. אַ גראָז עפּיס גיב, ס׳זאָל זיך גרינגער אָטעמען! אונטער דער לינקער לאָפּאַטקע שטעכט כסדר, ווי מיט אַן אָל.

און זיך פאַרהוסט מיט אַ הוסט, וואָס טרייסלט דעם גאַנצן קערפּער, די אויגן זענען אים אַרויס.

— די לונגען זענען קראַנק ביי אייך. איר דאַרפט זיך גוט דערנערן, נישט איינמידן זיך.

— גוט, באַלד קום איך צופאָרן אין קאַבינעט צו זיך און גלייך אויף דער ווייכער פּערינע. דער קאַבינעט איז אָבער ביי מיר אויף הינערשע פיסלאַך, און די פּערינע איז דין. גיב עפּיס אַ גע־טראַנק! קיין צייט נישטאָ צו באַלעמוטשען!

דער דאָקטאָר האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, געהייסן דעם פעלדשער עפּיס אָנגיסן אין אַ פענכערל. האָט זיך זייער געאײַלט. סאָפּראָן האָט אים שטאַרק געשטערט מיטן שווערן כסדרדיקן בליק. און אין זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט אין קאָרידאָר אַ טומל. און באַלד האָבן זיך צעעפנט די גרויסע, ווייסע טירן. דריי רויט-גוואַרדייער האָבן אַרײַנגעטראָגן אַ פערטן אַ בלייכן מיט אַן איבערגעקרימטן פּנים און צונויפגעפּרעסטע ציין. סאָפּראָן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן:

— פון וואַנעט? ווו האָט מען אים פאַרוואונדעט?

די רעכטע האַנט ביים פאַרוואונדעטן איז צוגעבונדן געווען מיט אַ גאַרטל צו דער טאַליע און אויף דער פּלייצע איז דער שינעל געווען פאַרשטייפט, אַדורכגעזאַפּט מיט בלוט. מ׳האָט אים אַוועקגעלייגט אויף דער לעדערנער סאָפע, און דער עלטסטער, אין אַ האָריק היטל האָט געענטפערט:

— אַ צוזאַמענשטויס געווען, מיט די קאָזאַקלעך. האָט אים איינער צוגעריכט. נישט אינגאַנצן, אָבער שטאַרקלעך!

דער פאַרוואונדעטער האָט געעפנט די מוטנע אויגן און געזאָגט מיט אַ שוואַכן, אָבער דייטלעכן קול:

— דאָס בלוט רינט. זיי אַזוי גוט, פאַרשטאָפּ, מיט וואָס נישט איז!

ביים אויסטאָן האָט ער געוועוועט פון ווייטאָק. אָבער דערהערנדיק דעם דאָקטאָרס: „שלעכט", האָט ער ווידער געזאָגט דייטלעך:

— נישקשה, כ׳וועל אויסהאַלטן...

סאָפּראָן האָט האַרט געזאָגט צום דאָקטאָר:

— זע, היילט אויס!

און איז אַוועק. מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן די רויט-אַרמייער אים נאָכגיין.

אין אַ פאַרטרוילעכן שמועס האָט ער אַלץ אויסגעפרעגט. אין קרייז איז אומרויק. נישט אומזיסט האָט מען זיך געשראָקן פאַר דער קאָזאַקישער מחנה. מ׳האָט זיי צעשלאָגן, אָבער אויפן דאָרף

האָבן אַנדערע געמאַכט צוויי אָנפאַלן. די רייכע אין דאָרף האָבן גענומען בונטעווען.

— וועגן נעבעסנאָוקע האָט מען אין שטאָט אויך גערעדט. אָבער מ'פאַרלאָזט זיך אויף דיר, — האָט געזאָגט דער עלטסטער, סאָפּראָנס אַ באַקאַנטער.

ווען סאָפּראָן איז אַרויסגעגאַנגען מיט רעדקינען פון שפּיטאָל, האָט דער לעצטער געפרעגט:

— דער דאָקטער געפינט זיך אין פּריצישן הויז?

— יאָ.

— המ—הו. און וואָס איז דער שפּיז אויפן הויז?

און אָנגעוויזן אויפן בליץ-אָפּפירער אויפן פּריצישן הויז. ער האָט זיך בולט אויסגעשניטן אין דער לייכטער לופט, וואָס שמעקט מיט פרילינג.

— מ'שמועסט, אויף אָפּצופירן בליצן. אַ געוויטער זאָל נישט פאַרניכטן. פּריצים האָבן מורא. דאַוונען צום הימל, און ווילן זיך באַשיצן פאַר אים.

— און ריידן קען מען נישט דורך אים?

— דורכן שפּיז? ווי אַזוי? מיט וועמען? מיט גאָט אפשר, חאָס?

— און אפשר עפּעס אַ דראָט אונטער דער ערד. איצט זײַ‑ען אַלץ טעלעפאָנען און גראַמאָפאָנען...

— כ'ווייס נישט. מ'דאַרף פרעגן וואַנקען.

אינאָוונט האָט וואַנקע פון אַ ביכל פון ביבליאָטעק געלייענט פאַר סאָפּראָנען און רעדקינען וועגן בליץ-אָפּפירער.

רעדקין האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט. דערנאָך אַ פרעג געטאָן:

— און דאָס ביכל איז ווי, אַ פּולס, צי נישט?

וואַנקע האָט די פראַגע פאַרשטאַנען. שטייט דאָך אויף ביכ‑לעך: פּולער קורס פון געאָגראַפיע, פאַרקירצטער קורס. האָט ער אַ רייב געטאָן דעם שטערן און דורכגעלייענט אויפן טאָוול פון ביכל:

— פאָלקס-אויסגאַבע.

— אהא, פארן פאָלק! נישט אַלץ איז דאָ אויסגעשריבן. די פּריצים ווייסן מער. הער נאָר, סאָפּראָן, כ'דאַרף דיר עפּעס זאָגן, קום־נאָר!

און אַרויס פון שטוב. דאַריע האָט זיך אומצופרידן אָפּגערופן:

— וואָס פאַרא סודות פאַר אייגן בלוט און פלייש!

אָבער סאָפּראָן האָט שטרענג אָפּגעריסן:

— האָב איך זינען דיינע ווייבערשע ענינים!

מיט דאַריען האָט ער גוט געלעבט נאָכן איבערבעטן זיך, אָבער ריידן מיט איר געשעפטלעך, האָט סאָפּראָן, ווי פריער, נישט ליב געהאַט. וואָס פאַרשטייט א דאָרפישע באַבע? וואַנקע איז שוין אַנ'אַנדער זאַך. ער וואַקסט א „בעל־שכל". אָבער אז רעדקין וויל נישט...

אויפן הויף, נעבן שטאַל, ווו א קו האָט זיך אומרויק גע־דרייט, האָט רעדקין געזאָגט:

— צוליב וואָס און צוליב ווען איז צו אונז געקומען דער דאָקטור? פריער האָט מען קוים א פערשאַל [1]) אויסגעבעטן. און איך זאָג דיר — מיט אים איז דעם סוחרס מאָכטערל: כאַנקראַטאָווס מויד. מיט אים, כ'האָב זיך דערוווסט. די רפואה זיינע האָב איך אויסגעגאָסן.

— נו?

— און די קאָזאַקן?

— נו?

— מיט זיי רעדט ער דורך זיין דראָט! ער גיט איבער ידיעות וועגן דאָרף! און וועגן אונזערע זעלנער.

ער האָט עס געזאָגט מיט טיפער זיכערקייט. ער האָט קיין שום ספקות נישט געהאַט. סאָפּראָן האָט זיך פאַרטראַכט. אויפן האַרצן איז אומעטיק געוואָרן: א געלערנטער, ער קען פירן פאַרן באַז.

— גוט, מירן אראָפּנעמען דעם בליץ־אַפּאַראַט, און ווייטער וועלן מיר זען.

---

1) א פעלדשער.

אין דער דאָזיקער שטילער בין־השמשות־שעה, זענען אין פריצישן הויז געזעסן דער דאָקטאָר מיט זיין ווייב. אין גרויסן, גוט געהייצטן, אָבער פוסטן צימער, האָבן זיי זיך נישט געפילט היימיש. ריכטיק ווי זיי וואָלט זיך איינגעגעבן זיך באַהאַלטן אויף אַן אומשטייג־סטאַציע. אָפּרוען זיך פון טומל און געדראַנג. אָבער דער טאָג וועט קומען און עס וועט זיין אַ נחת צו פאַרלאָזן אָט דאָס ווינקל. מיט זיך האָבן זיי בלויז מיטגעבראַכט אַ רייזע־טשע־מאָדאַן און בעט־וועש. זיי האָבן אַריינגעשטעלט אין שטוב צוויי פעלד־בעטלעך און אַ לאַנגגען טיש. די דאָקטאָרשע האָט מיטגענו־מען מיט זיך אַ לאָמפּ. אַ גרויסער, ברענט ער אויפן טיש, און אין די ווינקלען איז פון פוסטקייט עפּעס אַלץ פינסטער. דער דאָקטאָר קוקט אַריין אין אַ בוך, אָבער דערפון, וואָס אויפן שטערן האָבן זיך אים אומרויק געביטן האָריזאָנטאַלע און ווערטיקאַלע קנייטשן, האָט קלערע געוווסט: ער לייענט נישט, — ער קלערט וועגן דאָס זייניקע.

— סאַשע!

— וואָס, קינדעלע?

— אויך דאָ איז שרעקלעך! און ווי לעבן דאָרט די מאַמאַ מיטן פּאַפּאַ...

זי האָט זיך אַ צי געטאָן צו אים, אַ צאַרטע, אַ צוציענדיקע, מיט קרענקלעכן רייץ. אזא, וואָס זאָגט אַמאָל עדות אויף דעגענע־ראַציע. אַ איינציקע טאָכטער ביי אַ פּאָטער, וואָס האָט שטורמיש דורכגעלעבט זיין יוגנט. קינדווייז האָט זי געליטן אויף „טאַנץ פון הייליקן וויט". פון צוועלפטן יאָר האָט געהיילט דער דאָזיקער דאָקטאָר אַזוי ווי אויפגעהיילט. און אַז זי איז אַלט געוואָרן זעכצן, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. באַקומען אַ גרויסן נדן און איר נישט־געטיילטע, פאַנאַטישע ליבע, ווי ס'טרעפט זיך בלויז ביי קראַנ־קע, וואָס לעבן אין טרוים.

ער האָט זי אַ צערטל געטאָן גוטמוטיק, ווי תמיד. אָבער אין די גרויסע, בלויע אויגן איז אָבער דער אומרו נישט פאַרשווינדן.

— נישקשה, שוין נישט לאַנג מיר וועלן איבערוואַרטן. ביי די פויערים איז דאָס נאָר אַזוי זיך, פון אויבן. די סעקטאַנטן זענען

מיט מיר אָפּגעהאַרציק. היינט האָב איך זיך דערוווּסט, אין קריג איז דאָ אַ סך אומצופרידענע. דער קאָפּ טוט נישט וויי? פאַרוואָס אַזאַ טרויעריקע?

— ניין, עפּעס איז אַזוי שווער. פאַרגעפּילן...

— נאַרישקייטן, נערוון.

דער ווינט האָט מיט קראַפט אַ זעץ געטאָן אין די פענסטער, מיט אומגעריכטן געוויין זיך צעזינגען אין קוימען. קלערע האָט געגומען ציטערן, זיך פאַנאַנדערגעווייגט. האָט ער זי איינגענומען איינגעגעבן רפואות. ווען זיי האָבן זיך געלייגט אין בעט, האָט ער באַרעכנט אין קאָפּ די צייט, ביז די קאָזאַקן וועלן זיך צענויפּ־זאַמלען און שטאַרק ווערן.

און סאָפּראָן האָט זיך געדרייט אויף דער הילצערנער, סקריפּנדיקער בעט און געטראַכט: ווי אַזוי נעמט מען צו דעם בלייך־אָפּפירער? וועט גאָרנישט געשען, אַז מ׳וועט אים אָנרירן? און באַשלאָסן: „כ׳וועל אים אַליין צווינגען".

אינדערפרי איז זשיגאַנאָוו לאַנג געווען ביים דאָקטאָר. ער איז געקומען זיך אָן עצה האַלטן וועגן ברוך, און דערנאָך זיך געסודעט מיטן דאָקטאָר לאַנג און פאַרזיכטיק, זיך איינהערנדיק מיט מורא צו די ווענט. דער דאָקטאָר האָט אים אַרויסבאַגלייט אַ פריי־לעכער. אויף די שוועסטער און אויף די נישט פאָלגעוודיקע קראַנק! האָט ער דעם טאָג געשריגן מעשה באַלעבאָס.

און צו סאָפּראָנען איז געקומען צולויפן אויף אַן אַלטער גרויער קליאַטשע אַ יונגער יאַט מיט אַ פאַריסן נעזל, אין אַ גרוי־סער פּאַפּאַכע. ער האָט געבראַכט אַ פאַרסמאָליעטן גרויען קאָנ־ווערט. אין אים: פאַרשטאַרקן די שמירה אין וואָלאָסט.

מיטאָגצייט איז אין שפּיטאָל אַראָפּגעקומען רעדקין. דער שטעמפּל פון טויט איז געלעגן אויף אים, און זינלאָז האָט אויס־געזען זיין רעוואָלווער. טרויעריק האָט ער אַרויסגעסטאַרטשעט פון קעשענע. און אויך דער שינעל איז אויף אים ווי אויף אַ פרעמדע חתונה. דער דאָקטאָר האָט אים געטראָפן אין קאָרידאָר. ער האָט זיך געקליבן שניידן ביי אַ סעקטאַנט אַ געפערלעכע אייטערדיקע

געשווילעכץ. ער האָט אָפּגעגעבן אַלע נויטיקע פאַראָרדנונגען. רעדי־קין האָט אים אָפּגעשטעלט.

— כ׳מוז איבערגעבן אַ דרינגענדיקן באַפעל פון אינטערנאַציאָנאַלער איספּאָלקאָם.

— נו ?

— נישט נו, נאָר פיר אַריין ערגעץ־ווו אַדורכשמועסן זיך אַ וויכטיקער ענין !

— איך האָב אַן אָפּעראַציע. דער קראַנקער וואַרט. כ׳בין איצט פאַרנומען.

— נו גוט. ענדיק. זאָלסט אָבער זיין צו מיטאָג אין איס־פּאָלקאָם ! אַז נישט וועלן קומען זעלנער, וועלן דיך ברענגען צו שלעפּן.

דער דאָקטאָר איז היינט אומגעדולדיק. איז ער אויפגע־קאָכט געוואָרן :

— איך נעם דאָך נישט אַרויס ברויט פון אויוון ! אַ מענטש־לעכן קערפּער שנייד איך ! וואָס הייסט „ענדיק ?“ איך וויים נישט, ווען איך וועל פריי ווערן !

— מען רעדט צו דיר אויף מאַמע־לשון : צו מיטאָג זיין אין איספּאָלקאָם !

דער פּנים האָט זיך אויסגעקרימט, אָבער רעדקינס בליק וואָס שפּריצט מיט כּעס, איז שרעקלעך. האָט זיך דער דאָק־טאָר באַהערשט. פאַרשטיקט האָט ער אַ געשריי געטאָן אין טיר :

— די אָפּעראַציע וועט היינט נישט פאָרקומען ! זאָגט דעם קראַנקן. קומט אַריין אָט דאָ אין צימער !

ער האָט פאַר רעדקינען געעפנט די טיר. און אַ האַלבער שעה אַרום איז ער אַרויסגעקומען אַ בלייכער, מיט אַ שטייף פאַר־פּרעסטן מויל. ביים טיר האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט :

— גיט איבער ! דעם איספּאָלקאָם ; דעם בליק־אָפּפירער האָב נישט איך געמאַכט. אַראָפּנעמען אים וועל איך פּשוט נישט קענען ! איך פאַרזיכער אייך באַכאַמאָל. אַז נאָר די פינסטערניש, די אומוויסנ־הייט . . .

— גוט ! וועסט דערנאָך ריידן !

אין טיר האָט זיך רעדקין נאָך אַ מאָל אָפּגעשטעלט. מיט זיין בּרענענדיקן, וועלפישן קוק האָט ער נאָך אַ מאָל אָפּגעבּריט דעם דאָקטאָר. ער האָט זיך ווי פאַרטראַכט אויף עפּעס, א טאַפּ געטאָן דעם רעוואָלווער. דערנאָך האַסטיק זיך אומגעדרייט און אַ קלאַפּ מיט דער טיר.

ביים מיטאָג האָט דער דאָקטאָר דעם ווייב גאָרנישט געזאָגט. זי האָט אים אָבּער נאָכגעשפּירט מיט אַ טרייען הינטישן בּליק, און האָט פון עסן נישט טועם געווען.

דער ערשטער האָט דערהערט בּיינאַכט דאָס שווערע סקריפּן פון צעגייענדיקן שניי דער הויף־הינט. האָט זיך צעגאָסן מיט אַ ווילדן, אָפּגעריסענעם בּילן. און כמעט גלייכצייטיק מיט אים—קלערע.

זי איז אויפגעשפּרינגען פון בעט, אין אַ לאַנגער נאַכט־העמד, אַזוי געשווינד, ווי זי וואָלט אָפּגעוואַרט דאָס דאָזיקע געבּיל.

— סאַשע, סאַשע!

אין קול איז אַ צאַרטקייט נישט־איבּערצוגעבּן, א נישט־פאַר־געגנלעכער ווייטאק, און ער שלאָפט! ערשט ווען מ'האָט גענומען זעצן אין טיר מיט שטאַרקע פויערשע קלעפּ — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

און סאָפראָן האָט בּאַפוילן:

— איך מיט רעדקינען וועלן דאָ וואַרטן. שלעפּט אים אַרויס אַ שאַד איינצוריכטן דאָס צימער. אַ לעבּעדיקן אַהער.

— ווער איז דאָרט?

— עפן!

— איך קען נישט אַזוי... ווער איז?

— עפן! מ'דאַרף אַ סך אויף אויפצוברעכן די טיר?

אין שטוב האָבּן זיך אויפגערודערט די דינסט און דער שפּיטאָל־דינער יעגאָר. מיט זייער דערשיינען האָבּן זיי ווי אויפ־געמונטערט דעם דאָקטאָר. ער האָט שטייפער דערשפּירט אין האַנט דעם רעוואָלווער. און פון הינטן איז קלערע. זי האָט זיך איינגע־קלאַמערט אין די פּלייצעס מיט די דינע הענט, ווי זי וואָלט זיך וועלן צענויפגיסן מיטן מאַן אינאיינעם.

— ווארט, קלערע... כ׳וועל נישט עפענען! ווער איז?

הינטערן טיר זענען שטילער געוואָרן די קולות. ווי מ׳וואָלט זיך בעראַטן. פֿין דערווייטנס האָט דער ווינט דערטראָגן:

— העי, ווער איז דאָ?

אין שטוב איז מען פֿאַרגליווערט געוואָרן נעבן דער טיר אין דערוואַרטונג. נאָר יעגאָר האָט פֿון הויף די טויערן און די טיר געעפֿנט. ער האָט דערשפּירט: וועסט נישט אַריינלאָזן אין שטוב, וועלן אַלע זיין שולדיק. דער דאָקטאָר האָט געהערט טריט, מען גייט אַוועק. האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און גענומען אַריינגיין פֿון קאָרידאָר אין צימער, אונטערהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט קלערען. און דאָ — פּנים אל פּנים, אין זעלנערישע שינעלן, מיט רעוואָלווערן. ער האָט נישט קיין געשריי געטאָן, ער האָט נישט קיין ציטער געטאָן, נאָר גרוי געוואָרן. מיט אומזיכערער האַנט האָט ער פּרובירט באַהאַלטן דעם רעוואָלווער. זיי האָבן אָבער שוין דערזען. דער פֿאָדערשטער מיט דער פֿאַריסענער נאָז, האָט דערזען.

— מיט אַ רעוואָלווער גאָר, דו אויסוווּרף! היידא! אַזעלכע האָבן מיר אויפֿן פֿראָנט אַסך צורעכט געמאַכט. נישטאָ זיך וואָס צו צערעמאָניען! היידא!

דעם דאָקטאָרס לינקע האַנט האָט זיך אַריס געטאָן אין דער הויך, אין דער שוואַרצער הענטשקע. דער זעלנער האָט אַ טרייסל געטאָן פֿאַר דער רעכטער.

— היידא!

— אַ—אַ—אַ—אַ, כ׳וועל נישט לאָזן! כ׳וועל נישט לאָזן!

קלערע האָט אַזאַ געשריי געטאָן, אַז אַלע ווענט, דוכט זיך, האָט ער דורכגעלעכערט.

אָבער דער ביינערדיקער, דער מיט דער פֿאַריסענער נאָז און קיילעכדיקע אויגן, וואָס איז געשטאַנען פֿאַראויס, האָט זיך אפֿילו קיין קרום נישט געטאָן.

— מאַך נישט קיין יעלות, קעצעלע! וועגן דיר איז קיין רייד נישטאָ. דאָקטור, נו, לעבעדיקער!

— כ׳וועל נישט לאָזן! רוצחים! תּליינים! אויסוווּרפֿן!

זי האָט געשפּיגן, געריסן, געדרײפּעט. ווי אַ ווילדע קאַץ זיך געוואָרפֿן.

זי האָט נישט געלאָזן נעמען דעם דאָקטאָר. אין די צאַרטע הענט איז אַ אומבאַגרײַפֿלעכע קראַפֿט. דער מיט דער פּאַריסענער נאָז האָט זיך אַזש פֿאַרוווּנדערט.

— אָט, אַן אויסוווּרף! אַ מגפֿה, דוכט זיך, אַזאַ פּעסטע! שלעפּ זי מיט אים צוזאַמען.

האָט איר איינער פֿאַרדרייט די הענט אויף הינטן, גענומען שלעפּן זי איבער דער פּאָדלאָגע, ווי אַ באַראַן אָפּצושנײַדן. זי האָט געשריגן, זיך אָפּגעשלאָגן. צוויי האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם דאָקטאָר. די גאַנצע דינערשאַפֿט האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

אויפֿן פּלאַץ, פֿאַרן שטוב, זעען זיך די שוואַרצע שאָטנס פֿון סאָפּראַנען און רעדקין. קלערעס שאַרף־קלינגנדיקער געשריי הילכט איבערן פּלאַץ. הינטער די פֿעסט־געשלאָסענע טירן זעענען אָבער נייע מענטשן. זייער אייגענער געשריי האָט קיינעם נישט געריסן אין אויער, און זיי הערן נישט קיין פֿרעמדן. בלויז אין שפּיטאָל־קיך האָט זיך אָפּגערופֿן מיט געוויין פּעטקע דעם וועכטערס.

סאָפּראָן האָט באַפֿוילן:

— פֿאַרשטאָפּ דעם פּיסק איר. צוואָס האָסטו זי אַהערגע־שלעפּט?

— זי לאָזט נישט אָפּ.

דעם עק פֿון קלערעס לאַנגער העמד האָט דער מיט דער נאָז אַרײַנגעשטופּט איר אין מויל, די הענט האָט ער פֿאַרדרייט — און האַלט. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער דעם הונט דערלאַנגט.

— הער, פֿריץ איינער, באַלד וועט זײַן דײַן סוף. זאָג, וואָס האָסטו איבערגעגעבן די קאָזאַקן דורכן בליץ־אָפּפּירער.

סאָפּראָנס קול איז קלאָר און שטרענג. דעם דאָקטאָרס קול איז מיט אַ כריפּ.

— דורכן בליץ־אָפּפּירער קען מען נישט ריידן.

— אַהאַ, מ'קען נישט. אַ—איינס!

דער דאָקטאָר איז אומגעפֿאַלן, דער מיט דער נאָז האָט זיך

פּאַרקוקט, שוואַכער געמאַכט די פויסטן, און קלערע האָט זיך אַרויס־געריסן.

— תּלינים! רוצחים! סיווּוי איז שוין נאָנט אייער סוף! סאַשע! סאַשע!

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ ריר געטאָן, ווי די פרוי וואָלט אים לעבעדיק געמאַכט מיט איר שוידערלעך געשריי, מיטן געשריי פון די לעצטע, באַלד־געענדיקטע כּוחות.

— אהאַ, צוזאַמען ווילסטו? גיי אָפּ, דו נאַרישע.

— צוזאַמען וויל איך! אינגיכן איז אייער סוף. צוזאַמען! מיט איר גוף האָט זי פאַרשטעלט דעם מאַן.

סאָפּראָן מיט רעדקינען צוזאַמען:

— אַ—איינס! אַ—איינס! אַ—איינס!

סאָפּראָן האָט פּרובירט מיטן שטיוול. טויטע.

— וואָס אמת, אַ באַבע, שוין איינמאָל. היי, שלעפּט פאַר די פיס אין גרוב! אָט איז דאָ אַ טיפע מיסט־גרוב.

ווען זיי זענען צוריקגעגאַנגען, האָט סאָפּראָן באַמערקט אויפן גאַנעק אַ קליין שעפּסעלע. עס איז אַרויסגעלאָפן פון דער אָפענער קיך־טיר און רחמנותדיק געבלעקעט. ערשט נעכטן האָט עס יעגאָר געבראַכט אין קיך, אַן אָקאָרשט־געבוירענס. עס האָט געבלעקעט, ווי עס זאָל וויינען. סאָפּראָן איז צוגעגאַנגען, אויפגעהויבן מיט דער שאַרסטקער האַנט דאָס צאַרטע, ציטערדיקע שעפּסל און עס צוגע־דריקט צום שינעל.

— שעפּסעלע, שעפּסעלע! דו נאַריש באַשעפעניש! האָסט זיך איבערגעשראָקן?

די קאָזאַקן האָט מען אין קרייז באַרויקט. דער פרילינג האָט צוגעהאָלפן. די בלאָטעס האָבן געשטערט די אומצופרידענע מיטן נייעם שטייגער צו פאַרייניקן זיך.

VII.

טאָג נאָך טאָג וואַרפט אָפּ דאָס לעבן אַלס הוצאה, ווי ביינדלעך אויף דער רעכן־מאַשין, די אויסגעלייגטע צייט.

מיט אומרחמנותדיקער גענויִצמעסיקייט ברענגט עס דעם בייט פון פרילינגען און ווינטערס, נישט פלאָנטערנדיק קיינמאָל די צייטן, באַשטימענדיק פאַר יעדן טאָג זיין אומרו און באַרויקונג, זיין צער און פרייד. און וואָס בענטער דאָס לעבעדיקע איז צום בראשית פון זיין, אַלץ צווינגנדיקער איז פאַר אים דער סדר פון דעם דאָזיקן צייט־לויף.

דאָרט, הינטער גרעניץ, ווו שטאָט האָט די לעבנס־זאַפטן אין קאָפּ אַריינגעטריבן, געצווינגען דעם מענטשלעכן שכל זיך ברייטערן און געמאַכט אים העזהדיק און תמיד שאַפנדיק, — דאָרט איז נישטאָ קיין פעסט־באַשטימטע צייט, וואָס באַפעלט: נישט פריער, נישט שפּעטער, שאַף דאָס דייגיקע באַלד. אָבער דאָ, אין דאָרף, ווו די ערד מיט איר פרוכטבאַרן טראַכט, גרייט צו באַפרוכפּערונג, אָדער וואָס טראָגט שוין פרוכט, שטעלט איין פעסטע צייטן, ווען זי האָט נויטיק די כוחות פון שטאַרקן, און אַרבעט איבער איר טרעגירטן, פוירעשן קערפּער, — דאָ אין דאָרף איז מאַכטפול דער גאַנצער פון לעבן־סדר. און אין זיין אומגעזעטיקטן, שלינגען די דאָזיקע כחות איז ער אַחזורות׳דיק:

דאָ איז בײַ די מענטשן שטאַרק דער רוקן-בײַן, אין די אָדערן איז געדיכט די זאַפט פון חיה׳יש בלוט, דער טראַכט איז פּרוכטבאַר, ווי בײַ דער ערד. נאָר די נשמה איז גיריק און קאַרג און ווערט תמיד געפּײַניקט פון דראַנג צו זאַמלען, פון דורשט צו קלײַבן ערדישע פּרוכט פאַר דעם רײַזיקן בויך פון אַלע, וואָס לעבן, געבוירן אָדער דענקען, וואָס קייטלען רינגען צו פאַרלענגערן דאָס לעבן. עפּעס פינסטערס און אַלטס, ווי די ערד, דערדריקט דאָ בײַ אַלעמען די שאַפנדיקע קראַפט פון מענטשלעכן שכל, און אונטערן דרוק פון דער שווערער באַלעבאָסטע-ערד איז דער מענטש פאַרמשפּט צו זײַן בלינד און אכזריותדיק אַפילו צו זיך אַליין. דעריבער עפּענען זיך שווער אויף די טירן פון זײַן נשמה, און מיט חיהשער כיטרעקייט היט ער זיי אָפּ פון ברייטן שווונג פון ווייטאָק אָדער באַגײַסטערונג; און בלויז אין פאַרשכורטקייט צעעפנט זיך דאָס פינצטערע, דאָס גרויסע, דאָס בענקנדיקע נאָך גײַסט, אין שטאַרקן קערפּער פאַרשלאָסענעם. און פריידיקע שכרות נידערט אַראָפּ אויף אים, ווען די ערד גיט אים באַפעלעריש אַ רוף: שאַף, די צײַט איז געקומען.

די ערד האָט באַפוילן די פויערים פון אינטערנאַציאָנאַלאָווקע, אַמאָליקע טאַמבאַראָווסקע-נעבעסנאָווקע, זיך גרייטן צום היי-שניט. האָבן זיי אויפגעברומט, זיך פאַנאַנדערגערודערט, זיך אַ שאָקל געטאָן אויף דרויסן פון זייערע שטיבער, וואָס זענען ווי בײַ חיות צוגעפּאַסט בלויז פאַר ווינטער-שלאָף, און נישט צו געניסן געמיטלעכקייט און שטוביקע באַקוועמלעכקייט. די פויערים זענען געגאַנגען אין וואָכעדיקע הויזן און העמדער, אָבער לעבעדיקע, טומלדיקע. ווי אין אַ חגא זיך צענויפגעזאַמלט נעבן דער גרויסער אַרטעל-שמידעריי בײַם אַרויספאָר פון נעבעסנאָווקע. דער געווירצטער, געדיכטער ריח, וואָס דער ווינט האָט געבראַכט פון די פעלדער, צעפאַרעטע דורך דער זון, און דער געזונטער חיהשער ריח פון פי-מיסט אויף די הויפן, האָבן ווי ווײַן גערייצט דאָס בלוט, געשלאָגן צום קאָפּ מיט שכורנדיקע פרייד, יונגער געמאַכט די פאַרשטיקטע שטימען פון די אַלטע, געשטאַרקט מיט אַ ברוסטיקן טאָן די קלינגנדיקע אויסגעשרייען פון די יונגע, געמאַכט קלינגען

ווי זילבער די קינדערשע ווערטער-גלעקעלעך. אין דער שׂכירות פון הײַנטיקער פרייד איז געווען עפּעס נײַעס. די הינטער-גראָבנדיקע, וועלכע האָבן זיך פריערדיקע יאָרן געמוטשעט באַנגענען מיט אַלע שטראַלטער שׂמחה-שיין פון זייערע בעלי-בתים און וועלכע גלײַכן זיך בלאָזן ביים געדאַנק: משטייגס גענוגט, וואָס מ'קאָן שוין דאָס אנשניידן מיט די קאָסעס. — האָבן היינט געדיכט געדרישעט, זיי שטאַרקע; ווייל נעבן דער שמידעריי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי די שנייד-מאַשינעס אויך פאַר זיי. זון און פרייד האָבן פאַרוואַנדלט די קנייטשן פון אַרטאַמאָן פּעגיקס פּנים אין שטראַלן, די שמוציק-גרויע האָר אין—זילבערנע. אַ קלייניקער און אַ דאַריקער, האָט ער היינט, דוכט זיך, אויסגעגלייכט די פּלייצע, וואָס באַטראַקישע*) אַרבעט האָט אויסגעבויגן, און איז, דוכט זיך, העכער געוואָרן. ווי אַ זאָרגעוודיקער באַלעבאָס האָט ער געשריגן:

— סאַפּראָן, העי, סאַפּראָן! הער נאָר אַרטאַמאָניטש, וויפל שמידן האָבן מיר?

— צע—ען!

— וועט סטייען לויט די מאַשינעס?

און מיט אומרויקן אָפּהילכן צווישן די הינטער-גראָבנדיקע:

— טאָקע, ס'וועט סטייען?

אַריינבציענדיק דעם שווארצן צעקודלדטן קאָפּ אין פּלייצעס, האָט רעדקין אויפגעהויבן צו דער זון זיינע שאַרפע ביינערדיקע באַקן מיט די גריבער, ווי ער וואָלט וואַרימקייט געבעטן. פריידיקע זון-בליקן האָבן באַלעבט זיין געזיכט און דעריבער האָט אויך זיין קול אַרויסגעכריפּעט מיט ווינציקער אָנשטרענגונג, ווי תמיד:

— סאַוואָסקאַ... דער איז אַ אונזעריקער... ער וועט שוין נישט אונטערפירן. מיר וועלן אים אַוועקשטעלן אַכטונג געבן. און אַז מ'וועט דאַרפן, וועלן מיר אַלע זיך אַ נעם טאָן שמידן. וואָלט נאָר זיין צו וואָס!...

דער סעקטאַנט גלעבאָוו — פון אים האָט די זון היינט נישט פאַרטריבן די כמאַרע — האָט זיך בייז אָפּגערופן:

---

*) באַטראַק — דאָרף-אַרבעטער.

— שמידן !... צו אַ מאַשין דאַרף מען רגילות האָבן. אָט אַזעלכע, ווי פּעגיק און רעדקין, וועלן שוין איינמאָל אָנשמידן... ווי נאָר אַ גאַנץ צײַנדל, וועלן זיי עס צעברעכן...

סאָפּראָן האָט מיט חוזק איבערגעהאַקט:

— נישקשה, זאָרג נישט פאַר אונז, עס זיך נישט אָפּ די לע־בער. אַז מירן צעברעכן, וועלן מיר נײַע אײַנשאַפן. אַז מיר וועלן אַליין נישט קענען, וועלן מיר דיך אײַנשפּאַנען: זײַטזשע מוחל, חבר גלעבאָוו, האָרעוועט אַביסל פאַרן פינסטערן פויער! ע—ע—עך, כ׳וועל זיך מכבד זײַן מיט אַ ביסל טיטון. ס׳אַי לעבעדיק!

און מיט נישט געוווינטע פינגער האָט ער גענומען צענויפ־דרייען אַ פּאַפּיראָסל. לעבנדיק אין נאָענטער שכנות מיט די סעק־טאַנטן, האָבן די אינטערנאַציאָנאַלאָוקער פויערים ווייניק געראָ־כערט.

דער קרומהאַלזיקער סאַוואָסקאַ האָט אַ געשריי געטאָן פון דער שמידערײַ־טיר:

— און דו, סאָפּראָן, סטאַרע זיך אויס אין שטאָט מאַכאָרקע פאַר די שמידן. מיר וועלן אָפּדאַנקען! און די, די הינט, בילן, פאַרשטייט זיך, פון בײַזקייט. מיר וועלן דאָס אונזעריקע אָפּטאָן, איר שטייט נאָר נישט אָפּ. אָט צו רייד געקומען, „שטערן־וואַרימער". פאַרוואָס אַזאַ נאָמען פאַר דער מאַשין? ווייל זי וואַרימט דעם שטערן. שטיי נאָר נישט אָפּ פון איר. ווי אונטער מוזיק, בחור׳עך!

— מאַכאָרקע איז אָנגעגרייט. היידאַ, גרייט נאָר צו די מוזיק, מיר וועלן נישט אָפּשטיין. פויערשער עולם פּאַסט זיך צו, מ׳דאַרף נאָר אונטערלערנען. אויף מלחמה פלעגן מיר אונטער אַזאַ מוזיק אויך נישט אָפּשטיין! וואָס איז עפּעס זשיגאַנאָוו אַלעקסיי איוואָנאָוויטש היינט אַזוי רויק? עולם פרייט זיך, און ער טוט קיין פּיפּס נישט. האָט ער זיך מיט עפּעס דערוואָרגן?

— כאַ—כאַ—כאַ—כאַ!

— האָ—האָ—האָ!

— מ׳קען דערוואָרגן ווערן! געהאַלטן, געהאַלטן די מאַשי־נעס פאַר זיך, און איצט, נאַ דיר, דינג זיך אָן בײַ סאָפּראָנען.

— וואָס זאָגט איר, חברה, זאָלן מיר אָנדינגען זשיגאַנאָוון פאַר אַן אַרבעטער? אַ?

זשיגאַנאָוו האָט אויסגעשפּיגן, אַ בלישטש געטאָן מיט די בלויע ווייסלען, אָבער רויק געענטפערט:

— וואָלטן מיר נישט געווען, וואָלט נישט געווען ווי מאַשי־נעס צו נעמען און פון אַרבעט וועלן מיר זיך נישט אַרויסדרייען. ווי מיינסטו, סאַפּראָן, אין די קאָמונעס וועט איר אונז אַריינבעמען?

— אַהאַ, איר׳ט געחוזקט, אָבער איצט האָט איר דערשפּירט?

רעדקין האָט זיך פאַנאַנדערגעשריגן:

— אַזעלכע קאָמונשטשיקעס ציען זיך נאָר נאָך זייערע מאַ־שינעס נאָך. כדי מען זאָל נישט אַרויסצולאָזן! אין האַלדז און נאַקן זיי!..

— פאַרשטייט זיך, אַז אָן זיי!... לאָזן זיי ביי אונז קויפן היי.

— נישט צונעמען!

— און פאַרוואָס נישט צונעמען? זאָלן זיי גיין אויף גלייכע חלקים. זיי האָבן פערד.

סאַפּראָן האָט פאַרענדיקט די מחלוקת:

— זאָלן זיי אַרבעטן דאָ גלייך מיט אונז. מיר וועלן זיי צו־נעמען. דער עיקר, זיי האָבן פערד.

— ריכטיק!...

אַרטאַמאָן פעגיק האָט זיך אינפאָרמירט:

— ווי איז מיט היי, לויט די נפשות וועט מען טיילן? אויב לויט די נפשות, טאָ נעם אָן, ווער עס וויל נאָר,—היידאַ אין שולע פאַרשרייבן זיך אין די קאָמונעס!

— וואָס מ׳האָט נישט קיינמאָל געחלומט אפילו, זעט מען אויף דער וואָר. קאָ—אָמו—ונעס! נו, נו!... מירן זען אָדער מען פליקט די האָר פאַסמעסווייז, אָדער היי סטויגנווייז.

האָט מען זיך אַ שאָט געטאָן אין שול אַריין. שמידערייי האָט זיך אָנגעהויבן הייסע מוזיק פון אַרבעט. רעדקין איז געבליבן ביי די מאַשינעס. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מ׳וועט זיי צו־נעמען. מ׳דאַרף זיי היטן מיט אַ געטריי אויג. דאָס דאַרף האָט געלעבט מיט קלאַנגען פון אויפגערעגטע מענטשלעכע שטימען.

אויף די הויפן האָבן זיך הייס און קלינגענדיק די באָבעס געזידלט.

— איידער צונעמען אין קאָמונע אזא גערעטעניש, איז שוין גלייכער אונזער חזירל !... עס וועט זיך שנעלער א ריר טאָן. וואָס ביי מיר איז א שפּילעכל, איז ביי דיר...

— אַ שפּילעכל ! „קומט מיט אונז"... דו, מאַמינקע, ס'איז דאָך אַ חרפּה צו זאָגן פאַר לייטן : מיט קאַסאַטענקעס מאַריקע האָט די זיך צעגויפגעפּאָרט ! מיידלוויז האָבן איר אַלע אויסגעווייכט, ביז צוואַנציק יאָר פאַרזעסן. האָט זי געפונען אַ פויער לויט איר מאָס...

הינטער דער שמידעריי, אויף דער לאָנקע, קלינגען קינדער:

— אַלע זשיגאַנאָווער מאַשינעס זענען איצט אונזערע !

— אַבי איר ווילט ! אייערע ! און אונזערע ?

— אויך אייערע !

— און זשיגאַנאָווס ?

—„שטייט אויף איר אַלע...

— אַך, דו, די כאָלערע אויף דיר ! דאָס זיבעטע יאָר, און קריכט שוין אויך „שטייט אויף איר אַלע". גיי אין שטוב כל זמן דיין הינטן איז נאָך גאַנץ !

— און דו, מומעלע, ביל נישט אויף אים. דער אַלטער פּריזשים*) איז שוין נישטאָ !

דער גאַנצער פאַרהאָוועטער, הייסער, מיט פעלד-ריח באַהויכטער טאָג, איז געווען טומלדיק, פריידיק. אין איינעם אַ פּרימאָרגן זענען דעלעגאַטן פון די קאָמונעס אַרויסגעפאָרן טיילן די לאָנקעסן אַ טומלדיקער, רעדעוודיקער עולם פון פויערים אין פויערטעס האָב. זיי באַגלייט. די רייטער האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט הילצערנע קלאַפּטער אין די הענט.

— נו, אינזשינערן, נאַרט נאָר נישט אָפּ מיט די מאָסן אייערע.

— וואָס הייסט אָפּנאַרן ? די קלאַפּטערס, ווייסט איר דאָך, זענען אַלטע, געמאָסטענע.

---

*) רעזשים.

דער פֿאָדערשטער רײַטער האָט אַ הויקע געטאָן, און די איבעריקע האָבן זיך אָפּגערופֿן: פֿויערים, דערלעגאַטן פֿון די קאָ־מונעס און קינדער־לעך־פֿרײַוויליקע. פֿון ווילדער סטעפּ־פֿרייד האָבן זיי מישפּאָרן זיך אויסגעבעטן מיט די פֿויערים. די פֿאַרשיידנפֿאַר־ביקע פֿערדלעך האָבן אַ בריקע געטאָן מיט די פֿיס אין דער הויך און זיך צוועקגעלאָזט אין רוישיקער מהנה אין סטעפּ אַרײַן.

און פֿאַרשידנגראָזיקער סטעפּ לאַשטשעט זיך. בוקט זיך מיטן ווײַסן גראָז־בלימל. פֿינטלט מיט אומצאָליקע ווײַסע, רויטע, בלויע אויגן — בלומען. שטעלט זיך אַרויס מיט זײַן רײַכקייט. און ס׳זשו־מעט און קלינגט אין לופֿט זײַן שטים: אין פֿייגלשע טרעלן, אין זשומערײַ פֿון גרילן, אין גערויש פֿון פֿליגעלעך. ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען געשטאָרבן ווינטער. און אַלץ שמעקט אין אים אַזוי גוט. די בלומען — דופֿטיקע, די גראָזן — אַראָמאַטפֿולע, און דער רוסישער בלאָסלעכער הימל שמעקט, דוכט זיך, מיט זון. פֿאַרטראָגט דער ווינט אַ רויכל, איז עס אויך אין סטעפּ הייס, גע־ווירצט און דופֿטיק. אַפֿילו דאָס ביטער־גראָז שפּרייט אויך באַגינען אַ שאַרפֿן, ביז ווייטאָק זיסן ריח. דער סטעפּ איז אינגאַנצן אַ הילי־יקער, אויף אַלץ רופֿט ער זיך אָפּ. אָ—האָ—האָ—האָ! אַ—אַ—אַ! הילכט אָפּ ווײַט־ווײַט. הע—ער! דער סטעפּ גיט איבער די מענטשלעכע שטים. הער. חיהלע, פֿייגעלע, פֿליגעלע, הער מענטשלעכן קול! אַ—אַ—אַ!... די ברוסט ווערט ברייטער פֿון זיך אַליין צום געשריי.

מען איז אַראָפּ פֿון די פֿערד. שפּרייזן מיט הילצערנע קלאָפּטער.

— שטיי נאָר, שטיי!... ווי אַזוי שפּרייזטו? שטיי!

— „שפּרייזטו!“ וועלכע פֿיס איך האָב, אַזוי שפּרייז איך!

— הע—הע! ניין, ברודערל, די שווינדלערשע צײַט איז אַריבער! הויב נאָר אָן פֿון דאַנעט!

און דער סטעפּ רופֿט זיך אָפּ: אַ—אַ—אַ!...

קינדער האָבן געניששטערט אין די קוסטעס, פֿייגעלעך געזוכט, געקוויטשעט, ריכטיק ווי זיי וואָלטן גענומען אַ פּאָדריאַד אויף שרײַען. וואַנקע סאָפּראָנס האָט זײַן גאַנצע געלערנטקייט אָנגעוואָרן אין גראָז. ער האָט געשפּרונגען אויף איין פֿוס און קלינגנדיק געזונגען:

— אַט דאָס סאַמע פייגעלע.
אַט דאָס סאַמע פייגעלע
...! פייגעלע !...

— זיידע אַרטאַמאָן, האָסט נישט געדאַרפט קיין פויגל?

אַרטאַמאָן האָט זיך געוואָלט אויספּײַנען: דערזען אין גראָז און געכאַפּט... אַ שלאַנג. האָט ער זי מיטן גאַנצן כח אַ שליידער געטאָן.

— אַך, די פאַרשאָלטן באַשעפעניש! גאָר פּשוט אזא איינע וועט אַ ביס טאָן.

גלעבאָוו האָט זיך געדיכט פאַנאַנדערגעלאַכט. אויך ער איז סטעפּ פּשוטער און פריילעכער געוואָרן.

— אַט האָסטו דיר, זיידע אַרטאַמאָן, וואָס הייסט פרעמדע ערד אויסמעסטן! אַנשטאָט אַ פויגל — אַ שלאַנג אין האַנט!

אַנשטאָט אַרטאַמאָנען האָט וואַנקע העזהדיק אויסגעשריגן גלעבאָוון אַן ענטפער:

— ס׳מאַכט נישט, שלאַנגען וועלן מיר אייך צוריק אָפּגעבן. נוצט געזונטערהייט — איר זענט קרובים מיט זיי.

גלעבאָוו האָט קלינגנדיק, וואַגיק געמאַכט אין מאַמען אַריין, אָבער מער זיך נישט געמשעפּעט. כאָטש אין שמועס האָט ער אָנ־טייל גענומען. אַ גאַנצן טאָג זענען די לאַנקעס פאַרקלונגען געוואָרן מיט טרעפּלעכע פויערשע ווערטער. פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געוווּסט, געזען אין פאַרשטאַנען, האָבן זיי געהאַט אַ פאַרביקע און פאַקנדיקע שפּראַך, וואָס האָט געקוועלט מיט בילדער, ווי דער סטעפּ מיט בלומען.

שניידן פלעגט מען געוויינלעך אָנהויבן נאָך פּיאָטר־טאָג. הייטיקס יאָר האָט מען געבראָכן דעם מנהג. מ׳איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ גאַנצע וואָך פריער. די אַלטע האָבן זיך געזידלט:

— איר ברעכט אַ מנהג! נישט אומזיסט איז אַזוי איינגע־פירט: די ערד איז פייכט.

— נישקשה, מיר זענען הייסע, מירן אויסטרוקענען!

די ערשטע האָבן זיך געדרירט די מאַשינעס. נאָך זיי ברייטע וואָגנס מיט באַבעס, קינדערשע וויגן, פעסלעך,ביידלעך, העמערס,

בגדים, קעסלען און טעפּעלעך. אַז זיי זענען געקומען, האָט זיך דער סטעפּ אַ וויב געטאָן פון די פאַרשיידענע קולות. ס׳האָבן גענומען פינקלען איבערן סטעפּ ווייבערשע קעפּ, אונטערגעבונדענע, מיט טיכלעך: געל־רויטע, רויט־ווייסע, פאַרשידנפאַרביקע.

די נחלה פון ארטאַמאָנס קאָמונע האָט זיך אָנגעהויבן ביים וועלדל. אַ קליין געקרייזלט וועלדל פון ווייטנס האָט עס אויסגעזען אין סטעפּ, ווי אַ קליינער בוקעט אויף אַ טיש. איז מען אָבער צוגעפאָרן, האָט מען דערזען: אַ שאָטנדיקער און פרייַנטלעכער וואַלד, מיט אַ קאַלטן קוואַל.

האָבן גענומען רודערן אויפן לאַגער־פּלאַץ די באַבעס, האָבן זיך צעוויינט די קינדערלעך. און די פויערים האָבן אַרויסגעפירט אויף דער לאָנקע די מאַשינעס. דעמיאַן קאָלאָסאָוו, פון די הינטער־גראָבנדיקע, איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ שנייד־מאַשין. און אויסגעזען האָט ער פריידיק־אויפגערודערט, אַזוי ווי אין די קינדער־יאָרן, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרייַנגעפאַלן אין אַ צוג.

אינגיכן איז אויפן לאַגער־פּלאַץ געבליבן איין דאַריע סאָפּראָנאָווע — עסן צו קאָכן. ווייט־ווייט, ווו נאָר דאָס אויג גרייכט באַוועגן זיך איבערן סטעפּ מענטשן. וואַנקע סאָפּראָנאָס האָט איבערגעציילט:

— אונזער קאָמונע — אַכט משפחות. פויערים מיט יונגלעך — דרייַצן, באַבעס — זיבעצן. פּאַנטעלייעווער קאָמונע — ניין משפחות... נישקשה, מ האָט אַ לאָז געטאָן אויף דער לאָנקע אַ כוח...

— וואַ—אַ—אַנקאַ! וואַן! וואָס האָסטו זיך פאַנאַנדערגעלייגט, קום!

— אַ—אַ—אַ!

— הי—נאָ—נאָ! נאָ—אָ! פּאַנטעליי, שטייסט נישט אָפּ?

— כ׳וועל נישט אָפּשטיין!... אוליאַ—אַ שאַר צענויף גלייך!..

ביי אַקסיניע־סאָלדאַטקע האָט זיך פון זיך אַליין אַרויסגעריסן פון ברוסט:

— ע—ען, דאָס גרעזעלע האָט זיך הינטערן שנייד־מעסער געלייגט.

די שווייסיקע העמדער האָבן זיך צוגעקלעפּט צום לייב, מיט רויטער פאַרב האָט דאָס בלוט דורכגעבראָכן דעם פּנים, די נאָז־

לעכער זענען מיד געוואָרן אַריינצוזיצען דעם ריח פון אַראָמאַטפולן טויט פון גראָז, די פּלייצעס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שווערקייט פון אָנשטרענגונג, און קיין איין קאָמונע האָט נישט אויסגערופן קיין פּויזע. קיינער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, שלעפנדיק אייגענע לאַסט. סוף כּל סוף האָט אַרטאַמאָן אַ געשריי געטאָן צו זייניקע, אַז ס'איז צייט צו רוען. האָבן די מאַשינעס אָנגעהויבן שטיל ווערן אויף אַנדערע נחלות.

— מאַמ—ע—ע! ריר זיך! מיר גייען עסן!

— קומט זשע! און דריי מאָל גערופן!

טרינקען! קודם כּל טרינקען קאַלטע, דערפרישנדיקע וואַסער. אָפּקילן די פאַרטריקנטע ליפּן. לאַנג האָט מען זיך ביים קוואַל געוואַשן, געפּליעסקעט, געזאָכעט פון קאַלטן וואַסער. נאָכדעם האָט מען לאַנג, מיושבדיק, פלייסיק, — ווי זיי האָבן געאַרבעט, — געגעסן פון אַלגעמיינעם קעסל דאַריעס געקעכץ, און פאַרטרינקען מיט זויערן דאָרפישן קוואַס. נאָכמיטאָג איז דער סטעפּ שטיל געוואָרן, האָבן זיך די מענטשן פון די קאָמונעס געלייגט זיך אָפּרוען און געשלאָפן, און ס'האָבן זיי נישט געשטערט די שטראַלן פון דער הייסער זון, וואָס האָט געשלאָגן אין קאָפּ. ווען דער קערפּער דאַרף שלאָפן, שלאָפט ער, און האָט פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא. אָבער נישט לאַנג האָט זיך צעגאָסן אין גראָז דאָס געדיכטע כראָפּן פון די פויערים און דאָס אונטערכראָפּן פון די באַבעס. די קאָמונע האָט זיך אויפגעהויבן, און ווידער טומל, רעש און ליאַרעם פון אַרבעט. אין אַלטע אַרבעטס-מלבושים האָט זיך פלינק און פרידלעך באַוועגט אויף דער אַלגעמיינער אַרבעט גלעבאָוו. אין היץ פון אַרבעט האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז נישט דער איינציקער באַלעבאָס איבערן פעלד. ערשט ביינאַכט האָט ער זיך דערמאָנט און לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן, כאָטש ער איז מיד געווען פון דער אַרבעט. ער האָט זיך געדרייט און געקרעכצט.

פון ווײַלדל האָט זיך געטראָגן רופנדיקער מיידלשער געלעכטער, האַרמאָשקע-טענער און פרייַלעכע לידלעך פון די יונגען. אַז אויף דער ערד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער צאַרטער פאָרהאַנג פון דער נאַכט, איז יונגוואַרג אוועק וואָס ווייטער פון די לאַגער-

פלעצער. מיט די כוואַליעס פון זייערע צעהיצטע שטימען האָבן זיי געשוויגט דעם נאַכט־פאַרהאַנג. אין די קוסטעס האָבן זיך פאַרלעך הייס אַרומגענומען, זיך שטאַרק געקושט, געליבט זיך. אָבער אַז די קעלט פון פרימאָרגן האָט אַ בלאָז געטאָן און פאַרטריבן פון די לאַגער־פלעצער די מאַטקייט פון שלאָף, און ס׳זענען אויפגעשטאַנען די עלטערע, זייבען אויך די יונגע געווען פאַרטיק, נישט פאַרשפּע־טיקט. זיי זענען אַוועק צו דער אַרבעט און אין שכרות פון גע־שרייען און לידער געריימט די פאַרגאַנגענע, דורך יוגנט דערוואַ־רימטע נאַכט. קריגערייען זענען געווען זעלטן אין די קאָמונעס אין דער צייט פון אַרבעט. צו שטאַרק האָט יעדער געשעצט זיין אייגענעם נוצן, כדי אָפּצושטיין, פאַרלירן אַ איבעריק בינטל היי. איינמאָל האָט סאָפּראָן אַביסל סקאַנדאַלעוועט. ער פלעגט בלויז אָנפירן און ריכטיק בעת זיין קומען האָט זיך אין זייער קאָמונע צעבראָכן די שנייד־מאַשין. איז ער אַוועקגעריטן צו סאָ־וואָסקע־שמיד.

— היידא, ברודער, אין שמידעריי!

— וואָס זאָגסטו צו אים, אַ בעל־טובה? אין קאָמונע טיילט מען לויט נפשות. וועסט נישט אַרבעטן, טאָ זיי מוחל און האָב קיין טענות נישט.

— אָבער ווי קאָן אונזער קאָמונע אָן אַ מאַשין?

— גיי, שניידט מיט קאָסעס!

— כ׳וועל דיר ווייזן „מיט קאָסעס"!

האָסט זיך שטאַרק צעפּעסט, אָבער דערנאָך געכאַפּט זיך סאַוואָסקאַ איז גערעכט. ווי קען ער דורכלאָזן די אַרבעט? און ס׳איז אַרויס אַ באַפעל פון איספּאָלקאָם: די שמידן באַפרייען פון היי־שניידן, אָבער זיי זיי געבן אויך זייער חלק. יעדן טאָג האָט עפּעס אַ נייער צופאַל געלערנט, רעגולירט דעם סדר, און אַלץ זיכערער איז סאָפּראָן געוואָרן און די, וואָס האָבן געהאַלטן מיט אים. טאָג נאָך אַ טאָג דער היי־שניט ענדיקט זיך. קיין חגאות האָט מען נישט געפּראַוועט, כאָטש אמאָל האָט זיך געבענקט נאָך זיי. מ׳פלעגט זיך אָבער אָפּזאָגן; אויף זיך האָט מען געאַרבעט.

מחלוקת האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן, ווען מ׳האָט גענומען

פירן די היי. גלעבאָוו אויף זיינע פערד פירט אַ פור נאָך אַ פור־ און אַרטאַמאָנס פערדל האָט זיך איינגעמאַטערט. האָט ער געקראַצט די פּאַטילניצע, געקוקט אויפן פאַרנעפּלטן הימל און געאָכצט:

— וואָס הויבט מען אָן צו טאָן? דאָס פערדל האָט אָנגע־פייפט! ביים אָרימאַן איז תמיד עפעס אַ סיבה!

וואַנקע האָט געזאָגט סאָפּראָנען:

— וואָס, מיר האָבן דאָס היי צעניפגענומען, צענויפגענומען און איצט וועלן מיר שטיין און זיך באַלעקן? רעגנס וועלן אָנקו־מען, ס׳וועט פאַרפוילט ווערן. אויף דער אייגענער פּלייצע וועסטו נישט אַרויספירן.

— ווער פרעגט דיך! מיר וועלן אַליין, וואָס צו טאָן.

אַ נייער באַפעל האָט איבערגעריסן דעם באַהאַלטענעם צאָרן פון די רייכע. לאַנג האָט זיך געטומלט ביים וואָלאָסט, ווען מ׳האָט געמאָלדן, אַז די פערד אין די קאָמונעס זענען אויך געמיינזאַמע׳ אַז היי זאָל מען פירן אויף אַלע הויפן פון דער קאָמונע נאָך דער ריי נאָך.

סאָפּראָן איז אַרויס אויפן גאַניקל:

— נו, און איר ווילט, עס זאָל בלייבן ביים אַלטן? מיר האָבן זיך אָנגעאַרבעט, און אַלץ פאַר אייך? ניין, יענע צייט איז שוין אַריבער. דער שטעקן איז ביי אונז אין די הענט!

און מיטן פּנים האָט ער אַ ווייז געטאָן אויף די אָנגעקומענע רויט־גוואַרדייער. האָט מען זיך אונטערגעגעבן. בלויז פּאַנקראַטאָוו׳ אַ רייכער פויער פון טאַמבאָווקע, האָט קאַליע געמאַכט זיינע צוויי פערד. זיי זענען קראַנק געוואָרן. אַקטיניע־סאָלדאַטקע האָט באַ־מערקט. צו די פערד האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ וועטערינאַר און פּאַנקראַטאָווס משפּחה האָט מען קיין היי נישט געגעבן. אויך אַנ־דערע האָבן זיך געעמיט: ביינאַכט פלעגן זיי שלעפּן היי פון אַנ־דערע פעלדער צו זיך אין קאָמונע. אָבער די יונגע חברה האָט גוט אַכטונג געגעבן. פלעגן כאַפּן ביי דער האַנט. וואַנקע סאָפּראָנס, אַ פאַר־ברענטער און פריידיקער, האָט אָפּגעהיט אין זיין קאָמונע די ריי:

— העי, הע, בירגער גלעבאָוו, פאַלשעווע נישט! היינט קומט אונז די פרעד. ווו קערעוועסטו?

— כ'ווייס אָן דיר, דו חכם!

— אויף חכמים איז איצט אַ נאָכפֿראַגע. — אָבער נאָכן בויך אָט ביינקסט נאָך דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל! ווי נאָר איינער שטעלט אים אַרויס, כאַפּט ער אים גלייך!

— דו, אויסוואורף, זע זאָלסט זיך אַמאָל נישט איינרייסן... וועסט אפֿילו קיין פּיפּס נישט טאָן! שוין צו פֿלינק געוואָרן און דורכגעטריבן!

— מיר מוזן זיין דורכגעטריבן. ווי הייסט עס: רוסישע פֿידעראַטיווע סאָציאַליסטישע רעפּובליק. היינט נעם און פֿאַרשטיי!

ביי גלעבאָוון האָט גענומען בייסן אין פּויסט, אָבער ער האָט נאָר אויסגעשפּיגן און זיך פֿאַרוווּנדערט: ווי די צונג ביי די יונגע איז שאַרף. ווי פֿעפֿער זענען אין זייער געשמאַקן רוסישן לשון די אויסלענדישע ווערטער.

פֿון פֿרימאָרגן ביזן אָוונט סקריפּן איבערן וועג פֿולע וועגענער היי. די פֿערד טרייסלען מיט די קעפּ, שלעפּן מיט געמאָסטענע טריט צו די הויפֿן פֿון די הינטער־גראָבנדיקע, ווי זיי וואָלטן זיך געוווּנדערט, וואָס די שייערס, וואָס בענקען יאָרן לאַנג נאָך היי, זענען איצט פֿול. די רייכע נעמען אויף די פֿאַרהאָרעוועטע היי נישט מיט פֿרייד. פֿאַר דער צייט פֿונעם היי־שניט האָט זיך געלייגט אויף דער נשמה אַ נייער שיכט פֿון באַליידיקונג. דערפֿאַר אָבער גלעט פֿריידיק איר קו רעדקינס ווייב.

— מיט'ן היי, מיין געלע, מזל טוב דיר! נ—נאַ, שטיי איין! מיט היי...

פֿון מיטן היי־שניט ליגט רעדקין אין בעט, מאַטערט זיך. אין קאָמונע האָט ער ווינציק אָנגעאַרבעט: אינמיט הייסן זומער האָט ער זיך אין פֿעלד כסדר געטרייסלט, געבעטן אויף וואַרימקייט. אָבער אויף זיין משפּחה האָט מען פֿאַרעכנט היי. אַרטאַמאָן פּעגיק איז איינמאָל צו אים געקומען געוואָר־ווערן, האָט ער אַ קוק געטאָן און פֿאַרטראַכט געזאָגט:

— וועסט אפֿשר ווידער נישט שטאַרבן. וואָלסט געדאַרפֿט, ביסט אָבער איינגעשפּאַרט! און דער אמתן, וואָלסטו שוין געדאַרפֿט שטאַרבן אין פֿרילינג, און דו לאָזט זיך אַלץ נישט. כ'ווייס נישט, כ'ווייס נישט! וואָלסט באַדאַרפֿט, — און אפֿשר, כ'ווייס נישט!

דאָס ווייב האָט שוין אויך צוויי מאָל אָנגעהויבן באַוויינען, און דערנאָך פאַרפירט דעם לעצטן ווירטשאַפט־שמועס:

— אין שטאָט האָסטו דאָס קופּערטל פאַרגעסן. למען השם, שיק אַריבער אַנטאָשקען. עס וועט צוניץ קומען פאַר די קינדער.

און רעדקין איז אַלץ נישט געשטאָרבן. געכריפּעט און דעם טויט געיאָגט פון זיך. איינמאָל האָט וואַנקע געבראַכט צו אים דעם געוועזענעם ביבליאָטעקאַר, סערגיי פּעטראַוויטשן. אין דערנערונגס־קאָמיטעט האָט ער איצט געדינט, און איז געקומען צו פאָרן מיט אַן עמיסאַר צענויפקלייבן ידיעות. סערגיי פּעטראָוויטש האָט זייער רחמנות געהאַט אויף רעדקינען, אָבער נישט אויסגעהאַלטן — פאַר־געוואָרפן:

— אָט מאַטערסטו זיך, און ווער ס׳זאָל העלפן איז נישטאָ! פאַרוואָס האָט איר דעם דאָקטאָר אַוועקגעלייגט? אַ הפקרדיקע צייט, אַנישט, פאַר אַזאַ רציחה!...

רעדקין האָט בלויז אַ פּיר געטאָן מיט די אויגן און אַרויס־געכריפּעט:

— פאַרפּייניקט וואָלט ער...

און וואַנקע האָט זיך אָנגערופן, גאָרנישט ווי אַ קינד:

— פאַר וועמען הפקרדיק, און וועמען עס וועט אַרויספירן אויף זיין רעכט. וואָלט ווייטער געבליבן ביים אַלטן, וואָלט מען נאָך אַ סך אַזעלכע געהרגעט! ביי אַזאַ לעבן, ווי מ׳האָט געלעבט, קען מען זיך קיין זאַך נישט אויסלערנען. און פינצטערניש איז אַ בייזע זאַך.

סערגיי פּעטראָוויטש האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף אים און אנטשוויגן געוואָרן.

אין שטוב, אינאָוונט, האָט וואַנקע פּלוצלינג געזאָגט צום טאַטן:

— געדענקסטו, אַ שטאָטישער איז ביי אונז ווינטער געווען? ער האָט ריכטיק געזאָגט: מ׳דאַרף אָפּשאַפן דאָס דאָרף. עס זאָל זיין ווי אַ שטאָט, מיט מאַשינעס. ס׳אַראַ היי־שניט מ׳האָט אויפגעזאַמלט מיט דער מאַשין פאַרן גאַנצן דאָרף!

דאָס אַראָפּנעמען דאָס היי אין קאָמונעס האָט סאָפּראָנס

פּאַרטיי צוגעגעבן קראַפט אין דאָרף. צוויי רייכע פויערים פון נעבעסנאָווקע, פערעגודאָוו אַנטאָן און לאַטאַשיכין פּאַוועל, האָבן אָנגעגעבן אַ בקשה:

„אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פון דאָרף אינטערנאַציאָנאַלאָווקע לויט די אַלטע דאָקומענטן טאַמבאָווסקאַ-נעבעסנאָווקע.

פון די בירגער פון דאָרף אינ-
טערנאַציאָנאַלאָווקע פון זעלבן
וואָלאָסט אַנטאָן מיכאַילאָוו פע-
רעגודאָוו און פּאַוועל מאַקסי-
מאָוו לאַטאַשיכין

אַ ב ק ש ה.

מיר אונטן געחתמעטע אַנטאָן מיכאַילאָוו פערעגודאָוו און פּאַוועל מאַקסימאָוו לאַטאַשיכין זענען דערמיט מודיע, אַז מיר האָבן ערד. אַנטאָן פערעגודאָוו אַנדערטהאַלבן הונדערט דעסיאַטין, און פּאַוועל לאַטאַשיכין — הונדערט מיט צען דעסיאַטין. היות מיר האָבן אָבער איינגעזען, אַז איצט איז די באָלשעוויקישע פּאַרטיי סאַמע ריכטיקסטע, ווילן מיר זיך אין איר פאַרשרייבן און מיט די ערד-אָרימע שטיין צוזאַמען אין איין ליניע, דערפאַר אַז דעם אַלטן מאַנאַרכיזם ווילן מיר נישט. דאָס האָבן מיר מיט אייגנהאַנטיקער חתימה באַשטעטיקט.

אַנטאָן פערעגודאָוו, לאַטאַשיכין פּאַוועל.

סאָפראָן האָט דאָס איבערגעגעבן אויף זיין פאַרזאַמלונג, און מ'האָט באַשלאָסן ביידע אריינצונעמען אין פּאַרטיי, נאָר אַזוי ווי זיי זענען רייך, זאָל מען נעמען ביי זיי אויסלייז-געלט. אַנטאָן פערעגודאָוו דאַרף אָפּגעבן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פון דאָרף אינטערנאַציאָנאַלאָווקע צוויי הונדערט פּוד ווייץ, און פּאַוועל לאַטאַשיכין — הונדערט. ביידע האָבן מסכים געווען און דאָס ווייץ אין אַ וואָך אַרום צוגעשטעלט געוואָרן באָלשעוויקעס.

און די מהומה אין קרייז איז בלויז שטיל געוואָרן אויף אַ אַ צייט. דורך געהיימע וועגן האָבן די נעבעסנאָווקער זיך

דערוווסט, אַז די קאָזאַקן זענען ווידער גרייט אַרויסצוטרעטן קעגן די באָלשעוויקעס און נאָך מיט מער אימפעט. מ׳האָט צוויסן גע־טאָן די רייכע טאַמבאָווסקער תושבים. גלעבאָוו איז אַראָפּגעפאָרן אין קאָזאַקישן דאָרף אויף אַ יאַריד.

ס׳איז געווען חגא, אליהו הנביא׳ס טאָג, האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף אָנגעטרונקען און שלאָפן זיך אָוועקגעלייגט. צען באַוואָפנטע מענטשן האָבן שטיל אין דער פינצטער ארומגערינגלט סאָפראָנס שטוב. סאָפראָן איז צופעליק געווען אויפן הויף. האָט ער דערהערט אַ גערויש.

— ווער איז דאָרט ?

אָבער אַ געשריי טאָן האָט ער נישט באַוויזן. מ׳האָט אים פארשטופט דאָס מויל און געבונדן דעם גאַנצן איספּאָלקאָם האָט מען ביינאַכט פאַרכאַפּט. די באַבעס האָבן פונדעסטוועגן אויפגע־הויבן אַ טומל. אָבער מיט דער הילף פון די קאָזאַקן, האָבן די טאַמבאָווסקער און נעבעסנאָווקער רייכע פויערים זיך אַן עצה גע־געבן מיט דער אָרטיקער וואַך, וואָס איז די לעצטע רויקע חדשים געווען אַ קלענערע. די באָלשעוויסטישע אָנפירער האָט מען פאַר־כאַפּט און די איבעריקע האָבן אַרויסגעטראָגן ברויט מיט זאַלץ.

אַז עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָט מען אַרויסגעשלעפּט די געבונדענע הינטערן דאָרף צו דער עקזעקוציע. דער אויפוואַכנ־דיקער טאָג האָט באַגעגנט דעם ליאַרעם פון די מענטשן מיט אַ מילדן פרימאָרגן־ווינטל. עס האָט באַוועגט די האָר אויף די קעפּ פון די געבונדענע, ווי עס וואָלט צערטלען אין לעצטן טאָג. דער דאַרער און געלער זשיגאַנאָוו האָט אָנגעהויבן :

— נו, סאָפראָן אַרטאַמאָניטש, קאָמונעס ? מאַשינעס אָפּנע־מען ? אָט האָסטו דיר פאַר דער שנייד־מאַשין !

ער האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים און דערלאַנגט דעם געבונדענעם סאָפראָנען מיט האַרטער שטאַרקער פויסט אונטערן רעכטן אויג. אין אויג אַריינגעטראָפן. איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט די בלויקייט זיינע. האָט זיך סאָפראָן אַ ריס געטאָן, זיך צע־רעוועט. הילכיק האָט זיך דאָס פעלד אָפּגערופן אויפן געשריי.

אָבער זשיגאַנאָוו האָט אַ שליידער געטאָן סאָפּראָנען און מיט די שווערע שטיוול געגומען טאַנצן אויף זיין בויך.

— אָט האָסטו דיר! פֿאַר מיין שטוב! אָט נאַ דיר פֿאַר מיין ווירטשאַפֿט! באַקום באַצאָלט!

סאָפּראָן האָט געחלשט. האָט מען אים אָפּגעגאָסן מיט וואַסער. דערנאָך ווידער געשלאָגן. צעשלאָגענע, פֿאַרפּייניקטע האָט מען זיי אויפֿגעשטעלט אויף די פֿיס און באַפֿוילן:

— זינגט אייער אינטערנאַציאָנאַל!

פֿון ניין-און-צוואַנציק האָבן נאָר ניין גענומען זינגען ווילד, ווי זייער טויטן-ליד:

„שטייט אויף איר אַלע וועלכע ווי שקלאַפֿן...

אָבער גלייך אָפּגעהאַקט. סאָפּראָן, נאָך אַ לעבעדיקער, האָט זיך געקייקלט איבער דער ערד און געוואָיעט:

— אויסוווּרפֿן! הערט אויף!...

אַנטאָן פֿערעגודאָוון האָט מען געמאַכט מיט אַן אָל צווייהונ-דערט צייכנס אויף דער פּלייצע. זשיגאַנאָוו האָט הייזעריק געשריגן:

— אָט האָסטו דיר צום חשבון: וויפֿל פּוד דו האָסט אָפּגע-געבן!

פּאַוועל לאַטאַשיכינען הונדערט. רעדקינען האָט מען אַ האַלב-טויטן אַרויסגעשלעפּט פֿון המון. מיט די שטיוול צעדעפּטשעט.

די הייסע זון איז שוין אויפֿגעגאַנגען, ווען מ'האָט ניין-און-צוואַנציק מענטשן אַריינגעוואָרפֿן אין דער שמוציקער מיסט-גרוב. אַכט לעבעדיקע האָבן זיך נאָך גערירט אונטער די טויטע. אַלעמען פֿאַרשאָטן מיט ערד.

אַרטאַמאָן פּעגיק'ן האָט ערשט מיטאָג-צייט אַ געלער קאָזאַק געפֿונען אויפֿן שייער, און פֿון אַ סקידרע היי אַרויסגעשלעפּט. האָט ער אַ טרייסל געטאָן די גרויע האָר, ווי אָפּטרייסלנדיק פֿון זיי די היי און רויק אַ פֿרעג געטאָן:

— רעדקינען, ווי מ'זאָגט, האָט מען נישט געלאָזן רויק אויסגיין?

— טראַכט וועגן זיך! כ'וועל דיך באַלד אַריבערפּעקלען אויף יענער וועלט, דו אַלטער אויסוווּרף!

— נו, מילא! פאר די אייניקלעך געוואָלט נאָך מאַטערן זיך אויף דער ערד, נישט באַשערט אָבער...

און ער האָט זיך איבערגעצלמט אמתדיק אויף מזרח:

— גאָט פאָטער, נעם צו דעם גייסט פון באָלשעוויק אַרטאַמאָן.

לאַנג האָט מען אים געשלאָגן, אָבער אַ לעבעדיקן נאָך אים צוגעשלעפּט צו דער איבערפולטער מיסט־גרוב. מיט אַ שוואַכן אָפּגעהאַקטן קול האָט ער אויסגעצויגן:

— אָט דאָ, הייסט עס, האָט מען מיט בלוט באַגאָסן... מיט ביינדעלעך באַמיסטיקט...

מיט אַ ביקסן־קאָלבע האָט אַ קאָזאַק אים דערענדיקט. דאַריען סאַפראָנאָס, האָט מען דעם בויך אויפגעטרענט. דאָס קינד פון בויך פאַר די חזרים געוואָרפן, באָלשעוויסטישע פאַמיליעס אויסגעשאָכטן. בלויז פּופּצן מענטשן האָט מען פאַרשפּאַרט אין זשיגאַנאָווס קעלער. דאָס דאָרף האָט אַרויסגעשטעקט איר מוראדיק געזיכט... איוואַן לוטאָכין, דער נעבעכסנאָוואָקער נביא, איז גאַנץ געבליבן. אויפן פעלד געווען... ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט מען אים בלויז מיט נאַהייקעס אָנגעלערנט. פאַרקנעפּלנדיק די הויזן, האָט ער פאַרשטיקט געזאָגט:

— די ערד וועט איצט אַ גוט געוויקס ברענגען. מיט באָלשעוויקעס באַמיסטיקט.

און וואַנקע סאַפראָנאָס האָט דער גורל פאַרהיט: פאַר אליהוס טאָג איז ער אין שטאָט גראַד אָפּגעפאָרן.

— סוף —

געזעצבּרעכער

I

געכאַפּט האָט מען אים אויף דער סטאַציע. ער האָט אויפגעקויפט ביי די העגדלערקעס לעבנס־מיטל. דעם גע־וואוינטן אַרעסט האָט ער אויפגענומען פריילעך. ער האָט צו־געוואונקען צום גרויען מענטשן מיט דער ביקס און אַ פרעג געטאָן:

— וואוהין וועסטו פירן, חבר, אין רטושטשקא אָדער אין גובטשעקאַ *).

יענער האָט אַזש אויסגעשפּיגן.

— נו, אַ באַהאַוונטער! שוין אַלץ, זעט זיך אָן, דורכגעמאַכט.

מ'האָט געפירט אויף אין אָרטשעקא. דערנאָך האָט מען אָפּגעפירט אין גובטשעקא. אין קאָמענדאַנטן־צימער פון גובטשע־קא איז ער זיך רויק געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע, וואַרטנדיק אויף זיין ריי. ביי דער אויספאָרשונג האָט ער באַרייטוויליק און פריילעך געענטפערט.

— ווי רופט מען דיך?

— גריגאָרי איוואַנאָוויטש פעסקאָוו.

— פון וועלכער גובערניע? — האָט פאַרקרימט אַ בור־טשע געטאָן דער קאָמענדאַנט.

— פון ווייס אַ סברה, כ'וועל גאָר דעם וועג אַהינצו איצט נישט געפינען. פון איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסק.

— ווי אַזוי־זשע ביסטו פאַרקראָכן קיין סיביר?

— אויף מיר אַ סיביר! כ'האָב נאָך ווייטער אָנגעשפּאַרט. געזאָגט — און מיט שטאָלץ אַרומגעקוקט די אָנוועזנדיקע

---

*) באַן־טשעקא און גובערנסקע־טשעקאַ.

— אָבער וואָסער טייוול האָט דיך פאַרטראָגן אהער פון איוואַנאָווא־וואָזנעסענסק?

ער האָט ערנסט פאַרבעסערט:

— נישט דער טייוול, נאָר דער באַן.

אויפן אַלגעמיינעם געלעכטער פון די זעלנער און דעם מענטשן, וואָס האָט עפּעס געסקריפּעט מיטן פעדער אויפן פּאַפּיר, האָט ער בלויז אָפּגעענטפערט מיט אַ סאָלידן שפּיי אויף דער פּאָדלאָגע.

— מיט דער באַן, חבר, האָט מען מיך געבראַכט. די מעריקאַנער. די פּיטערשע קינדער מיטן לערער האָט מען אַהער אויף דערהאָלונג אַרויסגעפירט. זייער רויטער קרייץ זאָל דאָס זיין, צי וואָס? נישט מיין עסק. נו, הכלל, די מעריקאַנער. לעבין זאָל זיי האָבן באַצאָלט פאַר אונז: פּאַשעט אונטער, הייסט עס. נו, און דאָ איז אונטערגעשפּרונגען קאָלטשאַק. אַנדערע זענען ווייטער אַוועקגעפאָרן, אַנדערע זענען אויסגעשטאָרבן, איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ קינדער־הויז און אַנטלאָפן אין דאָרף.

— וואָס האָסטו דאָרט געטאָן?

— כ'האָב געדינט ביים פּאָפּ אַלס אַרבעטער. קוק נישט, וואָס איך בין אַ דאַרער. אויף אַרבעט, ברודער, בין איך אַ בריה!

— נו, און אַלס פרייוויליקער האָסטו ביי קאָלטשאַקן געדינט?

— געדינט. אָבער אַנטלאָפן.

— ווי אַזוי־זשע ביסטו אַריינגעפאַלן צווישן די פרייוויליקע?

— אַז די רויטע זענען געקומען, זענען זיך אַלע צולאָפן, בין איך אויך מיט זיי מיטגעלאָפן. נו, קיינער דאַרף מיך נישט האָבן, בין איך אַריינגעטראָטן אַלס פרייוויליקער.

— פאַרוואָס־זשע ביסטו אַנטלאָפן פון די רויטע? האָסט מורא געהאַט, וואָס?

— נו, מורא גאָר... וואָס איז זיך צו שרעקן? כ'געהער אַליין צו דער רויטער פּאַרטיי. אָבער אַז אַלע לויפן, בין איך אויך געלאָפן.

די זעלנער האָבן ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ אַלגעמיי־

נעם געלעכטער. דער קאָמענדאַנט האָט אָנגעשריגן אויף זיי און באַפוילן:

— אַרומזוכן.

ר האָט אויך באַרייטוויליק זיך געלאָזט אַרומזוכן. געוואוינטערהייט האָט ער אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך. פריילעך האָבן געגלאַנצט אויפן געלן, קינדישן פנים די גרויסע, גרויע אויגן. ווי די שטראַלן פון דער זון האָבן זיי אַלץ פאַרשענערט. אי דאָס אויסגעהונגערטע צעקנייטשטע פנימל, אי די צוקודלטע, לויזיקע קאָפּ, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון שמוציקן שטרוי. ביים חברה-מאַן האָט מען געפונען אַ גרויסע סומע געלט, אַ הזכרת-נשמות-ביכל מיט באַזילבערטע דעקלעך, אַ פונט טיי און עטלעכע אַרשין מאַנופאַקטור-סחורה אין טאָרבע.

— פונוואַנעט נעמט זיך צו דיר דאָס געלט?

— טייל — געגנבעט, טייל — דורך מסחר פאַרדינט.

— מיט וואָס-זשע האָסטו געהאַנדלט?

— מיט ציגאַרעטן, פּאַפּיראָסן, און אַז כ'פלעג צוגיע וואָס, איז אויך מיט דעם.

— נו, אַ פרי! — האָט זיך דער קאָמענדאַנט פאַרוואונדערט, — און וואו זענען די עלטערן דיינע?

— דעם טאַטן האָט מען אין דער דייטשער מלחמה געהרגעט, די מאַמע האָט אָנגעבוירן אַנדערע קינדער. מיט איר נייעם און די קינדער זענען זיי ערגעץ-וואו אַוועקגעפאָרן נאָך ברויט, און מיך האָט מען איינגעאָרדנט אין מעריקאַנער באַן.

און ווידער האָט דער קלאָרער גלאַנץ פון זיינע אויגן געטראָפן דעם טונקעלן בליק פון קאָמענדאַנט. יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט געוואָלט זאָגן: „אַ פאַרפאַלענער". אָבער דאָס ליכט פון גרישקעס אויגן האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ קראַץ געטאָן די מאָרדע.

— וואָס-זשע האָסטו געטאָן ביי קאָלטשאַקן?

— גאָרנישט. כ'האָב זיך פאַרשריבן און אַנטלאָפן.

— געהערסטו, הייסט עס, צו דער רויטער פּאַרטיי? — האָט זיך דער קאָמענדאַנט דערמאָנט.

— צו דער רויטער. — דערלויבט פּאַרויכערן.

— שמיץ ביסטו ווערט פֿאַרן רויכערן. נאַ, פּאַרויכער! וויפֿל ביסטו אַלט?

— מיר גייט אויפֿן פערצנטן פון גריגאָרי דעם הייליקנס טאָג.

— די הייליקע קענסטו? און דעם הזכרת־נשמות־ביכל צו וואָס דאַרפסטו?

— דעם טאַטן האָב איך פּאַרשריבן. ער וועט זיך דערווּסן, וועט אים אויפֿן הימל גרינגער זיין. די מאַמע האָט פאַרגעסן, און גרישקע געדענקט.

— און דו רעכנסט אויפֿן הימל?

— וואו זשע דען? די נשמה מוז זיך דאָך ערגעץ־וואו אַרומדרייען. פון מענטשלעכן גוף איז זי דאָך אַרויס.

דער קאָמענדאַנט האָט זיך ווידער אָנגעכמורעט.

— נו, ס'וועט קלעקן! מ'וועט דיך מוזן אַרעסטירן.

— אין תּפיסה? גוט. דאָס עסן איז ביי אייך נישט וואָזשנע... נאָר מילא. לאָמיר אונטערזיצן. אַ גוטן.

גרישקען האָט מען לאַנג דערמאָנט אין טשעקאַ.

פון תּפיסה האָט אים איינגיכן אַרויסגעפאָדערט די קאָמיסיע איבער די ענינים פון מינדעריאָריקע. די קאָמיסיע איז אים פאָרגעקומען ערגער, ווי די גובטשעקאַ. דאָרט איז אַ פרייליכער עולם. מ'האָט געלאַכט. און דאָ האָבן אַלע באַדויערט; אויך דער דאָקטאָר האָט לאַנג געמאַטערט.

— און וואָס קריכט ער פון דער הויט? — האָט זיך גרישקע געוואונדערט. — אי דעם גאַנצן קאָפּ אויסגעמאָסטן, אי די פינגער. צי האָט ער מיך, אפשר, צוגעמאָסטן צו אימיצן? מ'זוכט, זעט אויס, איינעם מיט אַזאַ און אַזאַ קאָפּ...

ער האָט אים אויך נישט שיין באַטראַכט אַ נאַקעטן. אין באָד האָט מען אים ריין אָפּגעוואַשן, און דער דאָקטאָר האָט אַזוי געקוקט, אַז גרישקען האָט זיך אויסגעדוכט: דער גוף איז שמוציק. דערנאָך האָט ער גענומען אויספרעגן וועגן מאַמע

זאַכן. גרישקע האָט אַ סך צוגעזען און אַליין אויך אַ הוליע געטאָן. אָבער רעדן וועגן דעם דאַרף מען נישט. ס'ווערט אַזש נישט גוט דערמאָנענדיק זיך. און ס'נעמט אָפּ דער חשק צו הוליען. ווען ער איז אַרויס פון דאָקטאָר, האָט אים געפּלאַמט דאָס פּנים און די אויגן זענען ווי פאַרטונקלט געוואָרן. ער האָט אים צונומען, דער   אין די שפּאַקולן

אָבער אין אָוונט, אין קינדער־הויז מיט   מינדעריאָריקע פאַרברעכער, איז ער ווידער פריילעך געווען. דאָס עסן האָט ער געלויבט.

— דאָס, ברודער, איז דיר נישט די סאָוויעטישע פּאָמוניצע-זופּ פון דער גאָרקין. מילך האָט מען געגעבן. זיסע קאַשע. ברעקלעך פלייש אין זופּ. ס'איז וואויל!

ביינאַכט איז געווען שלעכט. די יאַטן האָבן געשטיפט און דער „לערער" פלעגט אָנשרייען. ער האָט מיט עפּעס דערמאָנט אָן דאָקטאָר. גרישקע האָט לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט זיך געוואונדערט.

— ביסט אַ מבין! זעט אויס, זיך אָפּגעוואוינט פון אַ קישן, עס שטערט.

און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער אָפּגעבענקט אין האַלב-וואָר און   האַלב-דרימל. דאָ האָט ער געזען די מאַמע. זי קעמט זיין קאָפּ און זאָגט:

— די וואַקסט, גרי־ענקע, די וואַקסט, זונעלע! וועסט אויסוואַקסן אַ גרויסער, וועלן מיר אָפּרוען. וועסט געלט פאַרדינען, דעם טאַטן מיט דער מאַמען באַרואיקן... טייערינקער מיינער! און זי קושט אים.

ווי וואונדערבאַר! די אויגן זענען אָפֿן, און דאָס לעמפּעלע לייכט אין פּאַלאַפּ. ער ווייס: אַ קינדער-הויז. נישטאָ דאָ קיין מאַמע. און אויפן באַק שפּירט זיך: זי האָט אַ קוש געטאָן. און וויינען ווילט זיך. ער האָט אָבער אַ קרעכץ געטאָן, ווי אַ גרויסער, איינגעהאַלטן דאָס געוויין און זיך איבערגעדרייט אויפן צווייטן זייט. דערנאָך האָט זיך דער דאָקטאָר גע־פּליאָנטערט. ער האָט דערמאָנט וועגן ווייבער. ווידער איז

נישט גוט געוואָרן. ווידער האָט עפּעס פאַרקלעמט. ער האָט געוואָלט מתפּלל זיין, האָט ער זיך אָבער דעם „פאָטער אונזער" נישט געקענט דערמאָנען. און מער קיין תּפילות האָט ער נישט געוואוסט. אַזוי האָט ער זיך די גאַנצע נאַכט אָפּגעפּלאָגט.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק. ס'וואָלט זיך געלבט נישקשה אָבער ס'איז געווען זייער לאַנגווייליק אינדערפרי גיט מען אָפּעסן און מען פירט אין גרויסן זאַל, אַמאָל לייענט מען. אָבער אַלץ וועגן לאַנגווייליקע זאַכן. ס'איז געווען איין יינגל אַ גוטער, דער צווייטער — אַ שלעכטער... ס'וואָלט נישט געשאַדט אים געבן אין קאַרק, אָט דעם גוטן! אויך לערערקעס פלעגן קומען.

— קומט, קינדער, לאָמיר אַ זונג טאָן און זיך שפּילן. אַ נו, מאַכט אַ קרייז.

פלעגט מען מאַכן אַ קרייז. צוזאַמען מיט די מיידלעך. די מיידלעך דרייען זיך און זינגען אַלץ וועגן דאָס זעלבע: וועגן אַ יעגלינקע, און וועגן אַ העזעלע, וועגן אַ קוילעטש. אַמאָל נאָך צופירן זיי די הענט אָט אַזוי־אָ און שאָקלען די קאָפּ אַהער און אַהין:

— וואו עס בויגן זיך צווייגן צום אָפּגרונט...

צוערשט איז עס געווען קאָמיש, דערנאָך האָט עס דערעסן. די קאָפּ איז דאָך אויך נישט קיין קהלשע. דו שאָקלסט זי, דו שאָקלסט, און עס דערעסט. בעסער פון אַלץ איז געווען דער אינטערנאַציאָנאַל! אַ גוט וואָרט, אַ אונפאַרשטענדלעכס. ס'איז גאָר מעשה־דערוואַקסענער. דאָס, ברודער, איז דיר נישט וועגן יעגלינקע!

— שטייט אויף אי אַלס...

ס'איז גוט! און ס'האָט אויך דערעסן, יעדן טאָג הייסט מען זינגען. אַליין וואָלט ער עס געזונגען ווען ס'וואָלט זיך. אָבער אַז ס'גלוסט זיך נישט, דאַרף מען נישט פונדעסטוועגן האָט ער צוליבן „אינטערנאַציאָנאַל" דעם געשטופּלטן זשאָרזש אָנגעריבן אַ מאָרדע. זשאָרזש שטאַמט פון די בורזשועס, עפּעס

אַ מומע טראָגט אים קיכל. איז אָט, זאָגט איינמאָל זשאָרזש צו גרישקען:

— מ׳דאַרף זינגען: שטייט אויף איר זשידעלעך און זשידעס.

אָבער גרישקע איז פון דער רויטער פּאַרטיי. ווייס ער: אויך די זשידעס זענען מענטשן. דאָס וואַרפט מען מיט זיי אויף די סאָוויעטישע מאַכט. נו, האָט ער זשאָרשן אָנגעריבן אַ מאָרדע. פון דעמאָלט אָן איז געוואָרן לאַנגווייליק. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט, און די עלטסטע מומע זיבע און אויך קאָנסטאַנטין סטעפּאַניטש האָבן אים אָנגערופן „כוליגאַן". און ווען ס׳איז פאַרפאַלן געוואָרן רעגידונגס־וועש, האָט מען זיי זאַלבעדריט אויסגעפאָרשט. די דריי, וועלכע זענען געווען גנבים. גרישקע האָט זיך געחידושט:

— סאַראַ חמורים! צו וואָס זאָל איך דאָ גיין גנבענען? דאָס עסן איז דערווייל גאַנץ גוט. אַז מיר זענען גנבים, איז וואָס? יעדער וועט גנבענען, ווען ס׳איז נישטאָ וואָס אין מויל צו נעמען. אָט, אַז כ׳וועל אַנטלויפן, וועל איך עפּעס צוזאַמענכאַפּן.

און ס׳איז געוואַקסן דער געדאַנק: אַנטלויפן. דער עיקר — ס׳איז לאַנגווייליק. מ׳האָט צוגעזאָגט לערנען אַ מלאכה — לערנט מען נישט. מ׳שמועסט, נישטאָ קיין געצייג. און אויסשניידן פון פּאַפּיר די דאָזיקע „פּליקאַציעס" האָט שוין דערעסן. דאָס, וואָס ער האָט אויסגעשניטן און אויסגעפלאָכטן, האָט ער אינגאַנצן אויסגעקלעפּט אין בית־הכסא אויפן וואַנט און אונטערגעשריבן מיט בליי-פעדער:

— דאָ איז דיין ריכטיקער אָרט די דאָזיקע אַפּטייק אויף אויסצולייזיקן זיך גריגאָרי פּעסקאָוו.

געשריבן האָט ער שלעכט, קרום, אָבער דאָ איז עס בולט אַרויסגעקומען. פון דעמאָלט אָן האָבן אים די לערער פיינט געקריגן. איז ער בדלת. דער דאָזיקער געלער קאָנסטאַנטין סטעפּאַניטש וואָלט רק געשפּילט גיטאַרע און געמאַכט פאָטאָגראַפיעס. אַלעמען האָט ער שוין אַראָפּגענומען, דער פרישטשעוואַטער! ער איז אַ שלעכטער. ש אָגן האָט ער מורא, אָבער זיינע אויגן בייסן ווי ש אַנגען. ער קוקט אויף אַלעמען —

גלייך ווי ער וואָלט דיך אַרומגעשמעקט: וואָס פאַראַ מענטש ביסטו. אַליין רויכערט ער אין צימער דורכן לופטשיק, און די קינדער זאָגט ער:

— אַ רעכטער מענטש דאַרף נישט רויכערן.

נאָט אייך אַ דרייער פאַרן גאַנצן רויכערן. אָט האָט ער שוין אַזוי לאנג נישט גערויכערט. זיך אָפּגעוואוינט, און עס גלוסט זיך מער נישט. אָבער ווען קאָנסטאַנטין סטעפּאַניטש הויבט אָן האַקן אַ טשײניק וועגן רויכערן, און הויבט אָן אויסצופרעגן און אַרויסצוקריגן ווער ס׳האָט גערויכערט, — נעמט אָן אַ חשק צו פאַרציען אַ פּאַפּיראָס. און ביי דער מומע זינע זענען אַלע „טייבעלעך״. איבערן קעפּל גלעט זי. אַ קלעפּיקע אַזאַ. ווילן ווילט זיך איר נישט, און גלעט פונדעסטוועגן. און מיט אירע ריידעלעך ציט זי אַרויס די נשמה.

— ס׳איז נישט גוט אַזוי, מיין טייבעלע! מ׳האָט דיך מקרב געווען, אויסגעקליידט, דאָס דאַרף מען „שאַצן, מיין ליבינקער. אַלע קנעפּלעך דאַרף מען גיין פאַרשפּיליעט, און דאָס קעפּעלע קעמען. ביסט דאָך שוין אַ גרויסער. ווילסט, כ׳וועל דיר אַ ביכעלע לייענען? און דו צייכן עפּעס.

מכשפה מיט האָניק־ריידעלעך! אויך מיט אַנקעטעס האָט זי פאַרמאַטערט. יעדן טאָג שרייבט חברה וואָס זיי האָבן ליב און וואָס נישט, וואָס זיי ווילן און וואָסער ביכל איז זיי געפעלן געוואָרן. און דאָ האָט זי גרישקע דערצאָרנט. דאָס לעצטע מאָל האָט ער אויף קיין שום פראַגע נישט געענטפערט, און אַנשטאָט דעם אָנגעשריבן:

— קיין שום אַנקעטעס לייד איך נישט און איך וויל נישט.

זי איז אַזש ווייס געוואָרן פאַר כעס. אָבער צולאַכט האָט זי זיך שטיל־שטיל די ליפּעלעך האָט זי צונויפגענומען, און צוצויגן און דין אַרויסגערעדט.

— או־או, און איך האָב דיר נישט ליב! אַזאַ ווידער־שפּעניק קינד.

נו, טאָ ליב נישט. האָב ליב דיין זשאָרזש, וואָס פאַר־שפּיליעט אַלע קנעפּלעך, און ליניִרט אויס דאָס בויגעלע פּאַ־

פיר, און אויך אַלע פראַגן ענטפערט ער ווי ס׳געהער צו זיין. ווען זי קערט זיך אָבער אויס מיט דער פלייצע, ווייזט ער איר עפּעס אומאַנשטענדיקס. די מיידלעך זענען אַלע עקלדיקע. פון דער מומע זינגע האָבן זיי זיך אָפּגעלערנט צו רעדן מיט דינינקע שטימעלעך און צוגיסן זיך פון ליבלעכקייט. און אין דער שטיל האָבן זיי צו טאָן מיט די יינגלעך. מאַנקע פון דעם שטיינקוילן-ראַיאָן איז נישקשה. זי זינגט אומעטיקע לידער און האָט ליב צו לייענען אַ ביכל. און אַליין איז זי ווי פון וואַקס. און הוסט כסדר. אַ קראַנקע. אָבער אויך מיט איר רעדט נישט גרישקע. ער האָט מורא. ער האָט אָנגעזען אַ סך מיידלעך און ער ליבט זיי נישט. קיינעם האָט גרישקע נישט ליב. און אַלץ איז דערווידער: אי די שלאָפצימערס מיט די זעלבע קאָלדרעס, אי דאָס עס-צימער מיט די גייע הילצערנע בענק: אַנטלויפן! דאָס קינדער-הויז האָט זיך געפונען אין אַ מאָנאַסטיר. הינטער הויכע ווענט. און ביים טויער איז געשטאַנען אַ וואַך. גרישקע האָט געטראַכט:

— ריכטיק. מיר זענען געזעצברעכער. אַזוי שרייבן מיר זיך טאַקע — מינדעריאָריקע געזעצברעכער. וואַזשנע! פשוט גערעדט הייסט עס גנבים, תפיסהניקעס, אָבער אויפן געביל־דעטן לשון — גע—זעצ—ברע—כער.

דער דאָזיקער נאָמען איז אים געפעלן געוועןאַזוי ווי „אינטערנאַציאָנאַל״. גרישקע האָט מיט אים שטאָלצירט, ווי אויך מיט דער וואַך ביים טויער. איצט אָבער האָט די וואַך גע־שטערט. ער האָט חשק געהאַט צו מאַכן אַ ויברח.

ס׳איז געקומען דער פרילינג. גייסט אַרויס אויפן הויף און ס׳נעמט דיך אַרום אַ בענקשאַפט. די נאָזלעכער באַוועגן זיך, ווי ביי אַ הונט, און פליען ווילט זיך. די זון איז געוואָרן בעסער און זי וואַרימט אַזוי גוט. דער שניי איז ווייך געוואָרן. ריטשקעלעך האָבן זיך שוין באַוויזן, און דאָס וואַסער אין זיי איז אינטער אַ דינינקן, דינינקן אייז. די שליטנס אויפן וועג סקריפּן שוין נישט, נאָר רוישן. און די פערדישע קאָפּיטעס מאַכן שוין נישט „סטוק-סטוק״ נאָר „טשוואַק-טשוואַק״... די

צווייגעלעך אויף די בוימער זענען נאַקעטע, דינינקע, אָבער פריידיקע. אין יעדן האָבן זיך אויף זיי געבאַמבלט געלע, טויטע בלעטער, און ווינטער — דער שניי. איצט האָבן זיי אַלץ אַראָפּגעוואָרפן. זיי זענען געוואָרן לייכט, זיך ריין אויסגעגלייכט, ווי נאָך אַ קרענק. ווי גיריק זיי אָטעמען. זיי בעטן ביים הימל צו טרינקען. די יינגלעך פון היגטערן פּאַרקאַן זענען אַ גאַנצן טאָג מקבל־פּנים דעם פרילינג אויפן גאַס מיט געשרייען און קוויטשערייען. אָי, ווי ס'ווילט זיך אָפּציען!... אויפן הויף איז גוט, ווען מ'לאָזט זיך שפּילן לויטן אייגענעם איינזען. אָבער מיט די לערערס כסדר אין קאַראַהאָדן איז קיין חשק נישטאָ. אין מעטע־קליפּע — מהיכי תיתי

די מאָנאַשקעס האָבן געוואוינט אין הויף. מ'האָט זיי ענג געמאַכט, אָבער אינגאַנצן האָט מען זיי נאָך נישט אַרויסגעזעצט. איגדערפרי און אינאָוונט האָט טרויעריק געברומט דער גלאָק. שוואַרצע שאָטנס פלעגן אַרויסגיין פון זייערע לעכער, און לייכט, ווי שווימענדיק, זיך באַוועגט צום קלויסטער. ער האָט זיך געפונען אין ווינקל פונם הויף און מיטן הויפּט־אַריינגאַנג איז ער אַרויסגעקומען צום גאַס. עס זענען געגאַנגען אַלטע און יונגע מאָנאַשקעס, אָבער אַלע האָבן זיך באַוועגט ווי נישט קיין לעבעדיקע. נישט אַזוי ווי ביי טאָג, ווען זיי פלעגן שמייען איבערן הויף אָדער אין דער בעקעריי. דעמאָלט זענען זיי ענלעך געווען אויף לעבעדיקע ווייבער, פלעגן זיך איבערזידלען מיט די קינדער און קוויטשען. און די קינדער פלעגן זיך רייצן מיט זיי: פלעגן שפּייען אין ברונעם, און איינמאָל אויפגעעפנט די טיר אין קלויסטער און אַריינגעשריגן:

— לענין, טראָצקי, סאָפּנאַרקאָם*

די מאָנאַשקעס האָבן זיך געקלאָגט אין גובנאַראָבראַז.** פון דאַן אָן איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה. דאָס לעבן איז פריילעכער געוואָרן

*) ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן.
**) גובערנ'קע אָפּטיילונג פאַר פאָלקס־בילדונג.

II

דער פרילינג האָט אַלץ גיריקער געטרונקען דעם שניי. אין קלויסטער פלעגט מען האַלטן אָפן די טיר. די לופט, אַ אָנגעטרונקענע מיט זון, האָט אָפּגעפרישט די טונקעלע געוועלבן. עס פלעגט זיך אַריינרייסן אַ שפורעו און אַ פרייער און פון קלויסטער פלעגט ער זיך אַרויסטראָגן צוריק אין הויף צוזאַמען מיטן טרויעריקן קלאָג פון מענטשן אין די טעג פון גרויסן תענית — צוזאַמען מיטן געוויין וועגן הימלישן פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'איז נישט באַשערט אַריינצוקומען. אָפטער פלעגן די מאַנאַשקעס שאָטנדיק דורכשווימען צום קלויסטער. לענגער פלעגן זיי שרייען צו גאָט אין תשובה-התלהבות. און סיי די דאָזיקע גערוישלאָזע, שוואַרצע שאָטנס אויפן ליכטיקן פּנים פונם פרילינג, סיי די הימנען פונם גרויסן תענית ביי דער אומרואיקער ליאַרעם פון דער פרילינג-גאַס האָבן שוין גרישקען איינגאַנצן צעטומלט. די דערציער זענען געווען צופרידן. ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן יעדן לימוד. ער פלעגט שעהנווייז רואיק זיצן. בלויז די אויגן זענען ווי פוסט געוואָרן. גרישקע האָט גענומען לעבן אין-זיך. ביינאַכט פלעגט ער זיך אויפכאַפּן און טראַכטן וועגן דער פרייהייט. אַנטלויפן איז שווער געווען. די זעקס עלטערע יינגלעך האָבן באַגנבעט די איגומעניע*) און אַנטלאָפן. מ'האָט זיי אָבער געכאַפּט. האָבן זיי גענומען בונטעווען. שוין דערוואַקסענע בחורים. וואָנסעס באַווייזן זיך שוין. האָט מען זיי אָפּגעשיקט אין לאַגער אויף אַרבעט. און אויף די איבעריקע האָט מען שטרענגער גענומען אַכטונג-געבן. מ'האָט צוגעגעבן אַ וואַך-זעלנער, אַ טשעקאַ-אַגענט און דערציער. אָבער אַ צופאַל האָט אַרויסגעהאָלפן.

*) די פאָרשטעערין פון אַ מאַנאַסטיר.

די מלחמה צווישן די קינדער און די מאָנאַשקעס האָט זיך אַלץ מער צופֿלאַקערט. אין דער לאַנגווייליקער, בלאַסער שורה פון טעג, פֿלעגן די צוזאַמענשטויסן אַרייַנטראָגן אַביסל פאַרב. מיט זיי פֿלעגט מען לעבן אין דער ליידיק־גייערישער און זאַטער געפּאַנגנשאַפט. און דאָ האָט די תּפֿיסה צוגעשטעלט נאָך פופציק קינדער. מ'האָט געמוזט אַרויסזעצן די מאָנאַשקעס. מ'האָט פאַר זיי אָפּגערייניקט אַ גרויס, צוויי־שטאָקיק הויז אויף יענער זייט טייך, כמעט אויפ'ן עק שטאָט. מ'האָט זיי געהייסן אַריבערפאָרן. די מאָנאַשקעס האָבן געהאָרכזאַם אָנגענומען דעם באַשלוס פון דער מאַכט. זיי האָבן בלויז אויסגעבעטן צו באַנוצן זיך מיט'ן מאָנאַסטירישן קלויסטער. אָבער אינדערשטיל האָט יעדע אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ.

יעדן פרימאָרגן פלעגט זיך ווייט פון דער הויכער מאָנאַסטירישער וואַנט אָפּשטעלן אַ פויערשע פור. אַן אַנדער טאָג — אויך צוויי־דריי. מיט אַ שולדיקן אויסזען, איינגעקאָרטשעטע, פלעגן זיך צושלעפן צום מאָנאַסטירישן טויער פויערים מיט פויערטעס. תּחנונימדיק־פרייַנטלעך פלעגן זיי רעדן מיט די וואַך־זעלנער, זיך אַרייַנכאַפּן דורכ'ן טירל. דער הויף פלעגט זיי אויפנעמען מיט ווילדע קולות פון אַ בייעם, פרעמדן הו־האַ. אין דער לופט פלעגן זיך טראָגן די ווערטער „חבר", „דעטדאָם"*), „געזעצברעכער". דאָס אוראַלטע מאָנאַסטירישע לעבן האָט זיך דערשראָקן אויסבאַהאַלטן אין דער טיף. אויסמיידנדיק די העל־שטימיקע און שווייגנדיקע (מיט דער גרייטער פראַגע אין די קינדישע אויגן), פלעגן זיי גיין צו די הינטערשטע קלייניקע הייזלעך. דאָרט פלעגן זיי טרעפן די בילדער פון די הייליקע און די דינינקע, ליבלעכע שטימעס. אָט פאַר די דאָזיקע, וואָס גיבן מתן בסתר, האָבן די מאָנאַשקעס אויסגעגאָסן זייער האַרץ. די איגומעניע האָט זיך אונטער די פאַפירן אונטערגעחתמעט: די פאָרשטייערקע פון דער מאָנאַסטירישער אַרבעטס־קאָמונע, די אונטערטעניקע י ע ו ס ט אָ ל י אַ. אויף די פאַרזאַמלונגען אינ'ם מאָנאַסטירישן קלויסטער, אויף

*) קינדער־הויז.

וועלכע ס׳פלעגן בייזיין אויך די גלויביקע פון דער געמיינדע, פלעגט זי איינטענהן: „יעדע מאכט איז פון גאָט“. אָבער אויך זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. מאַר איר באַקאַנטן וועלטלעכן א ס ט א פ י ע ו, — וואָס האָט פריער געהאַט צוויי קינאָ-טעאַטערס און פלעגט אויפן מאָנאַסטיר שיין מנדב זיין, און איצט האָט ער געדינט אין „גובסאָיוז“ און פלעגט ווייטער אין גאָט נישט פאַרגעסן, — האָט זי זיך באַקלאָגט:

— מ׳רייסט אונז אָפּ פון גאָטס טעמפּל.

און די רעװאָלוציאָנערן האָבן געשמייכלט איבער די הייזער, אין וועלכע מ׳האָט נאָך אין גאָט נישט פאַרגעסן.

— די מאָנאַשקעס זעצט מען אַרויס!

— אין מאָנאַסטיר וועט מען איינאָרדענען טעאַטערס...

פון די איקאָנעס נעמט מען די ריזעס *) אַראָפּ...

— פונעם אַלטאַר, אין קלויסטער האָט מען אַלץ אַראָפּגענומען און צום פאַרזיצער פון גובטשעקאַ אויף דער קוואַרטיר אַוועקגעפירט.

— די מוטער-איגומעניע האָט מען אין טשעקאַ געפייניקט.

פון די שטיבער האָט זיך די ידיעה ווי אויף פליגלען איבערגעטראָגן אויפן מאַרק, וואָס געפינט זיך אויפן פּלאַץ נעבן מאָנאַסטיר. איינעם טאָג, ווען די מאָנאַשקעס האָבן באַדאַרפט אַריבערפאָרן, האָבן זיך די פויערטעס אויף די פורן געצלמט. אין צווזדערניש האָט איינע נישט דערקריגן פאַרן קרייז דריי טויזנטער. איקנדיק, האָט זי אויסגעמישט אויסרופן צו גאָט מיט ווייבערשע קללות, קוויטשנדיקע און אומזיניקע.

— מאַמעלע, הימלישע מלכּה דו. דרייהענטיקע **). וואָס טוט זיך דאָ, קיין כאָלערע נעמט זיי נישט... שטעקט דאָס געלט, און אַליין רייסט ער אויס. אַ קאָמוניסט אַ שוואַרץ-יאָר! זשידישע זרע! מיקאָלאַ דערבאַרעמדיקער... די תּפלה האָבן זיי געשטערט... ווי די שדים האָבן זיי מורא פאַר קטורת. מער

*) ריזאַ — די קליידונג און באַפּוצונג פון די הייליקע בילדער.

**) געוויסע פּראַוואָסלאַוונע איקאָנעס מאָלט מען מיט דריי הענט, אויפן גרונט פון אַ לעגענדע.

טירערקעס, מוטערלעך אונזערע... וואוהין זשע וועלן זיי גיין? וואָל זיי אַ באַרג פאַרשיטן, די אויסוואורפן, די אַנטיכריסטישע ורע!.. העןְ, געזען אַביסל! כ׳האָב זיך נאָר אַרומגעקוקט: דאַכט זיך נאָר חאָס געשטאַנען, און ווי א׳ן וואַסער אַריין... נו, כ׳געדענק אָבער דיין פרצוף מיט די אויסגעגלאָצטע עינים! קום נאָר נאָך אַמאָל... הינטישער שווינדלער!...

די פויערים האָבן געהאַלטן דעם צונג צווישן די ציין, אָבער נאָכן מאַרק זענען זיי זיך נישט צופאָרן. זיי האָבן צוגערוקט די פערדלעך נענטער צום מאָנאַסטיר.

מ׳האָט דערלאַנגט די פורן פאַר די מאָנאַשקעס. מ׳האָט געעפנט די גרויסע טויערן. לעם זיי האָט זיך אויסגעשטעלט די וואַך. ווי דורך אַ געהיימען טעלעגראַף האָט זיך איבערגעגעבן די ידיעה. ווי אַ פאַרשידגפאַרביקע כוואַליע איז דער המון אָנגעלאָפן. די מוטער יעווסטאָליאַ האָט שאַרף אַ קוק געטאָן פון אונטערן שוואַרצן קאַפטור, און איז שטיין געבליבן אין טויער, אַ הויכע און הדרת־פנימדיקע. פאַוואָליע האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דער איקאָנע, וואָס איז געהאָנגען צוגעשלאָגן איבערן טויער. ביז דער ערד האָט זי זיך פאַרבוקט. די פויערטעס צווישן עולם האָבן זיך צעכליפעט. און די איגומעניע האָט זיך נאָך ביי איר פור פאַרבוקט ביזן גאַרטל אויף אַלע פיר זייטן. איר פנים איז ווי ביי אַן אַלטער איקאָנע. אַ שטרענגער. ווי שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך נאָך איר אַ ריר געטאָן די מאָנאַשקעס. אַלץ, וואָס די איגומעניע האָט געטאָן, האָבן זיי איבערגעחזרט. אין דער בלויער פרילינג־לופט האָבן זיך די שוואַרצע פיגורן בולט אויסגעשניטן און אַרויסגערופן טרויער. האָט זיך איין פויערטע אַ וואָרף געטאָן צו די מאָנאַשקעס מיט אַ קלינגנדיקן קלאָג־שריי:

— מוטערלעך אונזערע! בעטערקעס! זייט מוחל, כריסטוסן צוליב!

נאָך איר האָט אַ צווייטע נאָך קלינגנדיקער אויסגעשריגן:

— וואוהין טרייבט מען אייך פון גאָטס טעמפל?

די דריטע איז צוגעפאַלן אַקוראַט צו די פיס פון דער

איגומעניטס פערד, אַרויסלאָזנדיק פון דער האַנט אַ האָן.

— האָט אויף אונז קיין פאַריבל נישט! פאַרקלאָגט נישט ביי גאָט!

זיי האָבן זיך פאַרצווייפלט צעיאָמערט. צענדליקער שנייִדיקע פרויען-קלאָגערייען האָבן זיך אָפּגערופן. אויפן געוויין האָבן זיך פון די גאַסן אַ לאָז געטאָן די דורכגייער. אַ זעלבנערשער רייטער, מיט אַ פּעקל, האָט אין פולן גאַלאָפּ איינגעהאַלטן זיין פערד. פאַרגליווערט געוואָרן אין נייגעריקייט. די הענדלערקע פּילאַטאָווא האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר איר ווענעלע מיט קיכל און זיך אַ לאָז געטאָן צו אים.

— פאַרוואָס איזדעקעוועט איר זיך פון דער קריסטלעכער אמונה? ס'וועט אייך באַצאָלט ווערן!... וואַרט נאָר, ס'וועט באַצאָלט ווערן!

דער המון האָט זיך אַ ריר געטאָן. די פרויען-קוויטשערייען האָבן אויפגעהערט. די מאַנסבילן האָבן געהודיעט:

— מיר וועלן נישט לאָזן חרוב מאַכן דעם מאַנאַסטיר!

— וועמען האָבן דען די מאָנאַשקעס געשטערט? וועמען האָבן זיי אָנגערירט?

דער פלינקער און גרויאיגקער לערער פון דער געוועזענער גייסטלעכער שולע, דער קלויסטער-סטאַראָסטע, איז אַרויסגעשוואומען ביי די פורן. עס האָט אַ ציטער געטאָן זיין אַלטיטשקער אויסגעשריי:

— וואו-זשע איז די פרייהייט פון גלויבן, וואָס די רעגירונג האָט דערלויבט. די פרייהייט פון גלויבן וואו איז?

ער האָט אונטערגעהעצט דעם המון.

— קיין געזעצן היט מען נישט.

— ביי לעבינען דאַרף מען זיך קלאָגן!

— הפקירות פון דער אָרטיקער מאַכט.

— אַפּיקורסים! אין דער זשידישער סינאַגאָגע האָט מען קיינעם נישט אַריינגעזעצט. זשידעס, כריסטוס-פאַרקויפער!

— אַהאַ! ווי דען! דעם מעטשעטע און דעם קאָסטשיאָל האָט מען געשאַנעוועט! אין אַ פּראַוואָסלאַווגעם מאַנאַסטיר האָט

מען אַרייַנגעזעצט די ממזרים. אין אַ פּראַוואָסלאַוונעם... נישט אין קיין אַנדערן.

און חברה „ממזרים” האָבן זיך שוין אַרויסגעשאָטן פון הויף מיט אַ ליאַרעם. מיט די קיילעכדיקע אויגן האָבן זיי אַלעמען אַרומגעקוקט. אָנגעקוואָלן פון דער סקאַנדאַל־שמחה. זיך אַלעמען געפּליאָנטערט אונטער די פיס, ווי נאַרישע הינטלעך. גרישקע האָט פאַרגעסן אָן אומעט, אָן אַנטלויפן. ס׳האָבן געגלאַנצט די גרויע אויגן און דאָס קעפּל האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן מיט באַגייסטערונג.

— אַ מחיה!... די פּויערטעס מאַכן יעלות, ביי די פּויערים זענען די מאָרדעס רויט. און די מאָנאַשקעס, — ווי די שוואַרצע ליאַלקעס אויף ספּרוזשינעס: בוקן זיך צהער־אַהין. די ליפּן פאַרצויגן.

— טו נאָר אַ קוק, ווי אָנגעבלאָזן!

און אָננעמענדיק לופט אין די לונגען, פול מיט בונטאַרישער דרייסטקייט, האָט גרישקע לעם דער איגומעניע אויסגעשריגן:

— מכשפה די, מיט שוואַרצן עק!

די פּויערטעס האָבן זיך אָפּגערופן מיט אַ ווילדן קאָנצערט:

— דער כלב׳על חוזקט פון די מוטערלעך!

— אהבזער בעטערקע זידלט ער!

מ׳וואָלט גרישקען צוטראָטן. אָבער דער וואַך־זעלנער האָט אים געפּאַקט ביים קאָלנער און אָפּגעוואָרפן צו דער מאָנאַסטירישער וואַנט. און ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס דאָ טוט זיך. ער האָט זיך שיר נישט פאַרקוקט אויפן סקאַנדאַל. דער צווייטער איז אויך געקומען צו זיך און אַרייַנגעשריגן אין הויף אַרייַן:

— זאָגט אָן דורכן טעלעפאָן! הילף איז נויטיק!

אָבער אין שטאָט האָט זיך שוין צוטראָגן דער טומל. פון פאַרשידענע עקן זענען געפלויגן רייטער.

— צוגייט זיך... צוגייט זיך..

— בירגער, וואָס געהערן נישט צום מאַנאַסטיר, זאָלן אָפּגיין... צוריק!...

אַ מאַנאַשקע אײנע האָט אַ קוויטש געטאָן און זיך גע־וואָרפן אויף דר'ערד. אַ רייטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר.

— זעצט אַרויף די מוטערל אויפן פור... אונטערן זייט, אונטערן זייט נעם אָן, לייב אַרויף... בירגערטע איגומעניע, זייט מוחל אויפן וואָגן. העלפט צו! פירט אונטער!

אַ גלעזער, אַ ייִד, וואָס האָט זיך געפונען צווישן עולם, האָט זיך צוגעזאָגטשעט:

— געזען אַ ביסל! אַ קאַוואַלער אַ זעלנערשער האָט זיך אָפּגעזוכט.

לעבעדיק האָט מען אונטערגעכאַפּט:

— כי־כי־כי... כאַ־כאַ... אויך ביי מאַנאַשקעס איז די נשמה נישט קיין ראָזשאַק...

— ס'ווילט זיך אַ שפּאַציר טאָן מיט קאַוואַלערן... כאַ־כאַ־כאַ...

— שדים פאַרשאָלטענע. די פּיסקעס האָבן זיי צעעפנט. מוטערלעך אונזערע!... באַשיצערקעס!...

— הי־הי־הי. יאָמער גאָך פאַר אַ קאָפּיקע, מומינקע. כ'וועל דיר אַ סאָוויעטישן צענערל אָפּציילן...

— עזות־פּנימער! פּלבים פאַרשאָלטענע.

— אָך, רעדט נישט אַזעלכע רייד, כ'בעט אייך. קום, מאַניע.

— כי־כי־כי... „קום, מאַניע"... די קלייד מיט קלאָשן, די קעשענע אויף אַ זייט... געמאַליעוועטע ליאַלעס!

— זע גאָר, זע גאָר, די מאַנאַשקעס לאָדן אָן זייער גוטס.

— זעסט, די נבלות, פּעקעלעך טראָגן זיי. אָרימע גע־בעך! און פון הינטן שלעפּן זיי פולע קופערטס.

— ביי דער איגומעניע אין קעלער האָט מען געפונען אַ טאָפּ מיט גאָלד.

— הונדערט אַרשין מאַנופאַקטור.

— אַ רחמנות געבעך, סאַראַ מערטירערקעס! נישקשה,

מ׳יאָגט זיי נישט אַרויס אויפ׳ן גאַס. מתפלל זיין און פּראַווען תּענית׳ים קען מען דאָרט אויך. נישט אמת, וואַסיאַ?

— איך, אַלס קאָמוניסט, גיב רעכט דעם גובאיספּאָלקאָם*).

— איך בין נישט קיין קאָמוניסט, אָבער דאָ בין איך מיט זיי מסכים. נישטאָ וואו הינצוטאָן די קינדער, כ׳פאַרשטיי עס.

— פאַרשטייט זיך, וואָס דען, לאָזן די קינדער קרעפּירן? פאַר זיי זענען דאָ חדרים מיט קלויסטער־שוועסטערס, און די קינדער וואַלגערן זיך הינטער פּאַרקאַנעס.

— אַ סך זענען יתומים... און טייך זיי וואַרפן, וואָס?

— נו־נו, צוגייט זיך... בירגער, בירגער! צוריק!

די מאָנאַשקעס האָבן די קליידלעך אונטערגעקליבן. פאַר־שמייעטע די זאַכן געפּאַקט. זיי האָבן פאַרלאָרן דעם אויסזען פון הייליקע בילדער. דער המון האָט געהודיעט. אין די שמועסן איז פאַרלאָשן געוואָרן דער מיטגעפיל צו די מאָנאַשקעס. גרישקע האָט זיך שטיל אָפּגעטיילט פון וואַנט און זיך פאַרלאָרן אין עולם.

III.

עפּעס אַ פויער האָט אַמאָל דערציילט וועגן זיך אויף אַ סטאַנציע: וויפל ס׳איז אים אויסגעקומען זיך שלייען איבער פאַרשידענע שטעט. האָט ער געזאָגט: אַזאַ אומרויקער מזל ביי מיר... גרישקע האָט זיך דעמאָלט פאַנאַנדערגעלאַכט צוזאַמען מיט אַלעמען, ער האָט עס אָבער נישט פאַרשטאַנען. איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם, און אויף זיך אָנגעמאָסטן:

— אַן אומרויקער מזל ביי מיר...

אָט איצט, לאָמיר נעמען, באַקומט דאָרט חברה „בוטנ־בראָדן" מיט טיי, און גרישקע מעסט די גאַסן און הערט זיך צו, ווי עס בורטשעט אין בויך. אַהינגיין צוריק איז פונדעסט־וועגן נישטאָ קיין חשק. אָבער מיטן בויך איז שווער דורכ־

---

*) גובערנסקער אויספיר־קאָמיטעט.

צוקומען. ער ליידט אַ טאָג, צוויי, און דערנאָך מאַכט ער פון מענטשן אַ תל. און די שפּייז־זאַפּאַסן — אַ נעכטיקער טאָג! אַלץ האָט מען צורעכט געמאַכט. זאַלבעזעקס באַהאַלטן זיי זיך אויס אויפ׳ן בית־עולם. גרישקע האָט אָפּגעזוכט די פינף, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן קוטשער באַגנבעט דעם שפּייכלער פון גובגאַראָבראַז און אַנטלאָפן פונם קינדער־הויז. נו, האָט מען זיך אויפן בית־עולם איינגעאָרדנט אויף נאַכטלעגערס. יענע האָבן געהאַט געלט, און אויך גרישקע האָט פון זיך פאַרקויפט העמד און הויזן. דעם מלוכה־מאַנטל האָט ער איבערגעביטן אויף אַ געמיינעם. אַ קלייניקייט האָט מען צוגעצאָלט. און אַלץ האָט מען אויפגעגעסן. ביי־טאָג שנאָרט מען איבערן שטאָט אָן שום מורא. ווער־מען ליגט עס אין קאָפּ זיי אַרומצוזוכן? יעדן טאָג ברענגט מען נייע קינדער. סיידן, מ׳רייסט זיך אָן אויף אַ שלעכטן מענטשן. זאָגט ער זיך אָן:

— ווער ביסטו אַזוינער? פון וואַנען?

אַ גוטער אָבער גייט זיך ווייטער זיין וועג. צו זיינע געשעפטן. און קוקט זיך אַפילו נישט אום!.

אַ שלעכטער טאָג איז היינט אויסגעפאַלן. גרישקע איז געשטאַנען ביי דער כאָוויעצישער קיך, און קיינער האָט קיין קוויטעלע נישט געגעבן. אין דער קינדער־קיך לאָזט מען אַמאָל אויך צו קוויטלעך אָפּלעקן די טעלער, און היינט האָט מען אַוועקגעטריבן. מ׳וואַרט אָפּ עפּעס אַ „ראַבקרינע"*). האָט ער פּרובירט מזל אין אַ שטוב.

— שענקט עפּעס כריסטוסן צוליב... דעם טאַטן האָט מען געהרגעט אין דער מלחמה, די מאַמע איז געשטאָרבן אויף אַ היצקרענק אין שפּיטאָל.

האָט מען געגעבן איבערן קאַרק.

— גיי, זאָגן זיי, ביי די קאָמיסאַרן דיינע בעט. זיי האָבן אייך אָנגעפּלאָדזשעט, לאָזן זיי אייך קאָרמענען.

וואונדערט זיך גרישקע.

— צי דען האָבן אונז די קאָמיסאַרן אָנגעפּלאָדזשעט? די

*) אַן אַרבעטער קאָנטראָל־קאָמיסיע.

טאַטעס מיט די מאַמעס! און זיי האָט מען אונז אונטערגעוואָרפן. גיי רעד אָבער מיט באַראַנים! און עסן ווילט זיך פאָרט. די קיכן זענען שוין צוגעמאַכט. נו־נו, אַ שלימזלדיקער טאָג אַ ביסל!

פון צרות האָט ער דערלאַנגט אַ באַשקירל*), — וואָס איז אויך געשטאַנען נעבן קיך — איבערן אויער, אָבער יענער איז פלינק. מיטן פויסט אין בויך אַריין. האָט ער אָפּגעאָיקעט, אָפּגערוט זיך און געגאַנגען ווייטער.

— חבר... שענקט אויף אַ שטיקל ברויט.

— קריך נישט אונטער די פיס. זיך צופלאָדזשעט אַביסל, אפילו די כאָלערע נעמט זיי נישט.

— זע נאָר, ס'אַראַ ברייטקייט אַ ביסל, מיטן פאָרפּעל־טשיקל פּאָכעט ער! קאַרגאָל אייגער, מיט דער גראָבער מחילה! אַ ייִנגל האַנדלט מיט פּאַפּיראָסן, איז ער אונטער צו אים.

— ווי טייער אַ צענדליק?

— צי אָפּ, דו זשוליק! אַזעלכע פּאַפּיראָסן זענען נישט פאַר דיר.

גרישקע האָט פאַרקוועטשט די אויגן. אָהאָ, ווי ער בלאָזט עס פון זיך! פונוואַנעט ווייסטו, אפשר האָב איך אַ צען אלפים.

— אַ צען אלפים האָסטו, נאַר אונטער אַנדערע. אַ־נו, ווייז נאָר!

— כ'וועל באַלד נעמען ווייזן אַבי וועמען. ס'איז נאָך אפשר מער געווען.

— געווען — און אויסגערונען. צי אָפּ, זאָגט מען דיר, קריגסטו אין מאָרדע!

— אַ־נו, גיב!

— כ'וועל טאַקע געבן!

— אדרבה, פּרוביר נאָר!

— כ'וועל טאַקע פּרובירן!

---

*) באַשקירן — אַ פאָלק פון מאָנגאָלישער אָפּשטאַמונג, וואָס וואוינט אין דרום־מזרח טייל פונעם אייראָפּעישן רוסלאַנד.

האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אויפן מיטן טראָטואַר און שפּרינגען אײַבער אויפן צווייטן ווי די העגער. און דאָ האָט דער רוח אָנגעטראָגן עפּעס אַ מאַדאַם.

— וואָס איז דאָס? דו האָנדלסט, ייִנגעלע?

און יענער האַלט די פּאַפּיראָסן אין אַ קעסטעלע אין האַנט. דער שוואַרץ־יאָר האָט אים אָנגעטראָגן זיך אַרויסצוכאַפּן.

— דער בעסטער סאָרט. וויפל? אַ צענדליק?

און זי כאַפּט אים גאָר בײַם אַרבל.

— קום נאָר מיט מיר אין דער מיליציע. דעם באַפּעל וועגן קינדערשער שפּעקולאַציע האָסטו געלייענט? אַן אַנאַלפאַבעט? וועלן מיר גיין צו די עלטערן.

יענער שפּאַרט זיך איין, און זי שלעפּט. און גרישקע, פֿאַרשטייט זיך, מאַכט אַ ויברח. ער האָט זיך שיר נישט אָנגעריסן. נאָך גוט, וואָס די ווײַבל איז אַ פּריץ, אַ נישט וואָלט זי זיי ביידע פֿאַרכאַפּט צו, אַ טאָג אַביסל!..

און דער טאָג איז שוין פֿאַרגאַנגען. דער הימל איז געוואָרן אַ גרויער, אַן אומעטיקער. געבליבן איז בלויז איין פּרײַלעכער שטרייף, אַ ראָזער. אָבער ער וואַרעמט נישט. די מענטשן אײַלן זיך אין די שטיבער. בייזער האָט אַ בלאָז געטאָן דער ווינט.

די פּיס פּלאָנטערן זיך אײַנע אין דער צווייטער, אָבער ס׳העלפֿט נישט. האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט אויפן בית־עולם. ער געפינט זיך אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, צווישן וואָקזאַל און דער שטאָט. ער איז אַרומגעצוימט מיט שטיינערנע ווענט, און די טירל פֿאַרמאַכט זיך נישט. איצט סקריפּען אויף אים די בוימער פון ווינט. און דער שניי איז נאָך נישט אינגאַנצן צעשמאָלצן. עס טרעפן זיך קאַלטע נעכט. אָבער בײַ זיי אין גרוב, אין אַ ווינקל צווישן צוויי ווענט, איז אַביסל וואַרעמער. צוויי מאָל האָבן זיי אײַנגעשטעלט: אַ פייער אָנגעלייגט. אָבער אָפּט איז אַ מורא. מ׳וועט באַמערקן.

גרישקע איז געקומען אַ פֿאַרצאָרנטער, און אַרײַנגעפֿאַלן אויף אַ שמחה. חברה האָבן אָנגעלקחנט עסנוואַרג און אָפּגע־

שטעלט אויך פאָר גרישקען. פון זאַטקייט האָבן די צוויי מיידלעך שטיל פאַרצויגן אַ לידל. אין זיי, די פיר יינגלעך, האָבן זיך דערציילט די נסים פון טאָג. אין גרוב איז מען געזעסן צוזאַמענגעדריקט. ס'איז ענג, אָבער וואַרעמער, און ביינאַכט איז נישט אַזוי שרעקלעך. אַזוי פאַלט אָן ביינאַכט אויפן בית־עולם אַן אימה. ווען עס רוישט דער ווינט און ס'איז פינצטער — איז בעסער. אָבער ווען די לבנה שטאַרצט אַרויס אויפן הימל און אַרום איז שטיל — איז שרעקלעכער. אין דער ווייט הערט מען דעם בילן פון הינט. דאָרט, וואו דער לעבעדיקער ישוב. און דאָ איז שטיל. מיט איין וואָרט — אַ קבר. עס דוכט זיך, — עמעץ האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָט פאַרשטאָפּט די מויל, כדי נישט צו אָטעמען, און קוקט זיך איין. קוקסט אַרויס פון גרוב, — די לבנה באַשיינט די קרייצן. אַלע קרייצן און די מצבות שטייען גלייך, פאַרגליווערטע. עס זעט אויס, ווי זיי לויערן און — דרויען. די נאַכט איז היינט אַ פינצטערע, אַ ווינטיקע. דער ווינט פאַרטראָגט פון שטאָט דעם אָטעם פונם לעבעדיקן לעבן. וואַסקע מיט די זומערשפּרענקלעך דערציילט תמיד, ווען ער איז זאַט. אויך היינט האָט ער אָנגעהויבן. די מיידלעך זענען שטיל געוואָרן, זיך געגומען צוהערן.

מ'האָט זיך דערעדט דערצו, אַז, ס'טרעפט, מ'באַגראָבט לעבעדיקע. האָט וואַסקע גענומען דערציילן.

— חברים, אָט וועל איך אייך דערציילן, וואָס ס'האָט אַמאָל פּאַסירט. אין איין שטאָט... נו, איז עפּעס אַ פריילן... אַ רעאַליסטקע זאָל דאָס זיין, צי אַ יעמנאַזיסטקע... קומט זי זיך אין שטוב און כסדר „אַך, אַך”... יאָ... „אַך, טאַטעלע, אַך, מאַמעלע, איך שטאַרב”, און אַ פאַל אויף דער פּאָדלאָגע... די מאַמעלע איז צוגעפאַלן צו איר, דער פּאַפּעלע איז צוגעפאַלן צו איר, און זי אין איין קול „איך שטאַרב און איך שטאַרב”. נו, פאַרשטייט זיך, לויפט מען תיכף נאָך אַ דאָקטור. ברענגט מען דעם דאָקטור. אַזוי און אַזוי, פּאַניע דאָקטור, זי האַלט ביים שטאַרבן. דער דאָקטור נעמט זי ראַטעווען. נו,

פאַרשטייט זיך, מיט קוואַס, און מיט שיקאָליאַטע, אָבער זי ביי אירס „ניין, ניין, איך שטאַרב". אַ דריגע מיט די פּיס און אָן אַן אָטעם. נו, פאַרשטייט זיך, דער דאָקטור איז אַוועקגעפאָרן. די מאַמע אירע האָט געיאָמערט, געיאָמערט, און מ'האָט זי אויסגעריכט אין טרומנע אַריין. נו, האָט מען זי באַגראָבן אויפן בית־עולם. איז זי דאָרט, פאַרשטייט זיך, געלעגן, געלעגן און מיטאַמאָל זיך גענומען רודערן. הערט דער סטרוזש: עס רודערט זיך! האָט ער זיך איינגעהערט, זיך איינגעהערט און אַוועק צו דער פריילנס טאַטע־מאַמע. זיי האָבן צונויפגענומען מענטשן, אויפגעגראָבן דעם קבר, און זי איז שוין נאָכאַמאָל, פאַרשטייט זיך, געשטאָרבן. קענטיק אָבער, זי האָט זיך גערודערט. איין פוס האָט זי אַט אַזוי פאַרלייגט אונטער זיך. און דער דאָקטור האָט געזאָגט: זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ ליסטאַרגישן שלאָף. און אַזוי האָט מען טאַקע אָפּגעדרוקט אין צייטונג. איך האָב דעמאָלט אָנגעזאָגט מיין טאַטע־מאַמע: באַגראָבט מיך נישט, ביז כ'וועל נישט געבן קיין ריח. יאָ־אָ.

די קינדער האָבן אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. און אַז ער האָט געענדיקט, האָט די נאַרישע פּאָלקאַ זיך צעיאָמערט: „כ'האָב מורא".

גרישקע האָט זי איינגענומען.

— בהמה, וואָס קלאָגסטו? וואַסקע האָט אַלץ אויסגעזויגן פון פינגער.

און וואַסקע שווערט זיך.

— זאָל איך אַזוי לעבן, זאָלן מיר די אויגן אַרויס, אויב ס'איז נישט געשטאַנען אַזוי אין צייטונג. אַ רעאַליסטקע זאָל דאָס זיין, צי אַ יעמנאַזיסטקע.

דער עלטערער פּעטקע, אַליין נאָך אַ בחורל, גרישקעס אַ בן־גיל, איז אַ שטרענגער. ער איז דאָ קאָמאַנדיר. האָט ער אָנגעשריגן:

— רעווע, רעווע, דו קליאַטשע. דער סטרוזש וועט דערהערן, וועט ער דיר פאַרציילן אַ מעשה, נאָך אַ שרעקלעכערע

פֿאַר וואַסקעס. און דו, פּלוידערזאַק, פֿאַרשטאָפּ דעם פּיסק!
וואַסקע איז אַריין אין כּעס:
— וואָס זאָגט איר צו אים! „פֿאַרשטאָפּ דעם פּיסק!״ וואָסי, איך האָב עס געדרוקט אין צייטונג? וואַרט נאָר, כ׳וועל דיר דערלאַנגען אַ געזונטן כּמאָל, וועסטו שוין גלויבן.
אין וואַלד האָט זיך דערהערט: באַך-באַך! דער וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן גלייך הינטער דער בית-עולם־וואַנט.
די קינדער זענען שטיל געוואָרן.
— מ׳שיסט, — האָט אַרויסגעמורמלט אַ נ י ו ט ק ע.
זי האָט עס געזאָגט שטיל, אָבער קיין שרעק האָט זיך שוין אין קול נישט געהערט. נישט צום ערשטן מאָל הערן זיי שאָסן.
גרישקע האָט אין דער פינצטער מיושבדיק אָנגעכמורעט די ברעמען.
— פֿאַרמשפּטע צום דערשיסן זענען עס. די קאָנטער־רעוואָ־ליוציאָנערן.
— פֿאַרוואָס אָבער? — האָט אַ פּישטשע געטאָן פּ אָ ל ק ע.
פּעטקע האָט זיך אָפּגערופֿן:
— אָט, אַ בהמה. שוין צום צוועלפֿטן מאָל זאָג איך דיר: די, וואָס גייען קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט.
דער שווייגנדיקער אַ נ ט ר אָ פּ ק ע האָט זיך אַ ריר געטאָן.
— און איך האָב מורא, ווען מ׳שיסט מענטשן. ס׳טוט וויי.
און אין וואַלד נאָכאַמאָל: באַך-באַך! צוגעטוליעטע האָבן זיי נייגיריק זיך איינגעהערט. פֿאַר טויטע האָבן זיי מורא געהאַט, און דעם טויט האָבן זיי נאָך נישט געקענט. און די פֿיין פֿון די, אין וועלכע מ׳האָט געבאַכעט, האָט זיי נישט געשראָקן. בלויז אַנטראָפּקע האָט געציטערט. ער האָט געזען די מלחמה אין זיין דאָרף. זיין הערצעלע האָט זיך צונויפֿ־געדריקט, און מיט וויטאָק, שלינגנדיק די טרערן, האָט ער שטיל געזאָגט:
— וואָלט מען זיי בעסער אין טיורמע אַריינגעזעצט.
פּ ע ט ק ע האָט מיט פֿאַראַכטונג אויסגעשפּיגן.

— און דער, וואָס איז אַ גרויסער ליידאַק און האָט וויפל מענטשן געהרגעט, וואָס זאָל מען טאָן מיט אים?

— זאָל מען אים אין טיורמע אַריינזעצן...

— ער וועט אַנטלויפן, און ווידער הרגענען.

— זאָל מען צו אים צושטעלן זעלנער, וועט ער שוין נישט לויפן...

— ער וועט די זעלנער הרגענען.

— ער האָט דאָך גישט קיין ריוואָלווערט, ער וועט נישט הרגענען...

ער האָט פעטקען צוגעשפאַרט צום וואַנט. יענער האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט.

— ביזט אַ נאַר, אַנטראָפּקע!

און גרישקע האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר געטראַכט.

— ווען מען שיסט אין זיי, פאַרזשמורען זיי די אויגן, צי נישט?

און פּלוצלינג האָט ער ווי דערזען: זיי פאַרזשמורען. ס'האָט אים פאַרקלעמט די האַרץ, ווי אַנטראָפּקען.

די שיסערייַ איז שטיל געוואָרן. די קינדער האָבן געהערט: וועט מען שוין מער נישט שיסן? און נישט דערוואַרט זיך. דער שלאָף איז געקומען, צוגעמאַכט די אויגן־לעפּלען, און אַלע געדאַנקען דערווייטערט. בלויז אַנטראָפּקע האָט שטיל געיאָמערט אין שלאָף.

אינדערפרי, ווי נאָר די זון האָט דערוואָרימט אַ ביסל, איז אַלץ געוואָרן לעבעדיק און פרייליק. די פינצטערניש איז פאַרשוואונדן און צוזאַמען מיט זיך דעם פחד. הינטער דער בית־עולם־וואַנט האָבן זיי געשפּילט אין גובטשעקאַ און אין דערשיסן. פעטקע איז געווען מאַדזיצער פון גובטשעקאַ. אין איין האַנט האָט ער זיך געמאַכט האַלטן אַ רעוואָלווער, און מיט דער צווייטער האָט ער געשאָסן פון אַ פּולעמיאָט. פּאָל־קען מיט אַ ביטקען האָט מען געפירט שיסן. אַנטראָפּקע מיט גרישקען האָבן זיי געדאַרפט דערשיסן. גרישקע האָט פריילעך באַפוילן:

— פאַרזשמורעט די אויגן! די אויגן פאַרזשמורעט!...

אין די קלינגנדיקע קינדערשע געשרייען איז נישט געווען נישט קיין לעסטערונג, נישט קיין אימה און נישט קיין צאָרן. אין זייער קינדערשער אומשולדיקייט האָבן זיי נאָכגעמאַכט דאָס לעבן פון די דערוואַקסענע. און די זון האָט הייס געבאַקן. מיט איר צערטלעכקייט האָט זי ווי צוגעזאָגט: זיי וועלן נאָך צוטראַכטן אַ נייע שפּיל, וועלן זיי די פאַרגעסן.

ס'האָט זיך געמאַכט אַ פרייליכער טאָג. מ'האָט געפּייערט די פאַריזשער קאָמונע. אין דער קינדער־קיך האָט מען געגעבן אָפּצועסן אָן קוויטלעך. די בית־עולם־איינוווינער זענען אַריינגעפאַלן אין אַ נאָענטער רייע און זיך אָנגעזעצט. דערנאָך זענען זיי מיטן המון געגאַנגען נאָך די רויטע פאָנען. דעם אינטערנאַציאָנאַל געזונגען. אויף די פלעצער האָט מען הויכע קעסטלעך אַרומגענומען מיט רויטן שטאָף. קאָמוניסטן האָבן אויף זיי געמאַכט מיט די הענט און עפּעס געשריגן וועגן דער פאַריזשער קאָמונע. איינער פון זיי איז גרישקען באַזונדערס געפעלן געוואָרן. אַ גרויסער, אַ געקרייזלטער, מיט אַ געזונטער שטימע. מ'הערט אים אויף ווי ווייט. ער לויפט אַרום איבערן קעסטל, וואַרפט מיט די קודלעס, און פּלוצלונג, אַז ער גיט עס אַ קלאַפּ מיטן פויסט איבער דעם קעסטל:

— די קעפּ דעקט אָפּ! כ'וועל רעדן וועגן די קדושים פון דער קאָמונע!

ער האָט שטאַרק און דייטלעך אַ בריל געטאָן. גרישקען זענען די ווערטער גוט אַריין אין זכרון, און דערנאָך האָט ער אַליין אויך געשריגן צווישן המון:

— די קעפּ דעקט אָפּ, כ'וועל רעדן וועגן די קדושים פון דער קאָמונע!

ער האָט עס אויסגעשריגן נעבן עפּעס אַ פרוי, האָט זי אים אַריינגעליאַפּעט אַ פּראַסק.

— אַ חזירל דאָס איז, שרייט ווי נישט מיט זיין קול! וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמונע, ווייס ער נישט, — און קוויטשעט דאָס אָרט, וואו גרישקע האָט אַריינגעכאַפּט דעם כמאַל[!]

האָט ער אַ ריב געטאָן, און אַוועקגעלאָפן ווייטער, אַ פריילע־כער. וואָס הייסט, ער ווייס ניט? ער ווייס. די קאָמונע דאָס איז ביי די קאָמוניסטן, און די פּאַריזשער... פאַראַן אַזאַ שטאָט. ערגעץ ווו הינטער מאָסקווע. נאָך אין קינדער־הויז האָט ער געהערט: „פּאַריזש איז אַ גרויסע שטאָט, קומסטו דאָרט צופאָרן — ווערסטו פאַרפאַלן”. ניין, ניט געטראָפן דאָס וואָרט, — גרישקע ווייס. און ווידער האָט ער אין ווילדער באַגייסטערונג אויסגעשריגן:

— ... מיט זיין אייגענער האַנט.

דער המון האָט זיך ווידער פאַרהאַלטן. עפּעס אַ פּשוט ווייבל צי אַ מאַדאַם האָט געקוויטשעט אויפן קעסטל מיט אַ דינינקן קול. וואָס — הערט מען ניט, אָבער אַז די קוקסט אויף איר, ווילט זיך לאַכן. זי גייט אַרויס פון די כלים. און איר האָט גרישקע נאָכגעקרימט מיט אַ דינינקן קולכעלע: אי—טי—טי—טי! און איז אַוועק ווייטער. פון צווישן עולם איז אַרויסגעשפּרונגען עפּעס אַ שפּורל.

דער מאַנטל איז ריין, דאָס היטל — מיט לאַנגע אויערן אויף די זייטן און אויפן ברוסט איז אָנגעטשעפּעט אַ רויטער שלייף. אַ דאַרינקער צאַפּ, אַ געפּאַקטער און אַ קאַסאַקער. ער מאַכט מיט די הענט און רייסט זיך אויף די ציין:

— חברים, איך בעט אייך, וואַרפט אַראָפּ דעם קאַפּיטאַל

זיין פּלוניתטע, ווייזט אויס, האָט אים אָנגעכאַפּט ביים מאַנטל, אָבער ער רייסט זיך צום „קעסטל”.

— איך בעט אייך זייער, וואַרפט אַראָפּ דעם קאַפּיטאַל

צוויי רייטער זענען אָנגעלאָפן צו אים און אונטער־געכאַפּט אונטער די אָרעמס. צווישן עולם האָט מען זיך צעלאַכט

— אָט דאָס הייסט אַראָפּגעוואָרפן דעם קאַפּיטאַל.

— און מיט וואָס האָט ער זיך געקענט אָנזויפן? — האָט מיט קנאה זיך געוווּנדערט אַ הייזעריקע באַס־שטימע.

און פאַר גרישקען איז עס נאָך אַ פרייד. צום בית־עולם איז ער געפלויגן מיט אַ קלינגנדיקן געשריי.

— חברים, איך בעט אייך, וואַרפט אַראָפּ דעם קאַפּיטאַל!

איינמאָל ביינאַכט האָט מען אַרומגערינגלט דעם בית־עולם. געזוכט האָט מען עפּעס אַ וויכטיקן העכט, און געפונען האָט מען גרישקעס קאָמונע. אין דער סודותפולער שעה פאַרן זון־אויפגאַנג, האָבן זיך געשלעפּט מיטן באַקאַנטן וועג די מינ־דעריאָריקע געזעצברעכער, פאַלנדיק פון די פיס פון פאַר־שלאָפנקייט. די פאַרמאַטערטע רויטע־אַרמייער האָבן געשאָטן מיט קללות, אָבער נישט געשלאָגן.

IV.

נאָכן אָפּזיצן די נאַכט, האָט מען זיי ווידער געפירט אין נאַראָבראַז. אַ פּאַרטיע פון 15 פּערזאָן, באַגלייט פון דריי מיליציאָנערן. דער עלטסטער האָט דעם גאַנצן וועג געהוסט, געכראָקעט און געזאָגט מוסר די קינדער.

— נו, כ׳בעט אייך, וואָס פאַרא מענטשן וועלן פון אייך אויסוואַקסן, אויב איר געפינט זיך שוין פון קליינווייז אויף אונטער אַ שמירה? מיסט זענט איר, אַט וואָס! און צו וואָס האָט מען אייך געבוירן? טפו! העי דו, געגאָלטע קאָפּ, דריי זיך נישט. אָן דיר איז שוין אויך פּאַסקודנע.

דער קאָסאָקער באַשקירל האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען קיין רוסיש. האָט ער געשריגן און זיך געריסן צו אַנטלויפן. אַ געשטופּלטער מיליציאָנער האָט אים געדראָט מיטן ביקס, דער־נאָך אים אָנגענומען ביי דער לאַנגער העמד און אים געשלעפּט נאָך זיך. די טאַטאַרישע יאַרמעלקע איז אַראָפּגעפאַלן אין בלאָ־טע. דער עלטסטער האָט זי אויפגעהויבן און זי אים אָנגע־רוקט איבערן אויער און דער באַשקירל האָט זיך גע־ריסן אין אַ זייט און געשריגן. דאָס געלע פּנימל, מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע קין־ביינער, איז געבליבן אומבאַוועגלעך, און דאָס געשריי איז געווען אַ סקריפּנדיקן און אַן איינטאָניקן.

— איגא קייטירגא טי־לע־עם! (איך וויל אַ היים).

דער עלטסטער האָט געענטפערט, וואָרטשענדיק:

— קאטירגא, קאטירגא... פאַרשטייט זיך, אַז קאַטאָרגע. סיי פאַר אייך, סיי פאַר אונז מיט אייך. אָבער הער שוין אויף צו סקריפען! אויב ס'איז דיר אָנגעשריבן געוואָרן קאַטאָרגע — איז שוין אַלץ איינס, צי דו וועסט שרייען, צי נישט. מיסט, אמתע מיסט! הער אויף צו יאָמערן!

דער באַשקירל האָט אָבער געיאָמערט. ווי אַ הינטל, אויף וועלכן מענטשן האָבן אין איילעניש אַרויפגעטראָטן. דורכגייער פלעגן די קינדער נאָכקוקן. אַ גרויער הער, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָלנער אויך אין דאַזיקן וואַרעמען טאָג, האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט אויפן קול:

— אַ חרפה און אַ שאַנד! קינדער זאָל מען פירן אונטער דער שמירה פון ביקסן. דעם קליינעם האָט מען, מסתמא, געשלאָגן?

איז דער עלטסטער אָנגעפאַלן אויף אים.

— ביסט אַזאַ בעל־רחמנות, טאָ נעם אים צו זיך. יעדן טאָג שלעפן מיר זיך מיט זיי אַרום. איר האָט רחמנות, אָבער זיי קאָרמענען ווילט איר נישט, האַ?

דער הער איז געווען אויפגעבראַכט. די קינדער האָבן זיך געשלעפט ווייטער.

אין נאַראָבראַז גייט מען, פאַרשטייט זיך, גלייך אין צימער פאַר עניים פון מינדעריאָריקע. און דאָרט זעצט מען זיך שוין אויף דער פאָדלאָגע. דער אַלטינקער סעקרעטאַר האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין די פאַפירן, מאַטערט ער זיך און עס פאַלן אים פון טיש אויף דער פאָדלאָגע פאַפירלעך. אַ פריילן מיט אַ געקרייזלטער גזשיבקע ראָיעט זיך אין שאַפע. אַ צווייטע, אַ ביסל אַן עלטערע, מיט גלעזלעך אויפן נאָז, צופט דעם שנירל פון די גלעזלעך און כעסט זיך.

— כ'וועל אַלע אָפשיקן אין גובאיספאָלקאָם *). זאָלן זיי אַהינטאָן די קינדער וואו זיי ווילן! וואָס טוט זיך דאָ..

און אין טיר פירט מען ווידער אַריין קינדער. אַלערליי,

*) גובערנסקער־אויספיר־קאָמיטעט.

אי אין מלוכהשע בגדים, אי אין היילע וועש און אין פאַר־שידענע טראַנטעס.

גרישקעס פּאַרטיע האָט מען אָפּגעשיקט אין קינדער־הויז. דאָרט האָט מען געזאָגט:

— נישטאָ קיין אָרט. מיר וועלן נישט צונעמען.

האָט מען זיי געבראַכט צוריק. דער עלטסטער באַגלייטער האָט אויסגעשפּיגן און אַוועק. די צוויי אַנדערע האָבן צונויפגעוויקלט פּאַפּיראָסן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פיס אויף דער פּאָדלאָגע אָפּרוען. גרישקען איז נישט גוט געוואָרן. אי פון הונגער, אי פון דער פאַרשטיקטער לופט אין צימער. אַמייסטן אָבער פון אומעט. האָט ער זיך געזעצט אויף דער פּאָדלאָגע. אָנגעשטעלט די מוטנע אויגן אויפן פּאָלאָפּ, שטייף פאַרשטשימעט די ליפּן. דער פּנים איז געוואָרן פאַרטרויערט און פאַרעלטערט. און אין צימער איז אַריין אַ געגאָלטער, מיט אַ לאַנגן נאָז, מיט דינע ליפּן. אויפן שפּיציקן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ צופלאַטשיקטע קעפּקע, וואס איז געווען אַראָפּגערוקט ביז די סאַמע אויגן. זיין גאַנג איז געווען פעסט. ריכטיק ווי מיט יעדער טריט וואָלט ער איינגעדריקט די ערד. און די שיך זענען געווען אויסגעטראָטן און אויסגעזעצן ווי חיהשע לאַפּעס. גלייך ווי ער איז אַריין, האָט ער זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול. און אויך דעם שטול האָט ער ווי אַריינגעדריקט אין דער פּאָדלאָגע.

— נו, וואָס? איר רודערט? נאָך אַלץ מיט פּאַפּירן און פּאַפּירעלעך? אין אויוון דאַרף מען אַריינוואַרפן די דאָזיקע אַלע פּאַפּירלעך. און דו באַשקורדיסטאַן, וואָס וואַיעסטו? אוי־טאָנאָמיע פּאָדערסטו?

ער האָט אַ ביסל פאַרדריקט די שמאָלע אויגן און געקרימט די דינע ליפּן פון אַלץ האָט ער אָפּגעלאַכט. ביים ריידן האָט ער כסדר געריבן מיט די דלאָניעס איינע אָן דער אַנדערער, זיך געדרייט אין דרייען, געגלעט מיט די העזט די פיס ביז צו די קני. ער האָט זיך אינגאַנצן געוואָרפן. קיין איין מינוט איז ער נישט איינגעזעסן רויק. יעדער גליד זיי־

נער האָט ווי געפּאָדערט באַוועגונג, טעטיקייט.

— וואַרט נאָר אונטער, חבר מאַרטינאָוו, — האָט נעבעכדיק געצויגן די עלטערע פּריילן. — תּמיד קומט איר מיט רעש. דער קאָפּ הויבט זיך אָן צו דרייען. וואו טוט מען זיי אַהין?

— רייניקן בית־הכּסאות, גראָבן ערד... וואו? ס׳וועט זיך געפינען אַן אָרט. העי דו, באַשקירישע אַרבאַ,*) וועסט נאָך לאַנג סקריפּען?

און האָט זייער ענלעך נאָכגעקרימט

— אי־הי־הי־הי...

ביים באַשקירל זענען טרוקן געוואָרן די אויגן. די ליפּן האָבן זיך צעצויגן אין אַ שמייכל. און אויפגעהערט צו סקריפּען.

— נו, פריילנס, איז וואָס הערט זיך? נאָך אַלץ פּאַפּירעלעך, פּאַפּירעלעך? לויט אינסטרוקציעס, מיט אַנקעטעלעך?

און רייבט ווידער די דלאָניעס איינע אין דער צווייטער.

— צען פון די דאָזיקע כּל־בוניקעס וועל איך ביי אייך נעמען. צען — קען איך.

— אָט דאָס איז גוט, חבר מאַרטינאָוו, האָט זיך די עלטערע דערפרייט. — מיר וועלן גלייך אָפּקלייבן פאַר אייך. דאָ זענען דאָ אַזעלכע, וועמעס ענינים ס׳זענען שוין דערליידיקט.

— איך וועל אַליין אָפּקלייבן. איך האָב מיר מיין אַנקעטע.

און זיך אויסגעדרייט צו די קינדער מיטן שטול. ער האָט אָנגעשטעלט דעם בליק אויף אַ הויכן, בלאָנדן ייִנגל.

— העי דו, וויסער! גנבענען קענסטו גוט?

דער ייִנגל איז רויט געוואָרן, און נישט געוווּסט, ווו זיך אַ הינצוטאָן.

— פאַר אומזיסט און אומנישט האָט מען מיר פאַרנומען דאָס האָט פעדקאַ פּיאַטקאָוו צוגעגנבעט, — און איך...

— פליאַדערן קענסטו גוט. און שלאָגן זיך האָסטו ליב? מיט די הענט אָדער מיט אַ מעסערל?

---

*) אויף טאטאריש א וואגן.

— ניין, איך שלאָג זיך נישט.

— שלאָגסט זיך נישט? בהמה. און דו, וואָס ביסטו גרין געוואָרן?

דאָס האָט ער זיך געווענדעט צו גרישקען.

גרישקע האָט געזעצן, ווי ער האָט זיך געדרייט אויפן שטול און גיך, גיך געריבן די הענט איינע אין דער אַנדערער, און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט:

— אין אַ חיות-צירק האָט ער געזען אַזאַ אומרוּיקע מאַלפּע. ס׳איז ענלעך. אי די הענט זענען לאַנג, אי די מאָרדע ווי זי וואָלט זיך געריייצט.

— פון וואָס איז דאָ צו לאַכן? פאַרוואָס האָסטו אַזאַ גרינע צורה?

גרישקע האָט אַ דריי געטאָן מיטן נאָז און געענטפערט:

— ווערסט גרין ווערן, סיקנדיק דאָ אָן עסן און אָן טרינקען פון אינדערפרי!

— ביסט גאָרנישט געוווינט אָן עסן?

— געוווינסט זיך צו, געוווינסט זיך צו, און דער בויך טוט פאָרט וויי.

— ביסט פון טיורמע אַנטלאָפן, וואָס?

— וואָס פאַראַ טיורמע? איך בין אַ מינדעריאָריקער. פון מאָנאַסטיר בין איך אַנטלאָפן.

— האָט מען דיר שוין געמאַכט פאַר אַ מאָנאַך? דאָס רופט זיך ביי זיי נישט קיין מאָנאַסטיר, מיין פריינט, נאָר אַ מע־די־קאָ־פע־דאַ־גאָ־גישע שטעטל. היגטישע לעבערס — צוגעטראַכט אַביסל! פאַרוואָס־זשע ביסטו אַנטלאָפן?

— אַזוי זיך. קיין חשק נישטאָ דאָרט צו זיין.

די עלטערע פריילן האָט געמאַכט געלערנטע אויגן און געזאָגט:

— אַ דעפעקטיווער. ווי ס׳שיינט, — פון דער קאַטעגאָריע בראַדיאַגעס.

— אָט ביסטו שוין אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ פונקט אויך. חכמים! און ווי הייסטו?

— פּעסקאָוו גריגאָרי.

— אַהאַ. אַזוי איז עס, גריגאָרי פּעסקאָוו. אין טיורמע, וואָגסטו, ביסטו נישט געזעסן?

— פאַרוואָס עפּעס? נאָך אַ מין זיצן! נישט איינמאָל. אָבער איצט איז עס נישט אָנגעקומען. די מינדעריאָריקע געזעצברעכער האָט מען איינגעאָרדנט.

האָט ער זיך צולאַכט נישט הויך, פון גאַנצן האַרצן, און דער פּנים איז געווען אַ מענטשלעכער, נישט פון קיין מאַלפּע.

— איר הערט, חברטע שידלאָווסקאַ, די געזעצברעכער האָט מען איינגעאָרדנט? כאַ־כאַ־כאַ. בית־הכסאס וועסטו ריינִיקן?

— עס שטינקט פון זיי. אַז מען דאַרף אָבער, וועל איך ריינִיקן.

— נו, גוט. וועסט פאָרן מיט מיר.

— וווּהין?

— וועסט שוין זען פּאַרטיקערהייט.

— ס'וועט אומעטיק זיין, — וועל איך אַנטלויפן. דורך אַ וואָך וועל איך אַנטלויפן, — האָט גרישקע אַריינגעוואָרפן מיט אַ בייזער טראָציקייט.

— ביי אונז איז נישטאָ קיין וואָך. לויף זיך. וועסט נישט טויגן, וועלן מיר דיר אַליין אַרויסוואַרפן. מיטן פוס אין הינטן! מיר דאַרפן נישט קיין אומזיסטע פרעסער. אָט דעם נעם איך.

און מיט אַ שמייכל האָט ער גענומען אויסרעגן די אַנדערע קינדער.

די רויקע און פריינטלעכע האָט ער נישט גענומען. דריי מיידלעך האָט ער אָפּגעקליבן, זעקס יינגלעך און דעם סקריפּעדיקן באַשקירל.

— אין דריי טעג אַרום קומט אויפן וואָקזאַל, און מאָרגן וואַרט דאָ. מיר וועלן געפינען מיט וואָס צוצודעקן דעם גוף.

— חבר מאַרטינאָוו, מ'דאַרף דאָך זיי ערגעץ ווו איינאָרדנען אויף די עטלעכע טעג. מ'קען זיי דאָך נישט לאָזן אָן השגחה.

— וואָס פֿרעגט איר! מ׳דאַרף צושטעלן צו זיי אַ גוּ-וּוערנאַנטקע, אַ פֿראַנצויזשענקע. פּאַרלע פֿראַנסע, גריגאָרי פּעסקאָוו!

כּמעט די גאַנצע חברה האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. אפֿילו דער באַשקירל. מאַרטינאָוו האָט שוין צו גוט געמאַכט אַ מינע.

— תּמיד זענט איר דאָ מיט אייערע לצנותן, חבר מאַר-טינאָוו. עס פֿירט אַרויס פֿון געדולד. איר פֿאַרשטייט נישט, אַז זיי זענען כּמעט אַלע דעפֿעקטיווע.

— נאָך אַ מין פֿאַרשטיין! דער נאַרקאָמפּראָס *) האָט אין זיינע אינסטרוקציעס אַלץ דערקלערט, ווי ס׳געהער צו זיין, אָנקאָרמענען דאַרף מען זיי, פֿריילן, און שיקן אויף אַרבעט, שטיינער שלעפֿן! העי, איר, וועלכע כ׳האָב אָפּגעקליבן — קומט נעמען פּראָדוקטן!

— אָבער, הערט, דאָס האָט דאָך גאָר קיין פּנים נישט! מ׳דאַרף דאָך כאָטש צונויפֿשטעלן פֿון זיי אַ רשימה, דערנאָך באַשטימען, ווהין זאָל מען זיי אָפּשיקן אויף די עטלעכע טעג, אַרויסרופֿן אַ שמירה, כּדי צו באַגלייטן אין וועג.

— וואָס שייך דער רשימה, טוט ווי איר ווילט, אויב איר האָט אַזוי ליב צו שרייבן. אָבער קיין שמירה דאַרף מען נישט. איך נעם זיי צו זיך אין קוואַרטיר. היידאַ, פּראָדוקטן נעמען!

— זיי וועלן זיך דאָך אַלע צולויפֿן פֿון אייך.

— וועלן זיי אַנטלויפֿן, וועלן זיי בלייבן די נאַראָנים. וועט מען זיי נאָכאַמאָל אַרייננפּאַקן אין אייער מעדיקאָ-פּעדאַ-גאָגישן מאָנאַסטיר. מאַכט אַ רשימה. חברה, באַלד וועל איך קומען נאָך אייך, כ׳וועל גיין אַ טאָפּ טאָן מכח צידה-לדרך.

גייענדיק האָט ער גרישקען אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און — אַוועק. גרישקען איז עפּעס געוואָרן פֿריילעך. די לאַנ-גע האַנט האָט צערטלעך אַ גלעט געטאָן זיין קאָפּ. און גריש-קע האָט אַ טראַכט געטאָן:

— דער דאָזיקער איז נישטקשה. אַ רעכטער יאַט. קיינער פֿון די צען איז נישט אַנטלאָפֿן. נישט קיין

*) פֿאָלקס-קאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג.

דריי טעג, נאָר אַ וואָך האָבן זיי אָפּגעלעבט מיט מאַרטינאָוון אין זיין קליינינקן צימערל אונטער דער מוזיק פון דער בעל-הביתטעס קרעכצן. אָבער די דאָזיקע קרעכצן האָבן זיי נאָר געהערט דעם ערשטן טאָג, ווען זיי זענען געקומען אינאָוונט. די אַנדערע טעג פלעגן זיי קומען שפּעט. גלייך צום שלאָפן. גאַנצע טעג פלעגט זיי מאַרטינאָוו אַרומיאָגן איבער אַלע עקן שטאָט צו אָפּנעמען וואָס. אין איין אָרט האָט ער באַקומען פלים, אין צווייטן — מאַנופאַקטור, אין דריטן — קאַשע. דערנאָך האָבן זיי אָנגעלאָדן אין דער טעפּלושקע *) קעסטלעך מיט גלאָז. מיטן קוטשער ניקאָליי זענען זיי געפאָרן אויפן פערמע באַך קי. ווי אַ גוטער בעל-הבית האָט מאַרטינאָוו פון אומעטום עפּעס גענומען פאַר דער קאָלאָניע. ער האָט געפונען אַ שפּאַרונג אין אַלע שפּייכלערס, וואָס זענען פאַר אַנדערע פאַרהאַקט געווען אויף זיבן שלעסער. כדי צו פאַרבעסערן דעם לעבן פון די קינדער איבער דער באַשטימטער מאָס, האָט ער אין קאַבינעט פונם פאָרזיצער פון גובטשעקאַ אַראָפּגענומען אַ וואַנטזייגער פאַר דער קאָלאָניע. און גייענדיק האָט ער כסדר געריבן די דלאָניעס איינע אין דער אַנדערער. פון אַלעמען געחוזקט. אויף די קינדער געשריגן.

— העי, כל-בוניקעס, וואָס זיצט איר מיט פאַרלייגטע הענט פון נחת? רירט זיך, גיט זיך אַ ריר. באַשקורדיסטאַן, גיי ברענג וואַסער מיט ניקאָלייען! מ'דאַרף אָנפּאָיען די בהמות.

און דער באַשקירל האָט פאַרשטאַנען די רוסישע שפּראַך לויט די לעבעדיקע באַוועגונגען. איז ער געלאָפן אין הויף מיט אַ קעל-געשריי.

גרישקע האָט אויפגעלעבט. דער עיקר — ס'איז פרייליך! וויפל מענטשן זעט מען עס איבער אַ טאָג.

די ערד ווערט שוין טרוקן. פון די ביימער טראָגט זיך אַ זיסער פרילינג-ריח. די זון קאַרגט נישט מער. כמעט אַ גאַנצן טאָג וואַרעמט זי. אויב עס גייט אַ רעגנדל, איז ער אַ

*) אַ משא-וואַגאָן.

פריידיקער. ער וואַשט בלויז אַרום און לאָזט ווידער צו די זון אַלץ צו טריקענען.

ס׳איז לייכט צו לויפן! גלייך דעם ערשטן טאָג, ווי זיי זענען אַרויס פון נאַראָבראַז, האָט זיי מאַרטינאָוו אַוועקגעפירט צום שערער. מ׳האָט אַלעמען אָפּגעגאָלט די קעפּ ביז די וואָרצלען, אפילו די מיידלעך. דערנאָך האָט מען זיך אָפּגעוואַשן אין באָד און אָנגעטאָן קורצע הויזן. אויך די מיידלעך. ס׳איז מאָדנע! אָבער נישטקשה, מ׳האָט זיך צוגעוווינט. די בגדים זענען לייכט. ווילסט, דוכט זיך, גאָרנישט, און ס׳טאַנצט זיך אין זיי. די הויזן — ביז די קני, די העמדלעך — אָן קראַגנס און אָן אַרבל.

דער גאַנצער וועג אין דער קאָלאָניע איז פאַר גרישקען געווען ווי דער ערשטער וווּנדערלעכער חלום.

מ׳איז געפאָרן אין צוויי טעפּלושקעס. די מאָגערע קי און פערד האָט מען געפירט מיט זיך. אויף די אָפּשטעלן פלעגט מען זיי באַקראַמען. מ׳האָט געטראָגן וואַסער. מאַרטינאָוו האָט אָנגעפּאָמפּעט מיט ברייט צושטעלטע פיס. געשריגן אויף די קינדער. אין משך פונעם פאָרן פלעגט ער ריידן מיט די קינדער וועגן זיי גופא. ער האָט נישט אויסגעפרעגט, — אַליין פלעגן זיי זיך רייסן אים אַלץ צו דערציילן וועגן זיך. גרישקען האָט ער געזאָגט:

— דו האָסט קיין עלטערן נישט — דאָס, מיין פריינט, איז זייער גוט. עלטערן זענען קיין דרייער נישט ווערט! די מאַמע האָלט דעם זון אונטערן פאַרטוך און דער זון וואַקסט אויף אַ גאָרנישט. געבוירן — און גענוג. לעב אַליין.

— יאָ, דער מיליציאָנער האָט געזאָגט: איר זענט ווי מיסט.

— מיסט איז אַ גוטע זאַך. פון מיסט וועט דאָס ברויט זיין גוט. הערט, מיינע פריינט, אויפן איצטיקן אָפּשטעל וועלן מיר מעלקן די קי. מיר וועלן טרינקען מילך. מילך איז אַ טייערע זאַך!

פלייש האָט ער נישט געגעסן, און אָפּגעלאַכט פון די קינדער.

— איר פאַרבייסט מיט באַרבאָסן?*) פּרעסט, פּרעסט.

גרישקע האָט געקוויטשעט פון באַגייסטערונג.

— דאָס איז רינדפלייש, נישט קיין הינט־פלייש!

— אַלץ איינס. דערזעלבער טייוול. באַרבאָס! מילך, זעט איר, איז גוט. דאָס, פּריינט מיינע, איז גוט!

מיט איין טעפּלושקע האָט אָנגעפירט מאַרטינאָוו, מיט דער צווייטער — דער קוטשער ניקאָליי. און דאָס איז די גאַנצע שמירה. די קינדער פלעגן זיך בייטן. אַמאָל פלעגן איינע פאָרן מיט מאַרטינאָוון, אַמאָל — די אַנדערע. זיי האָבן אַליין איינגעפירט אַ ריי, ווען ווער זאָל פאָרן מיט וועמען. מ'האָט זיך געוואַלגערט אויפן שמעקנדיקן היי. געזונגען לידער. ווער וואָס ס'האָט געקענט און געוואָלט. בעסער ווי ביי אַלעמען איז אַרויסגעקומען ביים באַשקירל. די ווערטער זענען אומפאַרשטענדלעכע, מ'קען זיי נישט געדענקען. אָבער ס'דוכט זיך, אַז ס'איז אַרויסגעקומען:

— איי, דין בינדי דינדי בינדי.

— איי, דין בינדי דינדי בינדי.

וווּנדערבאַר! פינף מאָל האָט ער עס געזונגען, חברה האָט געבעטן. ער מאַכט צו די אויגן, פאַרלייגט די פיס אונטער זיך, ווי אַ טערק שאָקלט זיך און זינגט. אַ מחיה! גרישקע איז גרייט צו הערן נאָך פינף מאָל.

אין די ברייט צעעפנטע טירן פון דער טעפּלושקע האָט זיך אַריינגעריסן דער פרייער, שמעקנדיקער סטעפּ־ווינט. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ ווילדע פרייד. גרישקע האָט אַרויסגעשיקט זיין באַגייסטערונג אין סטעפּ אַריין דורך שרייען, קוויטשען און שפּרינגען. צוליב אים טראָגט זיך דער דאָזיקער באַן. צוליב אים רעוועט דער לאָקאָמאָטיוו. צום ערשטן מאָל האָט ער עס דערשפּירט: אַלץ געהערט גרישקען, אַלץ איז פאַר אים! און ער האָט געשריגן אין דער אָפענער טיר מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיינע לונגען:

---

*) אַן אַלגעמיין־אָנגענומענער נאָמען פון אַ הונט אין דער רוסישער שפּראַך.

— אָ-הו-הו-הו-הו! . . .

אינאָווּנט, ווען אַרום און אַרום האָט זיך געשפּרייט די קילקייט און ס'האָט זיך געוואָלט זיין שטיל, פלעגט מען טרינקען מילך. וואַרעם, פריש מילך, אַליין אָנגעמאָלקן. אָך, איז דאָס מילך! צי דען לאָזט זיך עס דערציילן? צי דען לאָזט זיך דערציילן דער ערשטער וווּנדערלעכער חלום? נו, ווי לאָזט זיך דערציילן, ווי אַזוי מ'האָט אַליין אַרויסגעפירט די פערד פון די וואַגאָנעס, ווי מ'האָט אַליין געשפּאַנט די וועגענער? ווי אַזוי מ'איז געפאָרן אין דער פינצטערער נאַכט דורך אַן אומבאַקאַנטן וואַלד? און דער וואַלד האָט אַרומגענומען מיט אַ זיסער אימה. ווי אין אַ צויבער-מעשהלע!

V.

גרישקע האָט הויך געשריגן איבער דער אָזערע צו די בערג

— דאָ איז גוט!

די בערג האָבן אָפּגעענפערט:

— גוט.

לאַכט גרישקע.

— ביסט אַ מבין, בערג — און רעדן גאָר.

און דערפרישנדיק די ברוסט מיט לופט, האָט ער נאָכאַמאָל געשריגן.

די בערג האָבן זיך אָפּגערופן הויך און קראַכנדיק.

— ווידערקול רופט זיך דאָס. גו—ו—וט!

אומעטום שלאָגן דאָ לעבעדיקע אָדערן. יעדע זאַך גיט אַן ענטפער אויף גרישקעס רוף. נישט ווי אין שטאָט. דאָרט קען זיך אַ הינטל פּריינטלעך בילן און הינטנאַרום אויסקוקן ווי אַ ביס צו טאָן. די הייזער כאַפּן נישט אויף דעם מענטשלעכן קול.

סאַראַ פרייד דאָס איז צו פילן אונטערן פוס דעם שטיין. די זון האָט נאָך נישט באַוויזן זיך פונאַנדערצוגליען, און דער שטיין איז אַ וואַרעמער. ביי נאַכט האָט ער נישט פאַרלוירן די נעכטיקע וואַרעמקייט.

די כוואַליעס טראָגן זיך אויפ'ן שטיין. ציען מיט אַ גלייכ-

מעסיקן קול:

— או או—או—או... או—או—או... או—ך.

אייבע אַ גרויסע וואַקסט אָן צעהוליעט זיך. שרייט איבער אַלע פריערדיקע און קראַכט זיך פאַנאַנדער.

— או—אוכ—כו—כו—או—או!..

און פאַרגיסט גרישקעס באָרוועסע פיס. זיי זענען פון אויבן ביז אַראָפּ צודראַפּעט פון שטיינער און קוסטעס. הויבט די זון אָן טריקענען — שמערצט. ס'איז אָבער גוט.

— שינד, מאַמעלע וואַסער, וואַש אָפּ.

אַראָפּגעוואָרפן די קורצע הויזלעך (קיין העמדער טראָגן נישט די ייִנגלעך אין הייסע טעג) — און אין וואַסער. עס כאַפּט אַרום, עס טוליעט זיך צו, און ס'ווילט זיך ווידער שרייען. ער רעדט מיט די כוואַליעס, מיטן הימל, מיטן וואַלד, מיט די בערג, מיט פייגלען, חיות און מענטשן.

— האָ—האָ—האָ—האָ!

און פון באַרג טראָגט זיך אַ קינדישער ענטפער:

— פעסק—אָ—אָוו! גרישקע שריי—ע—ער!

און דריי טראָגן זיך שוין פון באַרג, נאַקעטע ביזן גאַרטל, אין קורצע הויזלעך. מיט די פיס קלאַפּן זיי אַראָפּ שטיינער פונעם שפּיציקן אַראָפּלאָז. פאָראויס לויפט טייטשיבאָוו, דער באַשקירל, מיט וועלכן גרישקע איז געקומען אהער צוזאַמען.

דער קאָפּ — אויף אַ זייט און הירזשעט ווי אַ סטעפּ־פערד. דערנאָך, מיט איין חיהיש־לייכטן שפּרונג פונעם לעצטן באַרג־שוועל — צו גרישקען אויפן ברעג.

— אינגיכן דאַרף בלאָזן האָרן! פאַרוואָס ערשטער געלאָפן? ווען נישט אַרבעטן, ווען דען עסן?

— איך האָב ווייניק געאַרבעט? די מחמדישער פגע־רע! פריער פאַר אַלע האָב איך געטראָגן וואַסער פון פעסל, מילך געמאָסטן. ווו האָסטו די אויגן? פון הינטן?

— נו גוט־שע, גוט. היידאַ, ניורע מיכן קאָפּ, כ'וויל זען.

און אַליין איז ער שוין אין וואַסער. קוויטשעט פריי־דיק. גרישקע לויפט פאַלגעוודיק אַרויס אויפן זאַמד. שטעלט

זיך אויף די העגט מיטן קאָפּ אַראָפּ, קערט זיך פלינק איבער אין דער לופטן. און מיטן קאָפּ אין וואַסער.

טייטשינאָוו איז פאַרכלינעט מיט באַגייסטערונג.

— מיטן קאָ—אָפּ ניורעט! מיטן קאָפּ! אוי—אוי—אוי!...

דער בלוי־אויגיקער פּאָליאַקאָל וואָיציעכאָווסקי האָט אויך אַ ניורע געטאָן מיטן קאָפּ. מיטן ווייסן, כלומרשט צאַרטן, אָבער באמת שטאַרקן קערפּערל, האָט ער אַ בלישטש געטאָן אין דער לופטן.

ערנסט פּירקעט אין וואַסער דער שטאַרקער, ברייט־פּליי־ציקער כאַכאָל נ אַ ד ט א ט ש י און פּלוצים רעוועט ער מיט אַ באַס:

אָהאָ—האָ—האָ! אָט דאָס הייסט אַן אָזערע! אַן אָזערע פון אָזערע־לאַנד!

די אָזערע איז אַ גוטע. היינט איז זי בלוי, פריידיק. אָבער אַמאָל שטעלט זי זיך גלייך פון פרימאָרגן אויף די הינטערשטע פיס. זי כעסט זיך און שפייט מיט ווייסן שוים. און אַליין ווערט זי אַ גרויע. און תמיד רוישט זי. אין רוישן וועט זי זיך פאַרגלייכן מיטן ים. איז זי רויק, לאָזט זי זען כמעט ביזן סאַמע דעק דעם גאַנצן אָזערע־לעבן. עפּעס לייט זענען דאָ געקומען צופאָרן מיט אַלערליי מכשירים. אויסגע־מאָסטן די אָזערע אין דער לענג און אין דער ברייט. די קינדער נאָך דער ריי נאָך מיטגענומען מיט זיך אין לאָדקע. האָבן אָט די דאָזיקע געערעדט אויפן געלערנטן־לשון: די וואַ־סער איז אין איר ראַדיאָ־אַקטיוונע. חברה האָט מיט שטאָלץ איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן:

— אין אונזער אָזערע איז די וואַסער ראַדיאָאַקטיוונע.

די אָזערע איז גרויס. ווי נאָר דו גייסט אַרויס צו איר פון וואַלד, ווערט זי גלייך ברייט און רחבותדיק. די ברעגעס האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין דער הויך מיט בערג, מיט הויכע וואַלדיקע בערג. זיי דרויען די וואָלקנס. אָבער די אָזערע דריקן זיי נישט. אין באַרגיקן בעכער וויגט זי זיך פריי, אַ ריינע. און דער וואַלד פרייט זיך מיט דער אָזערע. די בעריאָזקעס

בוקן זיך. די סאָסנעס און יעגלינעס שיקן סמאָלע-ריחות. אין וואַלד פאַרבאָרגן זיך הייזער-דאַטשעס. און נאָר די נאָנטע האָבן זיך אַרויסגערוקט אויפן סאַמע ברעג, אויפן שפּיץ, האַרט איבערן ברעג צירן זיך זיבן דאַטשעס. די קינדער-קאָלאָניע. זי האָט זיך אָפּגערוקט פון דאָרף און די אַנדערע דאַטשעס.

אַ פרייליכער ברעג בײַ די קאָלאָניסטן. ביים צופאָר וויגן זיך פיר לאָדקעס. און שענער פאַר אַלע איז די ווייסע זעגל-שיפל „דיאַנאַ“. אַ לייוונט אויף צוויי הויכע פלעקלעך ציט צו דעם בליק מיט איר גרעלער אויפשריפט:

— אַרבעט און וויסן האָבן באַזיגט די סטיכיע.

גרישקע האָט ליב די דאָזיקע אויפשריפט. יעדעס מאָל ביים אומקערן זיך צום צופאָר אויף אַ לאָדקע, לעזט ער איבער אויפן קול:

— „באַזיגט די סטיכיע“. אָט-וואָס!

אָט דאָס הייסט אַ וואָרט. סטיכיע. וועסט עס נישט דערקלערן, אָבער הערסטו עס נאָר — ווילט זיך זיין אַ העלד. סטיכיע! און די אָזערע איז אַ סטיכיע. דעריבער רוישט זי.

דער גאַנצער ברעג האָט זיך באַצירט ביים סאַמע וואַסער מיט אַ פאַרשידנפאַרביקן זוים פון קיילעכדיקע, גרויע און ווייסע שטיינדלעך און מיט זאַמד, באַגילט פון דער זון. אין איין אָרט האָט פון וואַלד אַרויסגעשטאַרטשעט אַ גרויסער, אַלטער פיען. די קינדער האָבן אויף אים אָנגעצייכנט אַ קאָפּ פון אַן אַלטן אין אַ רויטער היטל. מיט פאַרשידענע פאַרבן. און דער פיען קוקט, ווי אַ לעבעדיק פנים פון אַ זקן. נישט מער, וואָס ער טרייסלט נישט מיט קיין ווייסער באָרד. אַזוי איז ער ווי אַ לעבעדיקער! אָן קוקט ער פון ברעג.

מיט נאַקעטע פיס, ווי אַ וואַלד-חיה, אָבער אָן פעל, שטייט אויפן שפּיץ מאַרטינאָוו. אויך ער איז אין קורצע הויזן, ווי די קינדער, און אין אַ שיטער-געשטריקטער העמד ביזן גאַרטל. ער גייט און דריקט אַריין די שטיינער אויפן שפּיץ פון ווייטנס הודיעט ער.

— העי דאָרט! שמוציקער ערב - רב! זיך דורכ-

געפּליעסקעט? צייט אויפצוועקן די איבעריקע. שנעלער. זאָל מיר זיין — כּני!

פיר ייִנגלעך רופן זיך אָפּ אויף פאַרשידענע קולות:

— כּני!... כּני!... כּני!... סערגיי מיכאַליטש, כּני!

קיינער אין דער קאָלאָניע האָט נישט געוווּסט, וואָס באַדייט דאָס דאָזיקע וואָרט. און ביי מאַרטינאָוון באַדייט עס אַלץ. כּני — איז גוט, כּני — איז שלעכט. כּני — איז פלינק און שנעל. אַלץ, — וואָס דו ווילסט. און גרישקע האָט געהערט פון אים דאָס דאָזיקע וואָרט ערשט אין דער קאָלאָניע. אין שטאָט האָט ער עס נישט באַנוצט. דאָס איז מאַרטינאָווס אַ היימיש וואָרט. פאַר אייגענע.

גרישקע איז דער ערשטער צוגעלאָפן צום קיך. היינט האַלט אָרדנונג גרישקעס קאָמפּאַניע. זאַלבעאַכט. פיר מיידלעך צעשניידן איצט אויף דער וועראַנדע דאָס ברויט. אַך, ווער דאָס היינט זיין אַ מיטאָק! נעכטן האָט מען אָפּגערעדט קאָכן מאַנע-קאַשע אויף אַ נייעם אופן. מיט קירבּיס. די קינדער קאָכן אַליין און טראַכטן אַליין צו דעם מיטאָק. די דעזשורנע קאָמפּאַניעס ווילן זיך איבערשטייגן יעדן טאָג. ווער ס׳וועט בעסער אָנקאָרמענען. ברויט באַקן קענען זיי נאָך נישט. איז דאָ אַ בעקערקע. אָבער חוצדעם — איז אַלץ אַליין. האָלץ איז אָנגעגרייט אַ גאַנצער באַרג אויפן טאָג! נאָך אינאָוונט אָנגעהאַקט. גרישקע האָט פלינק און גיך געהאַקט. מאַרטינאָוו האָט דערזען, געמאַכט אַ מינע און אַ ריב געטאָן די הענט.

— אָהאָ, פּעסקאָוו — כּני!

אַ גאַנצן אָוונט האָט זיך גרישקע געפרייט מיטן שבח.

נו, איצט איז אַלץ פאַרטיק. מילך, געקאָכט וואַסער. דאָס ברויט האָבן .די מיידלעך צעלייגט.

זינגענדיק, אָבער מעכטיק האָט געשאַלט דער האָרן.

— טו-רו—רו—טורו—רו—טורו.

אויפן בּרעג האָבן זיך אַ שאָט געטאָן קינדער. פאַרשידנקולירדיקע. פאַרשידנקעפּיקע, בלויאויגיקע, שוואַרצאויגיקע— אַלערליי. זיי האָבן זיך געבאָדן, געפּליעסקעט, געצאַפּלט מיט

העגט און פּיס. די ייִנגלעך האָבן געקרעכצט, געאוכעט אויף זייער באָד־אָרט. ביים צופּאָר באָדן זיך די מיידלעך. זיי קוויטשען מיט דינינקע דורכדרינגנדיקע קולכלעך. אָפּגעשאָרענע, לייכטע אין שפּרינגען. עגלעך אויף ייִנגלעך.

דער האָרן שאַלט צום צווייטן מאָל.

אַ ליאַרעם האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון אָזערע צו די דאַטשעס. די מיידלעך האָבן אַ מיניע געטאָן מיט די ווייסע, אָן־אַרבלדיקע יאַקלעך. די נאַקעטע טאָרסן*) פון די ייִנגלעך האָבן זיך געגולט אויף דער זון. אַלע זענען געלאָפן אויף דער וועראַנדע — עס־צימער, ווי אויף אַן אָנגריף.

אַ קליינינקע שוואַרץ־קעפּלדיקע מיידעלע האָט אַרויסגעקלונגען פון עולם:

— ...ע שור ע, מיר גייען טיי טרינקען.

אָב עטון אין אַ גרויען קיך־כאַלאַט, שרייט גרישקע אַראָפּ פון ...ער גדע:

— העי! ...עי!... איך האָב געמאַכט אַ גראַם הע—ע—ערט: ע... שאַלט דער טרו...ייט טיי טרינקען גייט!

באַדטאַטש האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ ברייל:

— נישט טיי, נאָר קאַווע...

א ן מאַרטינאָוו איז אויך אינמיטן. ער מאַכט אַ מינע און באַסעוועט ווי אַ דיאַק*) אין צערקווע:

— איך קען אויסקומען אָן טיי אויך. כ'גיס אָן מיט קאַווע אַ פולן בויך. פּריצים! אפשר ווילט איר אַ גלעזל קאַווע?

ווי אַ כוואַליע האָט זיך צרום צוגאָסן אַ געלעכטער. און מאַרטינאָוו איז שוין אויפן הויף ביים שפּייכלער.

— ווער האָט צעוואָרפן די כאָמוטס? כני! העי, שלימזלס, נישטאָ קיין נאָכראַמערס. פּעטרוכע פּעדיאָכין, דו ביסט געכטן אַרויסגעפאָרן בייַנאַכט פּאַשן די פערד? און נאָך ווער? ווידער איינגעאָרדנט אַ פערד־געיעג?

---

*) טאָרס — אויבערשטער האַלב־קערפּער.
*) אַ צערקווע זינגער.

מיט ברייט צעשטעלטע פיס איז ער ווי איינגעוואַקסן לעבן שפייכלער אין דער ערד. לעבן אים שטייט מיט צוזאַמענגעצויגענע דינע ליפן דער סאָווכאָז *). קלאָגט זיך.

— קיין קוטשערס הייסט איר נישט אָנדינגען, ניקאָלאַי איז כמעט תמיד אונטערוועגס. און וואָס פאַרא בעלי-בתים זענען דאָס? זיי וועלן אַלע בהמות פטרן. אַבי ס'זאָל הייסן, זיי זענען אַרבעטער?

— אַרבעטער — אַ וואַזשנע תורה! זיי וועלן זיך אויסלערנען, פעסקאָוו. וואָס שפּרינגסטו מיטן טיי, ווי אַ פערד? זע נאָר, ווי ס'גיסט זיך פונם טשייניק. כּני!

און פעסקאָוו דערזעט אַנאַ סערגעעיווען. זי גייט אַ הויכע, אַ ווייסינקע, אַ שטיליגקע. זי צוקט אויף די קינדער מיטן ווינקל פון מויל. דאָס איז ביי איר שמייכל אַ אַזאַ.

קיין שום זאַך און קיינעם האָט גרישקע פריער נישט ליב געהאַט. צו אַלץ געווען גלייכגילטיק. און אין קאָלאָניע האָט ער אַלעמען ליב געקריגן. אַנאַ סערגעעוונען מער פאַר אַלעמען. ווי די זון איז זי. בערג, אָזערע, וואַלד — אַלץ איז גוט! אָבער די זון איז בעסער פאַר אַלץ. פאַרוואָס איז זי — די זון? אַזוי גרישקע ווייס נישט. גיט זי אָבער אַ קוק, ווערט אַלץ אַרום נאָך שענער. איז זיי אויסגעקומען צוזאַמען דעזשורען, פלעגט ער טראָגן מיט איר די פּאַמוניצע ווי אַן איקאָנע. מאַרטינאָוו האָט עס אַ צוויי מאָל באַמערקט. אַזש אַ קרעכץ געטאָן:

— ער וואַקסט, דער זשוליק! — און מיט כּעס אַ זאָג געטאַן „כּני”.

אָבער דערנאָך האָט ער זיך נענטער צוגעקוקט: ביי גרישקע איז פרילינג. נישטאָ אין די בליקן קיין שמוץ און דער אויסדרוק פון כאַפּן. די גאַנצע פאַרשייווע קרעץ פון פריערדיקן נעוונד איז אָפּגעפאַלן. קיין שפּור נישט געלאָזן. געזונט. זיך אויסגעלייטערט.

— גריגאָרי פעסקאָוו, כּני!

אויף די אַנדערע האָט ער אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט. מ'האָט

*) ווירטשאַפט-פאַרוואַלטער

זיך איבערגעוואָרפן מיט די מיידלעך מיט צאַרטע בליקן. ליסאַיצוון האָט מען גערייצט מיט דער גרויסער ניורע, אָבער ס'איז נישט געווען צו באַמערקן קיין מוטנע, צו פרי רייף-געוואָרענע תאווה. מ'האָט זיך צוגעוווינט צו די מיידלעך. די באַרירונג פלעגט נישט אַ ברי טאָן. ס'איז דאָ נישט פאָרגעקומען דאָס, וואָס געשיט אָפט אין די שטאָטישע קינדער-הייזער. ער האָט זיך אַליין געוווּנדערט.

— אָט וואָס הייסט מוטער-נאַטור און אַרבעט! אויסגעהיילט וויפל ברוד האָט די שטאָט אַרויפגעקלעפט אויף די דאָזיקע קינדער: אָפּגעוואַשן. זיי וואַקסן ווי ס'געהער צו זיין, ווי דאָס געזונטע.

ער האָט געמאַכט אַ מינע, ויך אַ קלאַפּ געטאָן איבער די פּיס און פאַרענדיקט מיטן געדאַנק:

— ווען ס'וועט קומען די צייט וועלן זיי אויפשטעלן אַ גוטן דור.

די ברייטע ווערענדע הוידעט. דאָ געפינט זיך די גאַנצע קאָלאָניע. אי די קינדער, אי די לערער, אי דער קוטשער מיט דער בעקערקע, אי די וועשין מיט דער שניידערקע. ס'איז נישט לייכט אויפצוזוכן די דערוואַקסענע. זיי זענען בלויז זאַלבעניינט אין דער קאָלאָניע און קינדער — א מאה.

נאָכן טיי-טרינקען האָבן זיך אַלע צעשאָטן פּאַרטיעסווייז אין פאַרשידענע זייטן. איין פּאַרטיע איז אַוועק אין וואַלד אָנקלויבן שוועמלעך אויפן ווינטער. דאָס פערד האָט פּאַמעלעך געשלעפּט דעם וואָגן איבערן וועג. די קינדער האָבן געמאַכט קוילקאָפּס אין גראָז. אַ דינינקער, אַ לייכטער, ענגלעך אויף אַ שטאַלטנער סאָסנעלע, האָט דער טאַטאַרל געפירט פּאַראויס צו ערטער פון שוועמלעך. ער איז דער ערשטער גייער אין דער קאָלאָניע, קען אויסגעפונדן אַלע ערטער. איינמאָל איז מען אַוועק נעכטיקן אין וואַלד, אויף זיבן וויאָרסט פון דער קאָלאָניע, האָט מען פאַרגעסן מיטצונעמען דעקעס. איז ער געלאָפן, — געבראַכט די קאָלדרעס. דערנאָך איז ער אַ גאַנצן טאָג אָן מידקייט אונטערגעשפּרונגען מיט אַ יעגער נאָך אַ פויגל. אויך איצט איז ער געגאַנ-

גען, ווי מיט דער הילף פון פליגלען אויף דער פלייצע. פלוצלינג איז ער שטיין געבליבן:

— אַ שוועמלעך-ווינקל! היידאַ!

האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט.

די צווייטע פּאַרטיע איז מיט געזאַנג אָפּגעשוואָמען אַ־יף אַ לאָדקע. צום צווייטן ברעג, צו דער העל-רויטער ראַבינע. דער פראָסט האָט זיך נאָך נישט דערקליבן צו איר. מ׳דאַרף אָנקלויבן צום טריקענען. די אָזערע רוישט ביי די ברעגעס און אינמיטן איז קיין קנייטשעלע נישטאָ. ס׳איז אַ טאָג עס איז היינט!

גרישקע איז אין דער דריטער פּאַרטיע. מיט די סאַמע גרויסע איז ער אַוועק מיט לידער אַ וויאָרסט דריי צו דער פערמע. מאַרטינאָוו מיט זיי. ער האָט אויסגעקעמפט אַ נייע דאַטשע. אַ גאַנצן גוט. מ׳האָט דאָרט איצט געבויט. די קאָלאָניסטן האָבן צונויפגעשלאָגן שטאַלן, געגראָבן גריבער, געפירט ברעטער, געשלעפט שטיינער, געדאָלבעט זיי מיט די קירקעס. עקשנותדיק.

די פיס ווערן צעהאַקט אויף דער אַרבעט ביז בלוט, און דער ווייטאָק לעשט נישט אויס די פרייד. מאַרטינאָוו האָט דאָרט צוגעטראַכט איינצוואָרדנען אַן אָראַנזשעריע אויפן ווינטער.

אין נאַראָבראַז האָט מען געחוזקט.

— ווענן עלעקטריפיצירן אייער קאָלאָניע טראַכט איר נאָך נישט?

ער האָט צוגעלאַכט אַ ביסל, געריבן די הענט און פעסט נעענטפערט:

— איך טראַכט. כ׳וועל אַוועקשטעלן אויף ווינטער אַן עלעקטרישע מאַשין.

אַלע לאַכן אָפּ פון אים. אָבער די מאַשין האָט ער טאַקע אַראָפּגעבראַכט פון דער גובערניע-שטאָט.

אין נאַראָבראַז שטויגט מען.

— אַ כוואַט אַ יונג!

און די קינדער רעדן:

— מאַרטינאָוו איז שוין איינמאָל — כני!

און בעת מאַרטינאָוו דערציילט, ווי די קאָלאָניע וועט

באַשיינען די גאַנצע געגנט, ווי ער וועט צעוואַרפן אַרום און אַרום דריי, צען, צוואַנציק אַזעלכע קאָלאָניעס — גלויבן די קינדער. אויך זיי לאַכן, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן, פון פרייד. ווי מען לאַכט, ווען ס'פאַרכאַפּט דעם אָטעם

גרישקע טראַכט:

— פאַרשידענע מענטשן געזען, אָבער אַזאַ איינעם נישט! אַן איינגרייסער!

אין קאָלאָניע געפינען זיך פאַרשידענע קינדער. קינדער פון אָרעמע עלטערן, פון שטיין-קוילן-ראַיאָן, יתומים פון קינדער-היימען. געזעצברעכער, ווי גרישקע. בלויז קראַנקע און שוואַכע נעמט נישט מאַרטינאָוו.

— סענטימענטן! מ'דאַרף רייניקן די ערד. די קראַנקע זאָלן אויסשטאַרבן. איז דאָ איין ביסן — גיב אים אָפּ אַ געזונטן. אַ ווערע פאַר די געזונטע! אַ גנב, אַ זשוליק — גיט צוהער. איז נאָר דער גוף אַ געזונטער, וועט ער זיך אויסגלייכן.

נישט אַלע האָבן זיך אויסגעגלייכט. ערגעץ-וואו אין דער טיף האָט זיך פעסט איינגעפרעסן די פוילעניש. זיי האָבן געליטן אין דער סביבה פון שטענדיקער פראַצע. פלעגן אָפּשטיין אין דער אַרבעט, נאָך איר — זיין אָנגעכמורעט. פלעגט מאַרטינאָוו מאַכן אַ מינע און זיי אָפּשיקן צוריק אין שטאָט.

אַ סך ערהאָט לערער צוריק פאַריאָגט.

— שרייבט אינסטרוקציעס, דאָס קומט ביי אייך אַרויס זייער גוט.

עפעס איינע אַ ווייסינקע, שיינינקע פריילן איז געקומען צופאָרן. זי האָט געוואָלט לערנען צייכענען. פלעגט כסדר מאָלן בלימעלעך און פאַרבינדן אויפן קאָפּ די טיכל אויף אַלערליי אופנים. איינמאָל נאָך דער באָד האָט זי פאַרבונדן אַזוי, אַז ס'איז ענלעך געווען אויף אַן איקאָנע.

ווי גרישקע האָט עס דערזען, אַז ער הויבט עס אָן צו זינגען:

— גאָטס מוטער, הייליקע בתולה פריי זיך!

האָט מען זי געגעבן אַ צונאָמען: גאָטסמוטער. און אַז

זי טוט זיך אָן, ווי אַלע לערערקעס, אין ברייטע הויזן און אַ העמדל, באַמבלט זיך פון האַלדז אַ גאָלדענע קייטעלע מיט עפּעס אַ שמאָכטע, און אויפן האַנט אַ בראַסלעט. ביי די קינדער איז עס אַ חוזק. קלייבט מען זיך פאָרן אַ ביסל ווייטער, האַלט זי אין איין נאָכפרעגן:

— און קיין רעגן וועט נישט גיין?

טייטשינאָוו קוויטשעט:

— אוי—אוי... אַ שרעק! וועט אויסגעווייקט ווערן.

אַ סך גיין האָט זי נישט געקענט. פלעגט שלאַף ווערן. איינמאָל איז זי פאַרמאַטערט געוואָרן און געבעטן די קינדער זי אונטערצוטראָגן. ביי די קינדער האָט עס אַ ווערט? צונויפגעפלאָכטן די הענט, אַוועקגעזעצט. און זי — שמייכעלעך אויף אַלע זייטן, ווי מתנהלעך.

מאַרטינאָוו האָט עס דערזען און אַ ריטשע געטאָן:

— ניקאָלאַי! מאָרגן פרי וועסטו אָפּפירן אויף דער סטאַציע קלאַוודיא פּעטראָוונען. מ׳דאַרף זי עקסטרענע גיך צושטעלן אין שטאָט.

און מ׳האָט זי אַוועקגעפירט.

ביז מיטאָג פלעגן אַלע אַרבעטן אין פאַרשידענע ערטער. נאָכמיטאָג — אין קאָלאָניע. איינער האָט זיך געוואַשן גרעט, דער צווייטער — צוגעראָמט דעם הויף, דער דריטער — געאַרבעט מיט די טשעסליאַרעס. האָט מען געענדיקט די אַרבעט, איז מען געגאַנגען אין ביבליאָטעק. געלייענט ביכער. אָבער ווינציק לייענער געווען. דער בוך האָט נישט צוגעצויגן. די ביכער-ווערטער זענען נאָך פאָרגעקומען טויט. מען האָט ליב געהאַט צו קוקן בילדער. אין שאַכמאַט און דאַמקע האָט מען געשפּילט אויף וואָס די וועלט שטייט. אין די פאַרנאַכט-שעהן, ביז ס׳ווערט טונקל, שפּילט מען לעם קולטור-הויז. אַזוי רופט זיך די דאַטשע, וווּ ס׳געפינען זיך די ביבליאָטעק און דער אַסיפה-זאַל. מ׳האָט געשפּילט אין באַסקעט-באָל, אין קעגלעס, אין האַנט-באָל. נאָך אָוונטברויט זינגט מען. אַמאָל דערציילט מען זיך מעשיות. אַמאָל — טאַנצט מען. מ׳פלעגט זינגען גרישקעס

באַליבטן אינטערנאַציאָנאַל און רוסישע מעלאָנכאָלישע לידער

איין לערער האָט געהאַט אַ גוטע שטימע. אויך די גרויסע ניורע. נו, האָט מען עס געזונגען אַ ביסל! ביי גרישקען אין האַלדז האָט עפּעס געצופּט און איבערן לייב איז דורכגעלאָפן אַ ציטער. אַנדערע דערציילונגען זענען געווען גוט, אַנדערע — ערגער. הערן האָט מען נישט גענויט. איין דערציילונג האָט גרישקע ליב געהאַט מער ווי אַלע. ווי אַזוי אַ גאַנצע מלוכה איז אַוועק פון הונגער אויף נייע ערד. האָט זי זיך באַזעצט צווישן הויכע בערג, און דאָרט איז ביי זיי געווען איינער אַ שיסער. ער האָט אַראָפּגעשאָסן אַן עפּל פון זיין זונס קאָפּ. גערופן האָט מען אים ווילהעלם טעל. אַך, ווי גוט! וואָלט איך נישט אַראָפּגעשאָסן, זאָגט ער, איז שוין צוגעגרייט פאַר דיר אַן אַנדער פייל. דאָס זאָגט ער צום הערשער. וואָס איז ווי אַ קיסר, אַ שטייגער.

און גרישקען דאַכט זיך, אַז דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען דאָ אין די בערג, וווּ די קאָלאָניע געפינט זיך. און אויך אַן אַזעלכע איז דאָ... מיט אַלע פּיטשעווקעס. אויך פון זיכלעך פלעגט מען לייענען. וועגן טאַראַס בולבאַ*) איז זייער גוט.

אָבער גרישקע אַליין, ווי דער רוב קינדער, האָט נישט ליב געהאַט צו לייענען. דער לעבעדיקער לעבן האָט געשטעלט אין שאָטן דעם בוך. נאָך אָוונט־ברויט פלעגט די צייט אַוועקפליען ווי איין מינוט. און כאָטש פאַרן טאָג פלעגן ווי זיך אָנמאַטערן, האָט זיך דאָך נישט געוואָלט אַוועקגיין, ווען מאַרטינאָוו פלעגט שרייען: „שלאָפן, שלאָפן.“ לאַכנדיק און רייבנדיק די הענט, פלעגט מאַרטינאָוו אַלעמען אַרויסשטויסן פון קולטור־הויז. פלעגט מען זיך צעשיטן איבער די דאַטשעס. אַנידערפאַלן אויף די בעטן. און גלייך קומט דער שלאָף. אַ לייכטער. אָן טרויעריקע חלומות. אין שלאָף פלעגן די ייִנגלעך די ערשטע צייט זיין צעלאָזן, אָבער דערנאָך פלעגט שוין גרישקע גאָרנישט זען. דער עיקר — אַ גאַנצן טאָג זיך נישט צוזעצן. די בעט באַרויקט תיכף.

*) דאָס באַרימטע ווערק פון רוסישן גרויסן שרייבער גאָגאָל (דער איב.)

און דער זומער שטעכט אָן איין טאָג נאָכן צווייטן אויף אַ פּאָדים, און דער פּאָדים ענדיקט זיך שוין באַלד. די זון גייט שוין בארג אַראָפּ. זיך איינגעמאַטערט. די וואַרימט, וואַרימט און באַהאַלט זיך אָפּרוען. צווישן די בוימער ציטערן שפּינוועבס־פּעדימלעך. די בלעטער באַגילדן זיך פאַרן טויט.

ווען מאַרטינאָווס קאָלאָניע האָט מען גענומען רעדן, פון שטאָט איז מען געקומען באַטראַכטן. מ׳האָט קיין שבחים נישט געזאָגט.

איין קאָמיסיע האָט ערקלערט: — די קינדער באַקומען נישט קיין בילדונג, צופיל שווערע פיזישע אַרבעט. אין דאָזיקן עלטער איז עס שעדלעך.

מאַרטינאָוו האָט זיך געצאַפּלט, געריבן די הענט און כיכיקעט.

— אייך ווילט זיך נאָר אַרבעטן פאַרן פאָטאָגראַף? טאַנצט זיך ווייטער, ווייטער פון אונז. דאָ איז אָן אייגענע בילדונג. ס׳וועט קומען ווינטער, וועט מען זיך זעצן פאַר די ביכער. איצט איז קיין צייט נישטאָ. מ׳דאַרף אַרבעטן, כדי ווינטער נישט פגרן פון הונגער. ווינטער וועט איר די קינדער־הייזער פאַרמאַכן, און מיר וועלן אויסהאַלטן. קראַנקע האָט איר געזען ביי מיר? כני!

ס׳איז געקומען צופאָרן עפּעס אייגע אַ מאָסקווער פרוי, אַ דאַרע, אַ געלע. מ׳האָט זי געשיקט זיך אונטערפאַסן. און, אגב אורחא, צוליב עפּעס אַן ענין. אומעטום האָט זי אַרומגעשמעקט מיט צוזאַמענגעצויגענע ליפּן.

— דאָ זענען דאָ מאָראַליש־דעפעקטיווע. מ׳פירט נישט מיט זיי קיין באַזונדערע אַרבעט.

— מאַרטינאָוו האָט זיך געקלאַפּט איבער די היפטן און ווידער געלאַכט.

— שרייבט אָן וועגן דעם אַ ביכעלע, ס׳וועט אונז צוגיין קומען אויף אונטערווישן.

און פּלוצלונג פאַלט ער אַריין אין גרימצאָרן:

— כ׳האָב געבראַכט פון שטאָט גנבים. ווו זענען ביי

אונז שלעסער? בלויז אויף די שפּייכלערס. און די שליסלען ביי וועמען געפינען זיך? ביי די גנבים גופא. וואָס איז פאַרמאַלן געוואָרן? אויף ביינאַכט לאָזן מיר אָפן איבער אין ניי־צימער די גאַנצע סחורה. וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן? נישט די טירן, נישט דער טויער ווערן נישט פאַרמאַכט. דער איינציגער שומר איז דער הינטל מיכרוטקא. אָט נעמט דעם געזעצברעכער גריגאָרי פּעסקאָוו. גאַנץ סיביר איז ער אויסגעגאַנגען. דעם גאַנצן זידל־לעקסיקאָן אויסגעלערנט. און איצט קוקט זיך צו אים צו. אַפילו אַריינלאָזן אים אין אייער געמייזאכטס איז קיין מורא נישט. כ'האָב אַ סך געזעצברעכער. ווייזט אָן וועלכע! נו, ווייזט אָן! אהאַ! כני!

די מאָסקווער דאַמע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— מיט די עלטערן זענט איר זייער גראָב. די אָרימע מאַמעס קומען צופאָרן זיך זען מיט די קינדער, און איר יאָגט זיי אַרויס שוין אויפן צווייטן טאָג.

האָט ער זיך געקלאַפּט איבער די היפטן און פריילעך מסכים געווען:

— אָט דאָס איז ריכטיק. קיין מאַמעס ליב איך נישט! זיי דרייען דאָ אַ ספּאָדיק. און די קינדער האָבן קיין צייט נישט פּוסט־און־פּאַסטעווען. און אַליין זיצן זיי אויך נישט מיט זיי. „אָך, מאַמעלע“... „אָך זונעלע“. דאָס, חברטע מאַדאַם, קען מען זיך דערלויבן, ווען מ'לעבט ווי אַ גבירטע. אָבער איצט דאַרף מען אַרבעטן, זיך אַליין ראַטעווען. כני!

האָט די מאָסקווער דאַמע אָנגעבלאָזן די ליפּן און אַוועקגעפאָרן. מ'האָט זי גופא שיר נישט אַריינגעשלעפּט אין דער אַרבעט.

אַ האַלבן וויאָרסט פון קאָלאָניע, האָט אָנגעהויבן דאַטשעס דער זדראַוואָטדעל *). אַ קוראָרט. אַן אָפּרו־אָרט פאַר די סאָוויעטישע באַאַמטע. מאַדאַמען קלויבן אָן שמאַלץ. קומען זיך דורכשפּאַצירן מיט קאַוואַלערן אויך איבער דער קאָלאָניע. כאַרטיבאָוו האָט זיך איינגעהאַלטן דעם ערשטן מאָל, אַ צווייטן.

*) געזונט־אָפּטיילונג.

דערנאָך איז ער איינמאָל אַרויסגעשפּרונגען פון קיך אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט דער שוים־לעפל אין האַנט. ער האָט יענעם טאָג דזשורעט. און גענומען צוואָגן.

— וואָס בולוואַרן זענען דאָ פאַר אייך? אפשר ווילן די מאַדאַמען דאָ,ס געפעס וואַשן? ניין? טאָ זייט מוחל אויף יענעם זייט טויער. וואַרפט זיך אַרויס! דאָ איז נישט קיין אָרט צו פּוסט־און־פּאַסעווען. קלאָגט זיך, קלאַגט זיך. קלאַפּט אַ דעפּעש אין אָוונאַרקאָם *). כני!

קוים וואָס זיי האָבן געפונען דאָס טירל.

און די קינדער האָבן דערנאָך אויסגעמאָלט אַ בילדל. זייער געקראַטעטן פּאַרקאַן. אויפן פּאַרקאַן ביים טירל ברומט מאַרטינאָוו אין געשטאַלט פון אַ בער. פון אונטן בילט מיכ־ריוטקאָ. און אַן אונטערשריפט:

— צי קענט איר נישט, מאַדאַמען, קאַוואַלירן, אַן אַנ־דער אָרט געפינען פאַר אייערע שפּאַצירן.

מאַרטינאָוו אַליין האַלט תמיד אין איין אַרומשנאָרכן. קיין ביכלעך לייענט ער נישט, דערציילט נישט. נישטאָ קיין צייט. אָרדנט איין אין דער קאָלאָניע און פּאָרט אין שטאָט נאָך מעל. דערנאָך קריגט ער אַרויס האָלץ פאַר דער קאָלאָניע. אַליין שלעפּט ער אין זיין מוראַשניק. די מוליאַרעס פאָדערן הערמעטישע שיבערס צו די אויוונס. די קאָלאָניע גרייט זיך צום ווינטער. נישטאָ קיין שיבערס. איז ער אַליין אַוועק מיט ניקאָלאַיען אין די ליידיקע דאַטשעס פון זדראַוואָטדעל און פון דאָרט אַרויסגעריסן. די קוראָרט־מאַכט האָט זיך געקלאָגט אין גובערניע: די דאַטשעס בוסטעווען, מיר וועלן זיי אָבער רע־מאָנטירן, און ער האָט צוגעצויגן. דער זדראַוואָטדעל גרייט זיך שוין צום רעמאָנט אַ יאָר צייט.

מאַרטינאָוו האָט באַקומען פון שטאָט אַ פּאַפּירל.

— כני!

און צוריסן דאָס פּאַפּירל. היינט גיי טו אים עפּעס! דער האַרבסט האָט זיין פּאָדים דערשפּינט ביז אַ העלפט.

---

*) ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן.

די בעריאָזעס שטייען אָן בלעטער. דער וואַלד איז געוואָרן וויסט, טונקל. דער הימל — אָנגעכמורעט. צאָרנדיק ווייַנט ער מיט אַ שלאַקס־רעגן. די אָזערע האָט שוין מער נישט געבלויט. זי איז שוואַרץ געוואָרן און מיט אַ רעוועץ שלאָגט זי די ברעגעס. די פייגלען זענען אַוועקגעפלויגן. אויפן פעלד האָט זיך באַוויזן אַ וואָלף. אין די דאַטשעס האָט מען געגומען הייצן די אויוונס. די ייִנגלעך האָבן אָנגעטאָן לאַנגע הויזן. די מיידלעך — קליידער. דער קור־אָרט איז פוסט געוואָרן. פון די בערג האָט אַ בלאָז געטאָן אַ בייזער ווינט. ער שפּאַצירט איבער די ליידיקע דאַטשעס. אין קאָלאָניע קלאַפּט ער מיט רשעות אין די דעכער. וויל זיי אָפּרייסן.

און נישט נאָר רעגן און כמאַרעס האָט געבראַכט דער האַרבסט. דער הונגער האָט זיך בענטער צוגערוקט צו דער קאָלאָניע. מאַרטיניאָוו איז פון שטאָט צוריקגעקומען אַ בייזער נישט געגלעט מיט זיין „כני״, זיך געזידלט.

אויף דער פאַרזאַמלונג האָט ער געזאָגט צו די קינדער:

— וויפל מעל ס'איז דאָ, מוז עס סטייען אויף אַ חודש.

די ווירטשאַפטס־קאָמיסיע האָט אויסגערעכנט און באַשטימט די פּאָרציע: דריי פערטל פונט ברויט. קיין פליש האָט מען נישט אָנגעזען. די פיש פון אָזערע האָבן איינטערגעהאַלטן. שווער איז אויסגעקומען די קינדער. די אַרבעט איז אַ שווערע. מ'האָט געאַקערט די פעלדער. מ'איז קנאַפּ אָרט אויף זייען. האָט מען אויסגעקאַרטשעוועט פעניעס אין וואַלד. אויף דער פערמע האָט מען געהאַלטן אין פאַרענדיקן די אַרבעט. ס'איז אַראָפּגעפאָרן אַ טעכניק איינצוואָרדנען די עלעקטרי. האָט מען זיך דערפרייט, פאַרגעסן די מידקייט.

גרישקע האָט נישט לאַנג געהערט וועגן אַמעריקע, און די אויגן האָבן אים איצט געגלאַנצט.

— חברים, אויפן פערמע ביי אונז איז די נייע ערד. דאָרט איז — אַמעריקע. און אין דער אַלטער קאָלאָניע — אייראָפּע. אָט וואָס!

און חברה האָט אונטערגעכאַפּט.

— היידא אין אייראָפּע! ווער נעכטיקט היינט אין אַמע־ריקע? וועמעס ריי?

פּאַרטיעסווייז איז מען לויט דער ריי נאָך געבליבן אויף ביינאַכט מיטן טעכניק. אין די אָוונטן האָט מען געניייט דע־קעס. סיי די יינגלעך, סיי די מיידלעך. מ׳האָט זיך געמוזט צואיילן. מ׳האָט שפּעט באַקומען די וואַטע. מ׳האָט אַראָפּגע־בראַכט נאָך אַ נייטאָרקע, אָבער די נייטערקעס האָבן פאַרטיק געמאַכט די אייבערשטע בגדים.

און דער ווינט פון די בערג איז אַלץ ווילדער און ווילד־דער געוואָרן. מיט אַ רשעותדיקן וואָיען פלעגט ער זיך וואַרפן אין די פענסטער, געיאָמערט אין די קוימענס. די אויוונס פלעגן זיך גיך אויסקילן. מ׳דאַרף אָנהאַקן און ברענגען אַ סך האָלץ. שניי־בערג וועלן אָנפאַלן, וועט מען נישט דורכקריכן.

נאָענט פון דער קאָלאָניע איז געווען אַ דאָרף, איז ער איינגאַנצן אומגעקומען. אין דאָרף האָט אויך זומער אויסגע־פעלט ברויט. מ׳האָט זיך גענערט מיט יאַגאָדעס, שוועמלעך, קאַרטאָפל. איז אויף קאַרטאָפל געווען אַ שלעכט גערעטעניש— האָט מען גענומען צומישן קאָרע צום ברויט. הונגעריקע קינ־דער לויפן זיך צונויף אין קאָלאָניע סטאַיעסווייז. ווי וואָראָ־ביישיקעס נאָך ברעקלעך. אין דאָרף האָט זיך געפונען אַ קינדער־הויז. זענען דאָרט די קינדער פאַרהונגערט געוואָרן. אויך זומער איז נישט געווען ווי אין קאָלאָניע, אָבער איצט האָט דאָרט דער טויט אַן אָטעם געטאָן. אויפן הויף פונם קוראָרט־זאַווכאָז האָט מען געכאַפּט יינגלעך פון קינדער־הויז. פליייש געגנבעט.

מאַרטינגאָו האָט דאָס דערציילט די קאָלאָניסטן.

גרישקע האָט אויפגעציטערט. די אויגן זענען טריב גע־וואָרן, און זיך געבומען בעטן:

— לאָמיר זיי נעמען צו זיך, אין קאָלאָניע.

אויף אַ פאַרזאַמלונג האָט מען באַשלאָסן צו באַטראַכטן דאָס דאָזיקע קינדער־הויז פאַר אַן אייגענע אָפּטיילונג. פאַנאַנ־דערטיילן דאָס ברויט אויך פאַר זיי. אויף יעדן איז אויסגע

קומען צו האַלבן־פונט. מ׳איז נאָך געווען שלעכטע בעלי־בתים. דאָס אָנגעגרייטע פון זומער, האָט מען צוביסלעך אויפגעגעסן. שוועמלעך איז געבליבן זייער ווייניק. די קאַרטאָפל האָט מען שפּעט אויסגעגראָבן. די העלפט האָט צוגנבעט דער דאָרף. דער גרינס־גאָרטן האָט ווייניק־וואָס געגעבן. די שטאָט גאָרבישט! די קאַשע האָט זיך שוין באַלד אויסגענומען. די קינדערשע באַקן האָבן גענומען וועלקן, זיך איינגעצייגן. מ׳ווערט גיך מיד, מ׳גייט זיך פריער לייגן. אָבער געלעכטער האָט נאָך אָפט געקלונגען.

מאַרטינאָוו פלעגט נאָך אונטערלאַכן און קאָמאַנדעווען.

— פאַרשטייפן די גאַרטלען! ציט איין די טשעמאָדאַנעס. כני!

אָבער זעלטענער פלעגט ער מאַכן מינעס און אָפט פאָרן אויף דער סטאַציע. איינמאָל אַ נאַכט האָט זיך די אָזערע צעשטורעמט. מיט אַ טרויעריקן רויש זיך געקלאַפט אָן די שטיינער. און פלוצלונג — אויפזידן מיט כעס, זיך פאַנאַנדערקראַכן.

— או—און... או—און. או—און!

דער ווינט האָט געריסן די ווענט. געוואָלט צוברעכן. געהודיעט אין קוימען: כ׳וועל אויסברעכן, כ׳וועל אויסברעכן.*) איז דער ווינט שטיל געוואָרן, פלעגט זיך דערטראָגן אַ וואָיען. וועלף, אָדער הונגעריקע הינט? קיין עלעקטרי האָט מען נאָך נישט דורכגעפירט. צו די שויבן איז צוגעפאַלן די פינצטערע נאַכט און פאַרכליבעט די דאַטשעס מיט אַן אימהדיקן חושך. די קינדער האָבן נישט געקענט איינשלאָפן. דער שמועס האָט זיך אויך נישט געקלעפט. האָט מען זיך איינגעהערט, ווי די ווענט טרעשטשען און די אָזערע וואָיעט. ווי זי וואָלט וועלן פאַנאַנדעררייסן די בערג. און אַלעמען, ווער ס׳איז נאָענט געווען האָט זי געשיקט אַ קללה.

גרישקע האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ:

— די סטיכיע.

*) אין רוסיש איז דער וואָרט ענלעך צום וואָיען פון הינט אין קוימען

אָבער וועגן ווערן אַ העלד האָט ער שוין נישט גע־טראַכט. די גאַנצע קאָלאָניע איז פאַרגעקומען קליין און ברו־כיק. און פון אַלעמען פאַרגעסן. איינע אַליין אין די בערג. און הינטער די ווענט ווייַנט עמיץ, דרויט, באַגלייט מיט אַ לויה־יאָמער. פאַרוואָס איז היינט אָנגעפאַלן אויף אַלעמען אַזאַ אימה? טייטשינאָוו האָט געזאָגט מיט טרויער:

— דער טויט נאָענט שפּאַצירט.

די איינגאַנג־טיר האָט אַ טראַסק געטאָן. אַלע האָבן אויפ־געציטערט. וואַיציעכאָווסקי האָט דערשראָקן אַ געשריי געטאָן. אָבער די שווערע טריט האָבן באַרויקט.

גרישקע האָט אויפגענומען מיט פרייד:

— סערגיי מיכאַליטש?

— איך!

און אַריין אין שלאָף־צימער. גרישקע איז געשלאָפן ביי דער טיר. אויף זיין בעט זיך שווער אַראָפּגעדריקט.

— איר שלאָפט נאָך נישט? איר פאַרנעמט זיך מיט שמועסלעך? כּני!

ביי גרישקען איז פאַרשוואונדן די אימה. אויך די אַנדע־רע יינגלעך האָבן זיך פריידיק צורודערט.

— מיר וועלן תּיכּף איינשלאָפן! איך, פעסקאָוו, בין ערב פאַר אַלע. אין אַ רגע וועלן מיר איינשלאָפן!

אָבער מאַרטינאָוו האָט מיד געזאָגט:

— ס'האַלט שמאָל, גריגאָרי פעסקאָוו. דער ענין איז—כּני!

— וואָס איז?

טייטשינאָוו האָט אַ שפרונג געטאָן פון בעט צו מאַרטי־נאָוון. אַלע האָבן זיך אויפגערודערט.

— אַ טעלעגראַמע פון גובאָנאָ*). מ'הייסט אייך אָפּפירן אין שטאָט, אין די קינדער־הייזער. מ'וועט אונז קיין פּראָ־דוקטן נישט געבן. און אַליין זענען מיר דאָך — כּני! מיר וועלן זיך נישט דורכלעבן

איז גרישקע אויפגעשפרונגען.

*) גובערניע-אָפּטיילונג פאַר פאָלקס־בילדונג.

— סערג יימיכאַליטש, דאָ וועל איך פּגרן, כ'וועל זיך פון אָרט נישט רירן. נישט אומזיסט איז אַזוי טרויעריק היינט!

ער ציטערט איבגאַנצן און — אַ פּאַל מיטן קאָפּ צווישן מאַרטינאָווס קני. קיינמאָל האָט מאַרטינאָוו נישט אַרומגענומען, נישט געקושט די קינדער. זעענדיק, ווי די מיידלעך נעמען זיך אַרום, פלעגט ער וואָרטשען:

— סאַנטימענטן!

און דאָ האָט ער מיט דער האַנט צוגעדריקט גרישקען צו זיך, און יענעמס ציטער האָט זיך אים אַליין איבערגעגעבן. אומרויק האָט ער אַ צאַפּל געטאָן אויפן בעט. די קינדער האָבן זיך צעליאַרעמט.

— נאָך וואָס אין שטאָט? אויב שטאַרבן, טאָ בעסער דאָ!

— קאָרע וועלן מיר עסן!

— און דאָרט וואָס וועט מען געבן?

— קריך נישט, וואַסקע! די קאָלאָניע האַלט ביים פּלאַצן, און ער קריכט אין אויער.

— סערגיי מיכאַליטש, דערלאָזט נישט דערצו.

און אַלע האָבן זיך צעהודיעט אויף פאַרשידענע קולות.

— דאָ וועלן מיר בלייבן! מיר וועלן ערגעץ נישט פאָ"ן.

— יאָ—אָ, פריינט... אויך די מיידלעך גאָרוואָס. האָבן צווייגט, און געטענהט דאָס זעלבע. דאָ דאַרף מען אַלץ באַטראַכטן. בני! איר ווייסט אַליין, אַרבעט איז דאָ און עסן ווינציק. שטאַרבן וועלן מיר נישט, אָבער — אויסמאַרנעווען זיך.

נאַדטאַטשי האָט באַרויקנדיק געבאַסעוועט:

— צי דען וועלן מיר נישט דערציען ביזן נייעם שניט? מיר וועלן דערציען. פעלד האָבן מיר אייגענע.

גרישקע האָט זיך איינגעטשעפּעט אין מאַרטינאָווס האַנט.

— סערגיי מיכאַליטש, איך וועל עסן אַ טאָג איבער אַ טאָג. זאָל מיר דער רוח כאַפּן, אויב יעדן טאָג!

און פּלוצלונג זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פון קול אַלע קינדישע טענער. ריכטיק ווי אויף איין מאָל איז ער געוואָרן

אַ דערוואַקסענער, און מיט א טיפן טרויער האָט ער אַרויס־
גערעדט:
— מאַכט אונז נישט צוריק פאַר געזעצברעכער.
מאַרטינאָוו האָט אים אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגען
און נישט דערזען — דערשפּירט אין זיי אַ שרעקלעכן טרויער־
ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַ מינע געמאַכט, אַ ריב געטאָן
די הענט און געזאָגט:
— כ'וועל נישט

JEWISH CULTURAL ... SASKATOON
קולטור